STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 02952

DI FORLOYFER FUNM VISNSHAFTLEKHN SOTSYALIZM

Pincas Lazaro Zitnitzky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ל. זשיטניצקי

די פֿאַרלויפֿער פֿונם וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם

ערשטער באַנד

סען־סימאָן

פֿאַרלאַג „קולטור"

בוענאָס איירעס

1931

I

סעזיסימאָן — די פּערזענלעכקייט.

סען־סימאָן — די פּערזענלעכקייט

גראַף קלאָד הענרי דע סען־סימאָן איז געבוירן דעם 17־טן אָקטאָבער 1760. ער איז געווען דער עלטסטער זון פונם גראַף סען־סימאָן, — אַ פּערזאָן, וועלכער האָט אין די צייטן פון דער פראַנצויזישער מאָנאַרכיע פאַרנומען אנגעזעענסטע מלוכה־פּאָסטנס.

דער יונגער סען־סימאָן האָט זיך געגרייט צו א מיליטערישער קאַריערע. פון 1779־טן ביז 1783־טן יאָרן האָט ער גענומען אַנטייל אין דער אמעריקאַנישער מלחמה, אָבער שוין דאַן איז ער געווען א באַגייסטערטער טרוימער. צווישן א גאַנצער רייע ביישפּילן איז באַוואוסט, אז סען־סימאָן האָט זיך געווענדעט צום מעקסיקאַנישן וויצע־קעניג מיט א פּלאַן, ווי אַזוי צו פאַראייניקן דורך א ספּעציעלן קאַנאַל מעקסיקע מיטן אָקעאַן. דער אנטייל אין דער אמעריקאַנישער מלחמה האָט בכלל געהאַט אַף אים אַ גרויסע ווירקונג. אפן אַמעריקאַנער באָדן האָט סען־סימאָן באַגריפן דעם אונטערשייד צווישן צוויי קאָנסטיטוציעס, — צווישן דער פראַנצויזישער און אמעריקאַנישער, פון וועלכער די צווייטע האָט פּראָקלאַמירט די יסודות פון די מענטשלעכע רעכט און געעפנט ברייטע מעגלעכקייטן פאַר אַ ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. סען־סימאָן האָט באַקומען א חשק, אז אויך אין פראַנקרייך זאָל זיך אנהויבן אַן ערא פון אַ נייַ לעבן.

קומענדיק צוריק פון אַמעריקע, האָט סען־סימאָן זיך נאָך ניט צושיידט מיט זיין מיליטערישער קאַריערע. לכתחלה האָט אים די פראַנצויזישע רעגירונג געשיקט קיין האָלאַנד, וואו מ׳האָט געפּלאַנט מיט דער הילף פון די פראַנצויזן פאַרטרייבן די ענגלענדער פון אינדיען, אבער געוויסע אומשטענדן האָבן געצוואונגען סען־סימאָן זאָל מוזן פאַרלאָזן האָלאַנד: מ׳האָט

אים פשוט חושד געווען אין א שפיאנאזש־אוואנטורע קעגן האלאנד. געקומען איז ער צוריק קיין פראנקרייך און געווארן פלאץ־קאמענדאנט אין מעץ. אין מעץ האט ער געהאט גענוג פרייע צייט, האט ער זיך אפגעגעבן צו וויסנשאפטלעכער ארבעט און א דאנק דעם, אייגנטלעך, האט ער אין 1788־טן יאר געמאכט א סוף צו זיין מיליטערישער קאריערע.

און צווישן זיינע וויסנשאפטלעכע ארבעטן האט ער זיך ניט געקענט באפרייען פון זיינע פאנטאזיעס. ווי אין אנהויב מיטן פארשלאג דעם מעקסיקאנישן וויצע־קעניג, ארבעט סען־סימאן אויס א צווייטן ענלעכן פלאן וועגן פאראייניקן מאדריד, — די הויפטשטאט פון שפאניען, — מיטן מיטללענדישן ים. דעם פלאן האט ער אפילו געוואלט פארווירקלעכן מיט דער הילף פון איינעם א גראף קייבארוס, אן אנגעזעענעם באנק־דירעקטאר און מיניסטער, — אבער די אנגעקומענע פראנצויזישע רעוואלוציע האט אפגעווישט סען־סימאנס פאנטאסטישן פלאן און אגב געווענדן זיין דענקען אין א גאנץ אנדער ריכטונג.

סען־סימאן איז געווען א מענטש מיט אן אומגעהויער שטארק־אנטוויקלטער אינטואיציע, האט ער גלייך פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע אנגעהויבן באגרייפן די דיסהארמאניע און די דיסטאנצן, וואס טיילן איין די מענטשלעכע געזעלשאפט אין פארשידענע קעגנזעצלעכע שיכטן. דאס האט אים געפירט דערצו, אז אין זיין מוח זאל אנטשטיין עפעס א געדאנק וועגן א נויטווענדיקן נייעם איבערבויען די מענטשלעכע געזעלשאפט אף גאנץ אנדערע יסודות, — אזא מין איבערבוי, וואו די גאנצע מענטשלעכע געזעלשאפט זאל בילדן אן איינהייטלעכקייט, א מאנאליט־ארגאניזם.

סען־סימאן האט גלייך אפגעשאצט, אז דער אלטער געזעלשאפטס־פאדים איז שוין מער ניט ביכולת אויפצוהאלטן די געזעלשאפט אין איר סאציאלן געבוי, ווייל געקומען זיינען נייע, גאנץ אנדערע צייטן, וואס פאדערן נייעם צעמענט און נייע בויער, — האט ער זיך געשטעלט די אויפגאבע אריינברענגען אין דער געשיכטע א נייע עפאכע, א נייע ערא, וואס דארף ענדערן דאס דענקען און פארשטיין פון מענטשן. די נייע ערא האט באדארפט זיין א ניי־אויסטייטשן די געשיכטע און אויסגעפינען די ריכטיקע געזעצן פון אירע אנטוויקלונגען און באוועגונגען. סען־סימאן

האָט אָנגעהויבן דענקען וועגן אַ נייער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע און דעם האָט ער געווידמעט דעם גאַנצן כּוח פֿון זיין גייסט, רייכטום; דעם גאַנצן גלאַנץ פֿון זיין לאַגע אין דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפֿט. עפּעס, ווי אַ געהיימניספֿולע שטימע האָט אין אים גערעדט, אַז ער האָט אין לעבן אויסצופֿירן אַ גרויסע שליחות: פּלוצים האָט ער אין זיך דערפֿילט דעם נביא, אַ געשיקטן אין דער וועלט אָנצואווייזן דער מענטשהייט דעם ריכטיקן וועג, וואָס פֿירט צום אַלגעמיינעם גליק.

דאָס נביאישקייט האָט געהאַט אַ באַשטימטן איינפֿלוס אַף סען־סימאָנס סאָציאַלן דענקען און אַפֿן קאָנסטרואירן זיינע טעאָריעס; אַפֿילו אינם פּערזענלעכן לעבן איז דאָס נביאישקייט געוואָרן באַ אים אַ מאַניע, אַ באַזונדער פֿאַרפֿאָלגונג. ער האָט זיך איינגעבילדעט, אַז ער איז דער אויסדערוויילטער און אויסלייזנדיקער גייסט און אַפֿילו אין די באַציאונגען צו זיינע הויז־מענטשן האָט ער וועגן דעם געלאָזט אָנצוהערן. דער דינער, וואָס פֿלעג אים וועקן פֿון שלאָף, האָט יעדן פֿרימאָרגן באַדאַרפֿט איבערחזרן די ווערטער: „שטייט אויף, גראַף! איר האָט צו מקיים זיין אַ גרויסע שליחות!״

מיט אַ באַזונדערן פּאַטאָסטישן כּוח, האָט סען־סימאָן זיך געטראָגן איבערן לעבן. ער האָט פֿאַרפֿאַסט פֿאַנטאַסטישע פּלענער, זיך באַשעפֿטיקט מיט עקאָנאָמישע פּראָיעקטן, שפּעקולירט מיט מלוכה־נחלאות, און אויך זיין אייגן האָב און גוטס געטאַכליעט אַף רעכטס און לינקס. ער פֿאַלט אַריין אין שרעקלעכער נויט און אָרימקייט און ווען ניט זיינער אַ געוועזענער דינער מיטן נאָמען דיאַרד וואָלט ער אומגעקומען אין הונגערנויט. דיאַרד האָט אים אַביסל באַפֿרייט פֿון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן, פֿלעג ער אין די אָוונט־שעהן זיך פֿאַרנעמען מיט וויסנשאַפֿט, אָבער אַן אומבאַשרייבלעכע טראַגיק האָט איבערגעפֿולט זיין גייסט: דאָס איז געווען די טראַגיק פֿון וועלן דינען און זיין נוצלעך דער מענטשהייט.

אויך אין די יאָרן פֿון זיינע נויטן האָט סען־סימאָן ניט געקענט ווערן דער פּראַקטישער דענקער; אילוזיעס, פֿאַנטאַזיעס האָבן זיך באַ אים געהויפֿט איינע איבער די אַנדערע און אַליין שוין אין נויט, אָן מיטלען, שטיצט ער אָרימע וויסנשאַפֿטלער און זיין געלט־בייטל איז אָפֿן פֿאַר דער

גאנצער וועלט. ער טראגט זיך ארום מיט דער אידעע צו גרינדן א גרויסע באַנק, וואָס דאַרף שאַפן מיטלען צום באַגליקן די מענטשהייט. ער וויל גרינדן א וויסנשאפטלעכע אַקאַדעמיע צום פארשפרייטן פילאָזאָפישע קענטעניש צווישן די מענטשן. און אַלץ טוט ער מיט אַ פעסטן גלויבן און איבערצייגונג.

סען־סימאן איז ניט געווען פון די עקשנותדיקע דענקער, וואָס האלטן זיך שטאָל־און־אייזן אפילו באַ זייערע טעותים. ער האָט פיל מאָל אנערקענט זיינע פעלערן און נאָך פיל אַנטוישונגען האָט ער זיך גענומען צום שאַפן אַ נייע סאָציאַל־פסיכאָלאָגישע טעאָריע. אבער ער האָט ניט געהאט קיינע מעגלעכקייטן פאר אַ רואיקער, זיכערער ארבעט. זיין גאַנץ לעבן איז געווען שווערע דחקות, וואָס האָט אים אָפטמאָל געטריבן צו פארצווייפלטקייט. מיטן פארלירן זיינע רייכטימער, האָבן אים פארלאָזן זיינע פילצאָליקע נאָענטע און גוטע פריינט, — איז ער נאָך פיל אנשטרענגונגען געצוואונגען צו בעטן באַ גוטע מענטשן ברויט און ביכער. אין פארצווייפלונג האָט ער זיך אמאל געוואָלט נעמען דאָס לעבן און באַגיסנדיק זיך מיט בלוט, מיט אַ קנאַפער האפנונג אַף אַ גוטן אויסגאַנג פון זיין באַגאַנגענער עולה, ווען אַלע ארומיקע האָבן זיך שוין מיאש געווען פון זיין לעבן, האָט ער צוגערופן צום בעט איינעם פון זיינע בעסטע שילער און אנהענגער, דעם באַרימטן פילאָזאָף און סאציאלאג אויגוסט קאָמט און געזאָגט: „קום! אין דער קורצער צייט, וואָס אונז איז נאָך געבליבן, לאמיר רעדן וועגן אונזער ווערק!” און ניט ווייניקער העראיש איז אויך געווען זיין טויט. די מינוטן פון זיין לעבן זיינען געווען געציילט. סען־סימאן גופא האָט שוין אויך באַגריפן די געפערלעכקייט פון זיין געזונט־צושטאַנד, אבער ניט זיין לעבן האָט אים אינטערעסירט, — זיין געדאנק איז געווען באַשעפטיקט מיט זיינע אַרבעטן. אָנשטרענגנדיק זיך צוזאַמענצונעמען זיין ביסל כוחות, וועלכע האָבן אים אנגעהויבן פאַרלאָזן, אבער אַלץ אַ פולער מיט אַ פעסטער אמונה אינם נצחון פון זיינע אידעען, האָט ער פון זיין גוססדיקן מויל ארויסגעזאָגט די אומשטערבלעכע ווערטער, וואָס זיינען געווען דער סוד פון זיין גאנצן גלויבן: „מ'מוז זיין באַגייסטערט צום פאַרווירקלעכן גרויסע

זאכן!" האָט סען־סימאָן געזאָגט, און איז געווען איבערצייגט, אַז אין דעם איז געווען דער גאַנצער מאַגישער כוח פון זיין דערפאָלג.

סען־סימאָנס גאַנץ לעבן איז געווען דורכגעדרינגען מיט אַ משיח־אידעע און דאָס האָט זיך באַ אים פאַרוואַנדלט אין אַ פאָרם פון אַ נייעם סאָציאַלן איבערבויען די וועלט, — די סאָציאַלע ישועה האָט באַדאַרפט קומען דורך אַ נייער רעליגיע, וואָס האָט איר שורש אין דער וויסנשאַפט. די גאולה האָט באַדאַרפט קומען פון דער פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע און דער פּאַרלאַמענטאַריזם זאָל בילדן די נייע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, וואו דעם הויפּט־אָרט זאָל פאַרנעמען די ווירקלעכקייט פון דער עקאָנאָמיק און ענד־לעך האָט סען־סימאָן געהאָפט, אַז אַ רעליגיעזער רענעסאַנס וועט ווירקן אַפן שאַפן אַ סאָציאַלע האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפט.

באַפליגלט פון טרוימערישע געדאַנקען, פון גרויסע אידעען, ווערט סען־סימאָן אומגעהויער גרויס אין זיין זעלבסט־באַוואוסטזיין און דאָס איז גורם, ער זאָל ווערן דער מענטש פון אַן אומבאַגרענעצטער ערגייציקייט. ער שטאָלצירט מיט זיין אַריסטאָקראַטישן יחוס, ער האַלט זיך פאַרן יורש פון סאָקראַטס געדאַנקען און אידעען, פאַרן פאַרברייטערער פון דעקאַרטס גרויסע פילאָזאָפישע אַרבעטן; ער גופא קרוינט זיך פאַר אַ „גאָט־פאַרטרע־טער אויף דער ערד" און זאָגט אָן אַ בשורה וועגן אַ נייער וויסנשאַפט, וועלכע וועט פירן צו דער גאולה. ער שילדערט פאַנטאַסטישע בילדער פון דער קינפטיקער גרויסקייט, ער רעדט וועגן דער מאַכט, וועלכע ער וועט האָבן צווישן די אינטעלעקטואַלן פון דער צוקונפט און אָט דאָס פאַרפלאַנצט אין אים אַ באַדנלאָזן ענטוזיאַזם, אַזוי, אַז צייטנווייס האָט מען אים פשוט גע־האַלטן פאַר אַ גייסטיק ניט־נאָרמאַלן מענטש און פאַר אַ פּסיכאָפּאַטישער נאַטור. אייניקע זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער און זיך באַצויגן צו אים, ווי צו אַ דעגענערירטן שאַרלאַטאַן און אַוואַנטוריסט, אבער דאָס איז אַ שווערע און אומגערעכטע באַשולדיקונג, — אַ באַשולדיקונג, דורכאויס אַן אומבאַ־גרינדעטע. עס איז קיין ספק ניט, אַז סען־סימאָן האָט געלעבט אין אַ וועלט פון טעותים, — ניט ער איז געווען שולדיק אין די באַגאַנגענע פעלערן, — די שולד איז גיכער געלעגן אין דער צייט, אין דער עפּאָכע. ער האָט באַ־גריפן די ריכטיקע אמתן פון דער געשיכטע און ער איז געווען דער

ערשטער, וואָס האָט געוואָגט צו בויען אַ נייע סבעמע. ער איז געווען דער גרויסער זוכער פון זיין דור און גריבלענדיק זיך האָט ער ניט געקענט אויס־מיידן ניט אַריינצופאַלן אין טעותים, אבער דערפאַר האָט ער זיך צו זיין טון באַציגן מיט אַ טיפן ערנסט און זיין גערדאַנק איז געווען געווענדעט צו איין ענדפונקט: אנטשיידן די סאָציאַלע ווירקלעכקייט. עס האָבן ניט געפעלט סען־סימאָנען מענטשלעכע שוואַכקייטן, אבער זיין גרויסקייט איז אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט און געלייסטעט.

סען־סימאָן האָט געלעבט אין אַן עפּאָכע פון רעוואָלוציאָנערן שטורם: דער רעוואָלוציאָנערער שטורם איז אַדורך און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן דעם אַלטן אָפּגעלעבטן און דעם נייעם, וועל־כעס איז געקומען פאַרנעמען דאָס אָרט פונם אַלטן. די רעאַקציאָנערן האָבן נאָך אַלץ געהאָפט אויף דער רעסטאַווראַציע און געגלויבט, אַז אַ באַנייטער קאַטאָליציזם וועט פאַרטרייבן די נייע סאָציאַלע טענדענצן; זיי האָבן אויך געגלויבט, אַז דורך פאַרשידענע פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמבינאַציעס וועלן זיי קענען אָפּהאַלטן די אַנטוויקלונג פון די נייע סאָציאַלע טענדענצן און אומ־קערן דעם אַלטן סאָציאַלן סטאַטוס־קוואָ. די שטרעבונגען פון די רעאַק־ציאָנערן האָבן באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד, פון וועלכן עס איז אַנטשטאַנען דער ליבעראַליזם מיט דער אויפגאַבע צו פאַרטיידיקן די דעראָבערטע רע־זולטאַטן פונם רעוואָלוציאָנערן שטורם. דעמזעלבן ליבעראַליזם האָט אויך ניט געפעלט דער גלויבן, אַז אַן עקאָנאָמישע און אינטעלעקטועלע פרייהייט וועלן מיטברענגען אַ סאָציאַלע סאָלידאַרישקייט.

אייניקע יאָרן נאָך סען־סימאָנס טויט איז אין פראַנקרייך אַנטשטאַנען די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי; אירע גרינדער זיינען געווען איבערצייגט, אַז אַ רעפּובליקאַנישע אָרדנונג אין פראַנקרייך וועט אויף אייביק אָפּווישן אַלע סאָציאַלע מיספאַרשטענדענישן. אינם עקאָנאָמישן לעבן האָט דאַן געהערשט אַ פולשטענדיקע פרייהייט; דער אַרבעטער־קלאַס, פאַקטיש אָן שום פּאָלי־טישע רעכט, איז געווען אַנגעוויזן אויף זיך גופא, אויף זיינע אייגענע כוחות; אין די ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען איז ער געווען הילפלאָז, איבעראַל האָט צווישן דער אַרבעטערשאַפט געהערשט אַ שרעקלעכע און שווערע נויט. סען־סימאָן איז געווען דער איינזאַמער דענקער פון זיין צייט. ער

האָט פאַרשטאַנען, אַז דער פעאדאליזם און קאַטאליציזם, ווי סאָציאלע פאָרמען, האָבן שוין אָפּגעלעבט זייער צייט, אַז די פאָרמען זיינען שוין געוואָרן צו אַרכאיסטיש און דרך־אגב האָט ער אויך אנגעוויזן, אַז דער ליבעראליזם פאַרמאָגט באַגרענעצטע מעגלעכקייטן און איז ניט פעאיק אויפצובויען אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג אויף פעסטע יסודות. די עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געלעבט, האָט סען־סימאָן באַטראַכט פאַר אַן איבער־גאַנג־צייט, און לחלוטין אַ ניט־צוגעפּאַסטע צו דער מענטשלעכער נאַטור. די עפּאָכע איז געווען בלויז אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט און האָט בשום אופן מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט דעם סאָציאַלן וואוילשטאַנד, וועלכער זאָל זיך געפינען אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון יעדן איינציקן אינדיווידואום. סען־סימאָנס מיינונג איז געווען, אַז קודם־כל מוזן געשאַפן ווערן נייע גייסטיקע כוחות צום באַזייטיקן דעם אינטערנאַציאָנאַלן קריזיס, וועלכער האָט דאַן געהערשט איבער גאַנץ אייראָפּע און וועלכער איז געווען אַ פועל־יוצא פון באַשטימטע אינטעלעקטועלע סבות.

סען־סימאָנס געדאַנקען האָבן גענומען זייער יסוד אין דער עפּאָכע. עס איז געווען אַ ווילן צו שאַפן אַ וועלט־אַנשויאונג אין הסכם מיט דער מאָדערנער אינטעלעקטועלער נאַטור און וועלכע זאָל אגב אויך פאַרמאָגן אין זיך אַ סאָציאַל־בינדנדיקן כאַראַקטער. סען־סימאָן האָט אָבער אויך גלייך אַנערקענט, אַז דער שווערפּונקט פון דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע איז ניט אין דער אינטעלעקטועלער באַנייאונג, נאָר אין דער פאָרם פון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיע. סען־סימאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויכטיקסטע איז האַרמאָניזירן דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן און אין אַזאַ סדר, אַז עס זאָל דינען פאַרן וואויל פונם אַרבעטנדיקן קלאַס. שוין אין יענע צייטן האָט סען־סימאָן אָנערקענט די אַרבעטער־פראַגע פאַרן פונדאַמענטאַלסטן פּראָבלעם פונם סאָציאַלן לעבן, ער האָט בלויז נאָך ניט געקענט געפינען די ריכטיקע וועגן פאַר איר אַנטשיידונג, און ניט געקענט באַגרייפן, אַז די באַפרייאונג פון די אַרבעטער איז אַ זאַך פון די אַרבעטער גופא און דערפאַר האָט ער געגלויבט, אַז מ'מעג די אונטערנעמער פאַרטרויען דאָס דורכפירן סאָציאַלע רעפאָרמען; דיזעלבע אונטערנעמער בלייבן די אָנפירער פון דער אינדוסטריע און אַלע זייערע כוחות דאַרפן זיי ווידמען

דער קולטורעלער עמאַנציפּאַציע פון די פֿאָלקס־מאַסן. פאַר סען־סימאָנען איז אויך ניט געווען ווּיכטיק די פראַגע וועגן ענדערן די פאָרם פון דער מלוכה, — אין א געוויסער מאָס איז ער געווען אַן אנהענגער פון מאָנאַרכיע און אפילו געשריבן ווענדונגען צו נאַפּאָלעאָנען: עס איז אים בלויז געגאַנגען אינם באַזײַטיקן דעם סאָציאַלן קריזיס פון זײַן עפּאָכע, אינם דורכדרינגען דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן מיט נײַע, פעסטע און בינדנדיקע פּרינציפּן, און אַז דער נײַער עקאָנאָמישער בנין האָט זיך באַדאַרפט בויען אויף א ברייטן אינטערנאַציאָנאַלן יסוד פון דעם שטאַנדפּונקט, ווײַל די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער גאָרער וועלט האָט געפירט צו איינע און די זעלבע פּראָבלעמען, וועלכע קענען אנטשיידן ווערן אויף אַן אַלגעמיינעם אופן.

דער צענטראַל־פּונקט בײַ סען־סימאָנען איז געווען די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע. קיין נײַעס איז עס ניט געווען, ווײַל ביז אים האָט מען שוין געמאַכט אזעלכע פּרוּוון; נאָר א מוסטערהאַפטן אופן האָט דער פראַנצויזישער וויסנשאַפטלער קאָנדאָרסע סיסטעמאַטיזירט די פאַרשידענע שטופן פון דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג. אגב, האָט סען־סימאָן גענומען בײַ קאָנדאָרסען די אידייע פאַר זײַן פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע, כאָטש סען־סימאָן האָט באַקעמפט קאָנדאָרסעס געדאַנקען, אַז די אנטוויקלונג פונם מענטשלעכן גייסט איז קלוימערשט אַן אומענדלעכע. פאַר קאָנדאָרסען האָט עקזיסטירט דער געשיכטלעכער מענטש; סען־סימאָן ווידער האָט אראָפּגעריסן דעם שלייער פונם געשיכטלעכן און אין היפּוך צו קאָנדאָרסען האָט ער דערוויזן, אַז דער מענטשלעכער גייסט איז שוין מער ניט אזוי עלאַסטיש, ווי אין די אַלטערטימלעכע צייטן, ווי אין די צייטן פון האָמערן: אין האָמערס צייטן זײַנען געווען איליאַסן; — אין די מאָדערנע צייטן זײַנען אנשטאָט איליאַסן פאַראַן מלחמה־מענטשן. עס זײַנען מער ניט פאַראַן בעלוועדערישע אַפּאָלאָס, פון פּיראַמידן, פון א ראָדאָסער קאָלאָס איז אַ זכר ניט געבליבן. עס איז פאַראַן איין אויבערמאַכט וואָס באַהערשט די מענטשהייט: דאָס איז די פיזיק, כימיע, די וויסנשאַפט בכלל.

סען־סימאָן האָט געגעבן דער געשיכטע א נײַע ווענדונג, ער האָט דער ערשטער אַרײַנגעפירט די געזעצמעסיקייט אינם אָפּלויפן פון געשיכט־

לעבע דערשיינונגען; ער האָט אויך געמאַכט אַ פרואוו פון איינטיילן די געשיכטע אין אַ גאַנצער רייע צייט־עפּאָכן, וועלכע דאַרפן באַקומען זייער אייגנאַרטיקייט פון אַ הויפּט־עקזיסטירנדיקן אינטעלעקטועלן פּרינציפּ, וואָס באַהערשט אַלע לעבנספאָרמען, אַזוי אַרום איז סען־סימאָן געווען ביכולת צו באַרעכטיקן דאָס גרויזאַמע מיטלאַלטער, אָבער דאָס פּרינציפּיעל־נייסטע אין זיין סיסטעם איז געווען דאָס אויפדעקן די צייט־פאַרהעלטנישן דורך אַ געשיכטלעכן מהות. סען־סימאָן האָט געשטרעבט צו דערווייזן, אַז אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען בלייבן אָן דערפאָלג, אויב זיי לויפן קעגן דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג און אַ רעפאָרם פון דער געזעלשאַפט איז מעגלעך נאָר אויפן יסוד פונם אויסגעפונען די קולטורעלע אַנטוויקלונגסטענדענצן פון דער מענטשהייט. סאָציאַלע סיסטעמען זיינען ניט קיין דערפינדונגען, — זיי קריסטאַליזירן זיך אין אַ לאַנגן פּראָצעס פון אַנטוויקלונגען און ווערן לעבנסקרעפטיקע בנינים. רעליגיע, מאָראַל, וויסנשאַפט און דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן זיינען לעבנסקרעפטיקע סאָציאַלע בנינים און זייער קולטור־היסטאָרישע שטעלונג האָט סען־סימאָן געוואָלט דערקלערן מיטן גוססדיקן מיטלאַלטער; דערביי האָט ער דערגרייכט צו גרויסע אַנטדעקונגען; ער האָט דער ערשטער באַגריפן די באַדייטונג פון קלאַסן־קאַמף פאַר דער פּאָליטיש־סאָציאַלער אַנטוויקלונג, וואָס באַזירט זיך אויף עקאָנאָמישע יסודות; אויך ער האָט אַנטדעקט די יסוד־סבה פון די פראַנצויזישע און ענגלישע רעוואָלוציעס און די ווירקונג פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן פונם בירגערטום. פאַר סען־סימאָנען זיינען קלאָר געוואָרן די ווירקונגען פון די עקאָנאָמישע פאַקטאָרס און ער האָט דער ערשטער געגעבן אַן אַנטשיידענעם שטויס צום אויפפאַסן די געשיכטע אין אַזאַ סדר, ווי קאַרל מאַרקס האָט זי נאָכהער דערפירט צו איר שאַרפסטן אויסדרוק.

עס איז ניט אַ גוזמא צו זאָגן, אַז סען־סימאָן איז געווען דער גענויאַלער נביא פון דער צוקונפט און אייניקע פון זיינע נביאות זיינען טאַקע אויך פאַרווירקלעכט געוואָרן. סען־סימאָן האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז די מענטשהייט שטייט אויף דער שוועל פון עקאָנאָמישער סאָציאַליזירונג. זיינע אידייען האָבן רייך און צוויבערקראַפט פון אַ ניט־פאַרענדיקטער זאַך. זיינע געדאַנקען האָט ער ניט אַנטוויקלט אַלזייטיק, — ער האָט זיי אָנגעוואָרפן

שטריכנווייס, און אַ דאַנק דעם זיינען אַזוי גרויס זיינע סתירות. דאָס איז די סבה, פאַרוואָס סען־סימאָן האָט ניט באַאיינפלוסט זיין עפּאָכע. ער איז ניט אַריינגעדרונגען אַקטיוו אין די פּראָבלעמען פון זיין צייט, — ער איז געווען דער פּאַסיווער דענקער, וואָס האָט געטרוימט וועגן נייע פאָרמען פאַר אַ בעסערער סאָציאַלער צוקונפט, אָבער די קערנדלעך, פון אים צע־וואָרפענע, האָבן געבראַכט פּאָזיטיווע און גרויסע נוצן.

סען־סימאָן איז געווען אייגנאַרטיק אין זיין דענקען און אָריגינעל אין זיין גייסט. זיינע סאָציאַל־פילאָזאָפישע געדאַנקען און אוטאָפּיעס, זיינען פריי פון פרעמדע איינפלוסן און זיינען דורכאויס אַ געוויקס פונם פראַנ־צויזישן באָדן.

סען־סימאָן איז געשטאַנען צווישן צוויי עפּאָכן, ער איז געווען אַ צו־שויער, ווי איין עפּאָכע שטאַרבט און אַן אַנדערע קומט פאַרנעמען איר אָרט. אויף זיינע אויגן איז געבוירן די בירגערלעכע געזעלשאַפט; ער גופא האָט פאַרשטאַרקט די טרייבנדיקע קראַפט פונם אַנטשטיין און אַנטוויקלען אַ מעכטיקע אינדוסטריע און מיט רעכט קען מען אים אָנרופן דער ערשטער פילאָזאָף אָדער סאָציאָלאָג פונם אינדוסטריאַליזם. אָבער צו אַזאַ מין שטופּע איז סען־סימאָן ניט גלייך געקומען: ער האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע עטאַפּן, אָפּהענגיק פון זיין לעבן. סען־סימאָן האָט דורכגעמאַכט פיר פאַר־שידענע עטאַפּן אין זיין לעבן און יעדער פּעריאָד איז געווען באַ אים אַן אידייען־וואַנדל. דער ערשטער פּעריאָד האָט געדויערט ביז 1797־טן יאָר, — דאָס איז געווען די צייט פון זיין מיליטערישער קאַריערע; דער צווייטער פּעריאָד ציט זיך ביז 1802־טן יאָר, בעת ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע „בריוו פון אַ גענפער איינוואוינער"; אינם דריטן פּעריאָד ביז 1814־טן יאָר האָט ער געשאַפן זיין אינדוסטריעל סיסטעם און ענדלעך דער לעצטער פּעריאָד ביז 1825־טן יאָר, — די צייט, ווען סען־סימאָן האַלט זיך פאַר אַ רעליגיעזן משיח און הויבט אָן פּריידיקן אַ נייע רעליגיע.

פּאַקטיש דאַרף מען סען־סימאָנס לעבן איינטיילן אין צוויי אָפּשניטן. אינם ערשטן אָפּשניט פון זיין לעבן איז ער דער פילאָזאָף, אינם צווייטן — דער סאָציאָלאָג. אינם ערשטן אָפּשניט האָט אים אינטערעסירט בלויז

די טעאָריע, אינם צווייטן אפשניט ווײל ער שוין זײן דער פּראקטיקער; דאָס הייסט: ער האָט געוואָלט אריינציען אין דער וויסנשאפט דאָס קאָנ־קרעט־סאָציאַלע און פּאָליטישע. צוליב דעם האָט ער לכתחילה זיך גע־נומען צום שטודירן פיזיק, כימיע און מאטעמאטיק; באַלד הויבט ער זיך אָן אויך אינטערעסירן מיט נאטור־וויסנשאַפט און דאַן גייט ער איבער צו געשיכטע. סען־סימאָן האָט געזוכט שאפן א סינטעז צווישן דער וויסנ־שאַפט און אינדוסטריע, וועלכער זאָל שוין אגב אויך דינען פאַרן ברענגען אַ דויערהאפטן שלום צווישן קלאסן און פעלקער, פאַראייניקטע צווישן זיך דורך גרויסער ליבע און אויפריכטיקער ברודערשאפט. פאַרן גייסט פון יענער עפּאָכע איז עס געווען פארשטענדלעך, ווייל מ׳האָט נאָך אַלץ גע־גלויבט אין דער גוטסקייט פון דער מענטשלעכער נאטור און סען־סימאָן האָט פון דעם געוואָלט מאכן אַ ממשותדיקע דערשיינונג.

II

סעו-סימאָן — דער פילאָזאָף

קאפיטל איינס

„בריוו פון אַ גענפער"

סען־סימאָנס ערשט ווערק „בריוו פון אַ גענפער" איז דערשינען אין 1802־טן יאָר. צוויי סבות האָבן גורם געווען צום אנטשטיין פון דעם ווערק, פון וועלכע די ערשטע איז אפילו אביסל װאָרעװילמעסיק. סען־סימאָן איז בכלל געווען אַ פאַנטאַסט, האָט ער צווישן אנדערע זיינע פאַנטאַזיעס זיך איינגעבילדעט, אַז ער מוז חתונה־האָבן מיט דער פרוי פאַן־סטאַל, — איינע פון די באַגאַבטעסטע פרויען פון דער עפּאָכע, אין וועלכער סען־סימאָן האָט געלעבט. ער האָט זיך צוליב דעם געגט מיט זיין ערשטער פרוי, וועלכע ער האָט אומבאַגרענעצט געליבט, אָבער פרוי פאַן־סטאַל האָט זיין פאָר־שלאָג אָפּגעוואָרפן. די צווייטע סבה צום אנטשטיין פונם ווערק זיינען גע־ווען די געשעענישן אין פראַנקרייך פון 1789־טן יאָר. סען־סימאָן פירט אונטער אַ מין חשבון און ווייזט אָן, אַז די רעוואָלוציע פון 1789־טן יאָר איז אַ רעזולטאַט פון די וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פון די וויסנשאַפטלער און קינסטלער. די וויסנשאַפטלער און קינסטלער האָבן באַוואוסטזיניק גע־פירט צו דער רעוואָלוציע, אָבער עס איז געווען געגנוג די רעוואָלוציע זאָל ווערן אַ ממשותדיקע טאַטזאַך; עס איז געווען געגנוג די רעוואָלוציע זאָל אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגענע פאָלקס־ליידנשאַפטן, ווי די וויסנשאַפטלער און קינסטלער האָבן זיך אָנגעהויבן אָן פּחד צוריקצוציען פון דער רעוואָלוציע. ניט־ווילנדיק זיינען זיי געוואָרן די פאַרעטער פון אַ גרויסער זאַך און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז עס זאָל קומען אַ נאַפּאָלעאָן און רעגירן מיטן כוח פון אַ שטאַרקן פויסט.

סען־סימאָן פירט אונטער דעם סאַכאַקל פון די געשיכטלעכע געשעע־נישן און קומט צום אויספיר, אַז די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג דאַרף רע־אָרגאַניזירט ווערן אויף נייע יסודות, וואו די הערשאַפט זאָל געהערן דער וויסנשאַפט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך דאָ האָט סען־סימאָן אנגעהויבן מיטן פאַנטאַסטישן, מיט אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלן פאָרשלאַג, וואָס קען בלויז אַרויסרופן אַ שמייכל. סען־סימאָן האָט פאָרגעשלאָגן, אַז אויף ניוטאָנס קבר זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן אַ סובסקריפּציע, אין וועלכער יעדער דאַרף זיך באַטייליקן מיט אַ באַשטימטער יערלעכער סומע. עס ווערט געשאַפן אַ ניוטאָנישער ראַט פון דריי מאַטעמאַטיקער, דריי פיזיקער, דריי פּסיכאָלאָגן, דריי כימיקער, דריי ליטעראַטן, דריי מאַלער און דריי מוזיקער. די צו־נויפגעזאַמלטע סומע ווערט איבערגעגעבן אין רשות פונם ניוטאָנישן ראַט. די אַרבעטן פונם ראַט האָבן באַדאַרפט באַשטיין אינם צופּאַסן די וויסנ־שאַפט צום געזעלשאַפטלעכן לעבן און צוועקן, ווי אויך באַפרייען די וויסנשאַפט פון דער מלוכהשער אַפּוטרופּסות, כדי דער מענטשלע־כער זשעני זאָל זיך באַפרייען פון די שעדלעכע איינפלוסן, צו וועלכע די מלוכה דערפירט, און דאָס וועט מאַכן מעגלעך קאָנצענטרירן אַלע כחות צום אַרבעטן אויסשליסלעך לטובת דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

מיט ראיות פון דער געשיכטע באַווייזט סען־סימאָן, ווי די אָפיציעלע מלוכה־אַקאַדעמיעס האָבן גאָר ווייניק ביייגעטראָגן פאַר דער וויסנשאַפט. דעם ביישפּיל ברענגט ער פון איטאַליען און באַרבאַרישן רוסלאַנד אין פאַרגלייך מיטן פרייען גייסט פון די ענגלענדער, וועלכע האָבן ניט דער־לאָזט, אַז זייער וויסנשאַפט זאָל זיך אַריינפּאַסן אין די סדום־בעטלעך פון די אָפיציעלע אַקאַדעמיעס. דער פועל־יוצא פון דעם איז, אַז ענגלאַנד האָט דערגרייכט צו אַ העכערער שטופע פון קולטור־אַנטוויקלונג און ציוויליזאַציע, בעת די דערמאָנטע לענדער האָבן זיך באַוועגן אין זייער קולטורע־לער אַנטוויקלונג מיט בערישע טריט.

סען־סימאָן דער פאַנטאַזיאָר און אוטאָפּיסט האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט אַזוי גרינג וועט זיין מעגלעך פאַרווירקלעכן זיין רעפאָרם־פּראָיעקט, האָט ער פאַר זיינע צוועקן געוואָלט געווינען אַלע אָן אויסנאַם געזעלשאַפט־לעכע שיכטן. אין ענין פון שיכטן האָט סען־סימאָן אונטערשיידן דריי

קלאסן: דער ערשטער קלאס באשטייט פון וויסנשאפטלער, קינסטלער און אנהענגער פון ליבעראלע אידייען. אינם צווייטן קלאס גייען אריין די פארמעגלעכע און אייגנטימער, וואס זיינען בכלל שונאים פון יעדער רעפארם אין לעבן, און דאן קומט דער דריטער קלאס, — דער המון גופא, וועלכער רופט און שטרעבט צו פרייהייט. סען־סימאן האט געוואלט געפונען א פשרה־אויסגלייך צווישן די אלע קלאסן. ער האט גערופן די פארמעגלעכע און אייגנטימער צו לעבן בשלום מיט די וויסנשאפטלער און קינסטלער; און האט אויך געוואלט איבערצייגן די מאסע, אז דער גייסטיקער פארשריט האט א באדייטנדיקן איינפלוס אף דער סאציאלער לאגע פון דער געזעלשאפט. דער עיקר פון סען־סימאנס פארשלאג איז באשטאנען אין דעם, אז די גייסטיקע מאכט זאל זיך געפונען אין די הענט פון די וויסנשאפטלער און די וועלטלעכע מאכט זאל איבערגעגעבן ווערן צו די פארמעגלעכע. עס איז געווען איינער פון די פילע סען־סימאנס טעותים, ווייל ער האט נאך פאר זיך ניט געהאט די דערפארונג פון דער פארעטערישקייט פון די פארמעגלעכע שיכטן ארויסגעוויזן רעוואלוציאנערע באגייסטערונג און פארמעגלעכע געשיכטן ארויסגעוויזן רעוואלוציאנערע באגייסטערונג און פראקלאמירט פרייהייט־אידייען, וועלכע האבן געווירקט פארפירעריש ניט בלויז אף יחידים, נאר אפילו אויך אף די מאסן, וואס האבן גענומען דעם דירעקטן אנטייל אינם רעוואלוציאנערן קאמף.

אין די „בריוו פון א גענפער" האט זיך סען־סימאן ניט באנוגנט בלויז מיטן אנווייזן די ריכטליניעס פאר א נייער סאציאלער ארגאניזאציע, — ער האט אויך אנגעוויזן אף דער וויכטיקייט פון דער וויסנשאפט און האט געגלויבט, אז דער באאבאכטונגס־מעטאד אין דער וויסנשאפט וועט געבן א מעגלעכקייט צו באהערשן דעם צונויפגעזאמלטן וויסנשאפטלעכן שטאף אין אזא אופן, אז מ'וועט קענען פאראויסבאשטימען די קינפטיקע געשטאלטונג פון דער גייסטיקער און געזעלשאפטלעכער ווירקלעכקייט. מיט דעם האט סען־סימאן אויסן געווען צו שאפן א „בורגפרידן" צווישן אלע קלאסן פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

די אידייען מיט וועלכע סען־סימאן האט דורכגעדרינגען זיינע „בריוו פון א גענפער", זיינען געווען א פועל־יוצא פונם סאציאלן צושטאנד, וועלכן

עס האָט מיטגעבראַכט די וועלט־באַוועגנדיקע רעוואָלוציע און וועלכע ער האָט באַטראַכט ניט, ווי אַן אָפּגעשלאָסענע רייע פון אַנטוויקלונגען, נאָר ווי אַ פונדאַמענט פאַר אַזאַ סאָציאַלער רעאָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל נוגע זיין ניט בלויז פראַנקרייך, נאָר אַלע אייראָפּעאישע לענדער, אָבער באַ אַזאַ רעאָרגאַניזאַציע דאַרף זיך די מאַכט געפינען באַ די וויסנשאַפטלער און פאַבריקאַנטן, וועלכע זאָלן אָנפירן מיט אַלע געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן. סען־סימאָן האָט זיך אַרויסגעזאָגט פּרינציפּיעל קעגן די פעאָדאַלן און גייסטיקע, וועלכע ער האָט באַטראַכט פאַר אַ פּגר־רע פון דער געזעלשאַפט.

שוין אין די „בריוו פון אַ גענפער" ברענגט סען־סימאָן אַרויס אַף דער אויבערפלעכע אַ שפּאָגל־נייע, פּאָליטיש נאָך ניט אָנערקענטע, שיכט: ער רעדט וועגן דער גרויסער מאַסע, וועגן דעם המון ניט־פאַרמעגלעכע, וואָס האָבן אין זייער רשות גאָרניט, אויסער פיזישן כוח. סען־סימאָן קען זיך נאָך אַפילו ניט אָריענטירן אינם מהות פונם נייעם שיכט; ער קען זיך נאָך ניט אָפּגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון אין די פּאָטענציעלע כוחות פונם נייעם קלאַס, — אָבער ער מערקט שוין אָן די סתירות צווישן די שיכטן און קלאַסן, און ברענגט צום אויסדרוק די אידייע פון קלאַסנקאַמף, ווי אַ פונדאַמענטאַלע היסטאָרישע טאַטזאַך.

און צווישן אַזעלכע קלאָרע און אויסגערעכנטע געדאַנקען פאַלט סען־סימאָן אַריין אין פאַנטאַסטיק און רעליגיעזער התפעלות. עס איז פאַר אים ווייניק באַגרינדן זיין פאָרשלאָג וועגן סאָציאַלער רעאָרגאַניזאַציע פון אַ ריין־וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, — ער מוז דערביי אויך דערקלערן, אַז די אידייען זיינען אים געקומען בנבואה, דורך אַ רוח־הקודש. אַ געטלעכע שטים האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז רוים וועט אויפהערן צו זיין דאָס אָרט פון גאָטס מקדש. דער פּויפּסט, די בישאָפן און די קאַרדינאַלן וועלן אויפהערן רעדן אין גאָטס נאָמען, — די מאַכט וועט פון זיי אָוועקגענומען ווערן און איבערגעגעבן ווערן צו ניוטאָנען, אַ פאַרוואַלטונג פון איין־און־צוואַנציק אויסדערוויילטע וועלן אָננעמען דעם נאָמען „ניוטאָנס־ראַט". וועלכער וועט אָנפירן מיט אַלע ענינים פון דער וועלט. די גאַנצע וועלט וועט איינגעטיילט ווערן אין פיר מלוכות: ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד

און איטאַליען. לכבוד ניוטאָנען וועט מען אויסבויען אַ טעמפּל, וואו יעדע־
גלויביקער וועט עולה־רגל זיין. מענטשן וועלן ארבעטן, קונסט און וויסנ־
שאַפט וועלן בליען, די גאַנצע וועלט וועט לעבן אין שלום, און מלחמות
וועלן לחלוטין פארשוואונדן.

אזוי זיינען די „בריוו פון אַ גענפער" אַ ווירוואר פון אידייען, —
געטלעך־פאַנטאַסטישע און פּראַקטיש־סאָציאַלע. סען־סימאָן איז נאָך ניט
געווען ביכולת צו סיסטעמאַטיזירן זיינע אידייען, און דאָך איז דאָס ווערק
געווען אַן אָנזאָג פון אַ גרויסער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, אַן אָנזאָג פון
אַ קאַמף און אַן אנגריף אויף דער רעליגיע און איר גייסטלעכע טרעגער.
שוין אין דעם ווערק זעט מען סען־סימאָנען דעם רעליגיע־גרינדער און
סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָר, דעם פילאָזאָף און היסטאָריקער, וואָס בלייבט ניט
שטיין אויף אַ פאָרפּרוּווירענעם פּונקט, נאָר וועלכער זעצט פאָר די אַנטוויקלונג
פון זיינע אידייען, דאָס אויסקריסטאַליזירן און קלאָרמאַכן די סכעמעס פון
אנגעוואָרפענע געדאַנקען און מיינונגען.

קאַפּיטל צוויי

סען־סימאָן און די פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע

אין די „בריוו פון אַ גענפער" האָט סען־סימאָן אנגעוואָרפן פיל גע־
דאַנקען, וואָס האָבן זיך געניטיקט אין אַ געוויסער סיסטעמאַטיזירונג. אָבער
דאָס הויפּטזעכלעכע, וואָס אים האָט אינטערעסירט, איז געווען דער גע־
דאַנק, אַז די סאָציאַליזירנדיקע מאַכט פון אַ נייער רעליגיע וואָלט געווען
ביכולת ווידער אויפצובויען די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג. סען־סימאָן האָט
אנערקענט, אַז דער פעאָדאַליזם און די טעאָלאָגיע, די דירעקטע גורמים
פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָבן פאַרלוירן זייערע יסודות אין דער
געזעלשאַפט; עס זיינען אנטשטאַנען נייע סאָציאַלע באַדערפעניש, וואָס
האָבן געפאָדערט דאָס שאַפן פון נייע טרעגער פאַר דער מענטשלעכער קול־
טור. עס איז בלויז געווען די פראַגע, ווי אזוי און אויף וואָס פאַר אַן אופן

וועלן געשאַפן ווערן די נייע טרעגער? סען־סימאָן האָט געגלויבט, אַז דער וועג צום שאַפן אַזעלכע טרעגער גייט דורך אַ נייעם פילאָזאָפישן סיסטעם, וועלכעס זאָל זיין ביכולת צו באַזייטיקן די סאָציאַלע אומנאָרמאַלקייטן, — אַ פילאָזאָפיש סיסטעם, אויפגעבויט אויף רעאַלע וויסנשאַפטן און צוגעפּאַסט צו די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. אַזאַ מין נייַ פילאָזאָפישעס סיסטעם איז פאַר סען־סימאָנען געווען אַ פאַרבאַדינג פאַר אַ סאָציאַלער רעפאָרם.

אין וואָס דאַרף זיך אויסדריקן אַזאַ פילאָזאָפיש סיסטעם? סען־סימאָן האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס מענטשלעכע דענקען, אָפּהענגיק פונם אָביעקט צום באַטראַכטן, צייכנט זיך אויס מיט צוויי כאַראַקטעריסטישע סימנים. די צוויי סימנים זיינען דאָס אַפּריאָרישע און אַפּאָסטעריאָרישע דענקען. דער אַפּאָסטעריאָרישער אופן פון דענקען פאַרנעמט זיך מיטן זאַמלען טאַטזאַכן צום פעסטשטעלן די געזעצמעסיקייט פון זייערע צוזאַמענהאַנגן. דער אַפּאָסטעריאָרישער מעטאָד טראָגט אַן אַנאַליטישן כאַראַקטער. ווידער דער אַפּריאָרישער מעטאָד שטרעבט צו סינטעזירן אַלע דערשיינונגען און וויל זיי צופירן צו איין אורפּרינציפּ. דער אַפּריאָרישער מעטאָד איז גלייכצייטיק דער סינטעטישער מעטאָד. אַ לענגערע צייט זיינען די ביידע סיסטעמען געגאַנגען זייער באַזונדערן וועג, ביז דער גריכישער פילאָזאָף סאָקראַט האָט זיי צווישן זיך מתקרב געווען, און דער ערשטער געוואָגט אָנצואווייזן די אייניקע סבה, וועלכע דאַרף אָנגעווענדעט ווערן באַם אָפּשאַצן די מענטשלעכע געשעענישן.

סאָקראַטס ירושה האָבן איבערגענומען אַריסטו און פּלאַטאָן, און יעדער פון זיי האָט געהאַט ליבשאַפט בלויז צו איינעם פון די צוויי מעטאָדן. פּלאַטאָן האָט זיך באַם דערקלערן די נאַטור־דערשיינונג באַנוצט מיטן אַפּריאָרישן מעטאָד. פּלאַטאָנען האָט אַפילו געלונגען אויסצוגעפינען אייביקע קאָנצעפּציעס, אָבער זיין דערקלערן די נאַטור־דערשיינונגען האָבן ניט דערגרייכט דעם געעריקן הויך. אַריסטו ווידער האָט זיך פאַרנומען מיטן גענעראַליזירן די דערשיינונגען. דער עצם פון זיין דענקען איז געווען — אויספאָרשן און דורכדרינגען די איינצלנע טאַטזאַכן; צוליב דעם האָט ער זיך באַנוצט מיטן אַפּאָסטעריאָרישן מעטאָד און האָט באַרייכערט די וויסנשאַפט מיט אַ וויכטיקן פּאָזיטיוון אינהאַלט. אַריסטו האָט גרויסע פאַר־

דינסטן פֿאַר דער װיסנשאַפֿט און ניט קוקנדיק אַף דעם, איז פֿלאַטאָן געבליבן דער, װאָס האָט באַהערשט די דענקערישע װעלט און דאָס האָט געדויערט ביז די אַראַבער האָבן פֿאַרנומען די װיסנשאַפֿטלעכע אַרענע. די אַראַבער האָבן באַנייט די װיסנשאַפֿט, אַריינברענגנדיק אין איר אַ לעבהאַפֿטע באַװעגונג; זיי האָבן די ערשטע אַריינגעפֿירט דעם באַאָבאַכטונגס־מעטאָד און אַנגעװיזן, אַז די אויפֿגאַבע פֿון דער װיסנשאַפֿט דאַרף זיין דאָס אויסגעפֿונען פֿאַר זיך גופֿא די נויטװענדיקע געזעצן.

דעם מעטאָד פֿון די אַראַבער האָט איבערגענומען דער ענגלישער פֿילאָזאָף און נזיר באַקאָ. ער האָט אָפּגערייניקט די װיסנשאַפֿט פֿון די רעליגיעזע און מעטאַפֿיזישע פֿאַראורטיילן און האַלטנדיק זיך פֿעסט און קאָנסעקװענט באַם אַפּאָסטעריאַרישן מעטאָד האָט ער מיט זיינע װיסנשאַפֿטלעכע פֿאַרשונגען געלייגט אַ יסוד פֿאַר אַ ריכטיקער געשיכטע פֿון דער װיסנשאַפֿט. אַלע זיינע װיסנשאַפֿטלעכע אַנטדעקונגען זיינען אַ רעזולטאַט פֿון באַאָבאַכטונג; מיט דעם האָט ער גורם געװען צו אַן אינטעלעקטועלער איבערקערעניש, װאָס האָט געבראַכט צו גרויסע אויסװירקונגען אין דער װיסנשאַפֿט און צום אַנטשטיין פֿון דער פּאָזיטיװער פֿילאָזאָפֿיע.

אַ צװייטער רעפֿאָרמאַטאָר אין דער װיסנשאַפֿט איז געװען דער פֿראַנצויזישער פֿילאָזאָף דעקאַרט. אין פֿיל הינזיכטן איז ער געװען איינשטימיק מיט באַקאָן, אָבער פֿאַר אַ הויפּט־צװעק האָט ער זיך געשטעלט, מיטן כּוח פֿונם אַפּריאָרישן מעטאָד, קאָאָרדינירן די איינצלנע װיסנשאַפֿטן אין איין אוניװערסאַלער װיסנשאַפֿט. דער עקספּערימענט האָט דעקאַרטן ניט געלונגען און טראָצדעם האָט ער פֿאַרדינסטן פֿאַר דער װיסנשאַפֿט: ער האָט דער ערשטער אָנגעװיזן די ריכטונג, אין װעלכער די פֿילאָזאָפֿיע דאַרף גיין.

די אויפֿגאַבע מעטאָדיש אויסצובעסערן דעקאַרטס סיסטעם האָט אַף זיך גענומען ניוטאָן, באַנוצנדיק זיך מיטן אַפּאָסטעריאָרישן מעטאָד. ער האָט אָנגעהויבן פֿונם פֿאַראייניצלן די װיסנשאַפֿטן און צוזאַמען מיטן ענגלישן פֿילאָזאָף לאָק, װעלכער האָט אויך געהאַלטן, אַז מ'דאַרף ענדערן די דעקאַרט־מעטאָדן אין דער װיסנשאַפֿט, האָבן זיי ביידע אָנגעזאַמלט אַ גרויסן סכום װיסנשאַפֿטלעכן מאַטעריאַל, דערביי האָבן זיי באַדאַרפֿט זיין

פאַרזיכטיק ניט אַריינצופאַלן אין איינזייטיקייט, אַזוי, אַז אינם דעטאַ־ליזירן דעם מאַטעריאַל זאָל ניט פאַרלוירן גיין די איינהייט פון דער וויסנ־שאַפט אין דעם אופן, ווי דעקאַרט האָט אָנגעהויבן, — האָט סען־סימאָן אויסגעפונען, אַז ניוטאָן און לאָק האָבן ניט אויסגעמיטן קיין טעותים, און די סבה איז, וואָס זיי האָבן פאַרגעסן אינם עקר פון דער וויסנשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וועלכע ער, סען־סימאָן, האָט אויפגעדעקט באַם פאָרשן דעם שטופנגאַנג פונם אינטעלעקטועלן וויסן. נאָך די אַלע עקספּערימענטן האָט סען־סימאָן געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פונם פאַרווירקלעכן דעקאַרטס פּלאַן וועגן אַן איינהייטלעכער, אוניווערסאַלער וויסנשאַפט. די אוניווער־סאַלע וויסנשאַפט האָט באַדאַרפט ווערן אַ נייע פילאָזאָפיע מיט יסודות אינם סאָציאַלן לעבן און אויף אַזאַ אופן, איז סען־סימאָן געווען איבערצייגט, וועט געלינגען צו באַזייטיקן די מיספאַרשטענדענישן אינם געזעלשאַפט־לעך־פּאָליטישן לעבן.

דאָס פילאָזאָפישע סיסטעם, פאָרגעשלאָגן פון סען־סימאָנען, איז גע־ווען אַ סתירה צו אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וועלכע האָבן באַהערשט די וויסנשאַפט פונם 18־טן יאָרהונדערט. סען־סימאָן האָט באַטראַכט די פי־לאָזאָפיע ווי איין כוללתדיקע וויסנשאַפט, וואָס האָט אַן אויפגאַבע צו באַזיי־טיקן די סתירות אויף די פאַרשידענע געביטן פון דער וויסנשאַפט, און פון דעם איז ער געקומען צום אויספיר, אַז — כדי מ'זאָל קענען אויספאָרשן די נאַטור פון דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט, מוז מען פריער אויפקלערן די נאַטור פון די איינצלנע עלעמענטן.

דער עיקר: די פילאָזאָפיע דאַרף זיך באַפרייען פון איר היפּאָטעטישן צושטאַנד און אָננעמען אַ ריין־פּאָזיטיוון כאַראַקטער. סען־סימאָן האָט מישער געווען, אַז דאָס קען געשען נאָר אין פאַל, ווען די פילאָזאָפיע און פסי־כאָלאָגיע וועלן זיך באַנוצן אין זייערע עקספּערימענטן און אין זייער ווייַ־טערער אַנטוויקלונג אויסשליסלעך מיטן באַאָבאַכטונגס־מעטאָד. אַזאַ איז געווען סען־סימאָנס שטאַנדפּונקט און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט ער איינגעטיילט די פילאָזאָפיע אין צוויי טיילן: די פיזיאָלאָגיע פון אינ־דיווידואום און די פיזיאָלאָגיע פונם מענטשלעכן מין, אדער קולטור־פיזיאָ־לאָגיע. די פיזיאָלאָגיע פונם אינדיווידואום האָט ער ווייטער איינגעטיילט

אין צוויי באַזונדערע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען: פיזיאָלאָגיע אין ענגערן זין פון וואָרט און פּסיכאָלאָגיע. און אויך די קולטור־פיזיאָלאָגיע איז בא אים באַשטאַנען פון צוויי באַשטאַנד־טיילן: די געשיכטע פונם פּראָגרעס פון מענטשלעכן גייסט און דאָס אויספאָרשן די צוקונפט פון דער מענטש־לעכער גייסט־געשיכטע.

לויט ניוטאָנס ביישפּיל, האָט אויך סען־סימאָן געשטרעבט צו אַ סיס־טעמאַטישן צוזאַמענפאַסן די וויסנשאַפט און זי צופירן צו אַ קאָנצעפּציע פון איין אוניווערסאַלן פּרינציפּ, וואו ניוטאָנס געזעץ וועגן גראַוויטאַציע זאָל זיין דער פונדאַמענטאַלסטער געזעץ פון דער ווירקלעכקייט. עס איז קלאָר, אַז צווישן ניוטאָנס און סען־סימאָנס פּרינציפּן איז פאַראַן אַ גע־וויסער אונטערשייד, ווייל ניוטאָן האָט זיין געזעץ אָנגעווענדעט אויס־שליסלעך אַף דער ניט־אָרגאַנישער וועלט, סען־סימאָן ווידער האָט זיין פּרינציפּ געוואָלט אויסשפּרייטן אויך אַף דער אָרגאַנישער וועלט. אַזאַ מין ברייטקייט אינם אָנווענדן זיין פּרינציפּ נעמט זיך בא אים פונם וועלן ברענגען אין אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט די אוניווערסאַלע מיט די ערדישע דערשיינונגען, פון וועלכע עס דאַרף זיך צוזאַמענשטעלן די וויסנשאַפט פון מענטשלעכן מין, און פון איר דאַרפן אויסגעפירט ווערן די געזעצן פאַר דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער מענטשהייט.

דאָס איז דער תוך פון סען־סימאָנס פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע. אין אַל־געמיין גענומען איז זי אַ מין קאָמפּראָמיס־טעאָריע צווישן באַקאָם און דעקאַרטס פילאָזאָפיעס. בא באַקאָן האָט ער גענומען דאָס באַגרענעצן אַלע וויסנשאַפטן אַף די געביטן פון דערפאַרונג און פון דעקאַרטן האָט ער גע־ירשנט די אידייע פונם פאַראייניקייטלעכן אַלע וויסנשאַפטן.

סען־סימאָן האָט געוואָלט אויפבויען אַ נייע פילאָזאָפישע סיסטעם אַף פּאָזיטיווע יסודות, ווי אַ קעגנגעוויכט צו דער מעטאַפיזיק פונם אַכטצנטן יאָרהונדערט. די מעטאַפיזיקער האָט ער באַטראַכט, ווי מענטשן, וואָס זוכן פאָרמען און ניט די יסודות; ווי מענטשן, וואָס שווימען אין מליצות און פאַרגעסן דעם ווירקלעכן צושטאַנד פון זאַכן; זיי אַמפּערן זיך צוליב פּרינציפּן און פאַרנאַכלעסיקן די טאַטזאַכן. סען־סימאָן האָט זיך באַצויגן צו דער מעטאַפיזיק מיט אַ גענוגנדיקער אָביעקטיווער אָפּ־

שאַצונג. ער האָט אנערקענט, אַז די מעטאַפיזיק האָט געמאַכט דעם ערשטן אָנגריף אויף דער מיטלאַלטערלעכער טעאָלאָגיע און זי האָט די ערשטע גע־זוירקט אַפּן אויפוואַכן פונם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק אין פראַנקרייך. די מעטאַפיזיק האָט אָפּגעטון אַ געשיכטלעכע שליחות, און אָפּטוענדיק די שליחות, האָט זי זיך אויסגעלעבט און איז ניט געווען מער ביכולת צו אָרגאַניזירן די נייע כוחות, געבוירענע אין די שטרעבונגען צו נייע סאָ־ציאַלע פאַקטאָרן און קולטור. אַזאַ עובדא האָט, לויט סען־סימאָנס מיינונג, געקענט פאַרווירקלעכן בלויז די פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע און דורך באַנייטע מאָראַלישע און פּאָליטישע אידייען איבערבויען אויף לחלוטין נייע יסודות דאָס סאָציאַלע דאַזיין פון דער מענטשהייט.

מאָראַלישע און פּאָליטישע אידייען, — דאָס איז געווען דער הויפּט־יסוד פון סען־סימאָנס נייעם סאָציאַלן בנין. די אידייען דאַרפן זיך האַר־מאָניזירן מיט דער צייט און אָפּהענגיק פון דער קולטור־אַנטוויקלונג דאַרפן זיי ענדערן זייער פאָרם און אינהאַלט. די מאָראַל דאַרף זיך אונטערוואַרפן דעם געזעץ פון שטענדיקער וואַנדלונג און אין דער סאָציאַל־ספערע דאַרף די מאָראַל זיין אַ נאָרמע צום אָרגאַניזירן דאָס לעבן. דאָס פעלן פון אַן איינהייטלעכן מאָראַלישן אימפּעראַטיוו איז די סבה, וואָס צושטערט דאָס סאָציאַלע גלייכגעוויכט, און נאָר אַ נייע פּאָזיטיווע סיסטעם פון מאָראַל, וואָס באַזירט זיך אויף יסודות פון אַ פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע וועט זיין ביכולת האַלטן די וועלט אין אַ פעסטן סאָציאַלן גלייכגעוויכט.

צוזאַמען מיט דער מאָראַל דאַרפן זיך אויך ענדערן די יסודות פון דער פּאָליטיק. פּאָליטישע אידייען טאָרן ניט זיין אַ פּועל־יוצא פון פּער־זענלעכן געמיט, — נאָר זיי דאַרפן באַשטימט ווערן פון פעסטע פּרינציפּן.

מיט אַזעלכע יסודות האָט סען־סימאָן געוואָלט אויסבויען אַ נייע פּילאָזאָפישע סיסטעם. אין זיין גרויס אויפריכטיקייט און פּשטות האָט ער געגלויבט און איז געווען איבערצייגט, אַז מיטן כוח פון אַ נייער פּאָ־זיטיווער פילאָזאָפיע וועט מען קענען אויפבויען אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער מענטשהייט, וואו אַ באַנייטע מאָראַל און פּאָליטיק זאָלן שאַפן דעם פונדאַמענט פון אַ נייעם סאָציאַלן בנין.

קאַפּיטל דריי

סען־סימאָן און די געשיכטע־אויפפאַסונג

סען־סימאָן האָט אנגענומען, אַז די באַנייטע פאָרמען פון רעליגיע, מאָראַל און פּאָליטיק זיינען פּאסטולאַטן פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדנונג, אבער ניט קיין גענוגנדיקער פאַקטאָר פאר דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. דער קריזיס אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן קען באַזייטיקט ווערן נאָר אין פאַל פון אַן אנטגילטיקן אינטעלעקטועלן באַנייען אַלע עקזיסטירנדיקע קולטור־עלעמענטן. איינער פון אַזעלכע עלעמענטן איז די געשיכטע, וועלכע מ'האָט אַוועקגעשטעלט אף ניט ריכטיקע וועגן. ערשטנס דאַרף מען פון דער געשיכטע באַזייטיקן אַלע רעליגיעזע און מעטאַפיזישע באַגריפן און במקום די באַגריפן זאָל זיך די געשיכטע באַנוצן מיטן באַאָבאַכטן טאַטזאַכן און געשעענישן. די פונדאַמענטאַלסטע עלעמענטן פונם היסטאָרישן לעבן דאַרפן באַגרינדעט ווערן און דינען, ווי אריענטירונגס־פּרינציפּן פאַר אַ נייעם מעטאָד צום וויסנשאַפטלעכן באַאַרבעטן דעם געשיכטלעכן מאַטעריאַל. ס'דאַרף אויפהערן דאָס באַשרייבן פּאָליטישע און מיליטערישע געשעענישן, וואו די צענטראַלע פיגור און צענטראַלפונקט איז געווען בלויז און נאָר דער קיניג אָדער פירשט. — די געשיכטע דאַרף רעפאָרמירט ווערן און איר צוועק דאַרף זיין אַריינדרינגען אינם עיקר פון די סאָציאַלע געשעענישן און אויסגעפונען זייערע יסודות און אורפּרינציפּן. באַ אַזאַ מין רעפאָרם וועט אין דער געשיכטע באַלעבאַטעווען דאָס מענטשלעכע גייסטיקע לעבן און אַלע געשיכטע־וואַנדלונגען וועלן ציען זייער יניקה פון אַ גייסטיקער ספערע, וועלכע איז אַ ווירקונגס־רעזולטאַט פון דורות און נאַציעס. די געשיכטע וועט ווערן אַ וויסנשאַפט, זי וועט אַרומנעמען די אַלגעמיינע מענטשלעכע טעטיקייט און וועט מיט זיך פאָרשטעלן אַן אוניווערסאַלע קולטור־געשיכטע. סען־סימאָן איז געווען איבערצייגט, אַז, ווען מ'וועט קענען באטראַכטן די געשיכטלעכע געשעענישן דורך די פאָרענדערטע פונדאַמענטאַלסטע גייסטיקע שטרעמונגען, וועט די געשיכטע־וויסנשאַפט באַקומען אַ פּראַקטישע באַדייטונג און אף

אַזוי פיל, אַז מ׳וועט זיך קענען שאַפן באַשטימטע באַגריפן וועגן דער צוקונפט, ווייל אויב די געשיכטע איז אַ קייט פון סבותדיק־באַדינגטע נויטווענדיקייטן, ווערט פון דעם פאַרשטענדלעך, אַז די צוקונפט שטעלט זיך צונויף פון די לעצטע טיילן אין איין רייע, וואו די ערשטע קאָנסטרואירן די פאַרגאַנגענהייט און אַזוי אַרום קען מען פונם גוט־באַאָבאַכטן די פאַרגאַנגענהייט דורכפירן די ליניע צו דער צוקונפט. דאָס זעלבע דאַרף אויך זיין מיט געגנוואַרט. דאָס אורטיילן די געגנוואַרט דאַרף פאָרקומען אַפן סמך פונם פאַרשטיין די אָפּגעלאָפענע עפּאָכעס; די געשיכטלעכע געשעענישן דאַרפן צוגלידערט ווערן אַף זייערע באַשטאַנדטיילן, כדי אַף אַזאַ אופן אויסצומיידן דאָס סוביעקטיווע אורטיילן. דורך אַזאַ צוגלידערן די געשיכטע וועט געלינגען צו געווינען אַ בליק אַף די באַוועגונגס־געזעצן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און פון דעם וועלן אויך קלאָר ווערן די נאָרמען פון דער פּאָליטישער ווירקונג. דער סאַכאַקל פון דעם איז, אַז פּאָליטיק איז אַ וויסנשאַפט און אַלס אַזעלכע האָט סען־סימאָן זי געוואָלט באַשטאַטן מיטן זעלבן פּאָזיטיוון כאַראַקטער, ווי אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז סען־סימאָן איז געווען אייגנאַרטיק אין זיין אויפפאַסן די געשיכטע; די אידייען פאַר זיין אויפפאַסונג האָט ער געירשנט פון זיין פאָרגענגער, פונם פראַנצויזישן געשיכטעפילאָזאָף קאָנדאָרסע. קאָנדאָרסע האָט דער ערשטער אנגענומען די געשיכטע פאַר אַ וויסנשאַפט און האָט זיין קאָנצעפּציע וועגן געשיכטע, אַלס וויסנשאַפט, דערהויבן ביז אַ געוויסער שטופע. פון קאָנדאָרסען האָט סען־סימאָן גענומען די הויפּט־אידייען, אָבער ער איז דורכאויס זיך צוגאַנגען מיט אים אין די אַלגעמיינע מיינונגען. סען־סימאָן האָט אנגעוויזן, אַז אין די אומשטענדן, אין וועלכע עס איז אַנטשטאַנען קאָנדאָרסעס ווערק, האָט ער ניט געקענט האָבן אַ ניכטערנעם בליק אַף געשיכטלעכע טאַטזאַכן און דערפאַר איז זיין געדאַנק געווען געווענדעט אויסשליסלעך אַפן פילאַנטראָפּישן אפעקט. קאָנדאָרסע האָט ניט געזען די באַדינגונגען, ווי זיי זיינען, — ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי זיי וואָלטן באַדאַרפט אויסזען און צוליב דעם איז זיין ווערק ניט געוואָרן אַ פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע, נאָר אַ מין האַלב־וויסנשאַפטלעכער ראָמאַן. קאָנדאָרסע האָט גענומען אַ

ניט־ריכטיקע ריכטונג און דערפאר האָט ער איבערגעטריבן די מאָס פון דער מענטשלעכער פארפאָלקאָמונג; ער האָט אויסגעטיילט די ווירקונג פון דער רעליגיע, פאַראורטיילט די פאַרדינסטן פון די גייסטלעכע און איגנאָרירט דעם רעוואָלוציאָניזירנדיקן כוח פון דער קירכע אַפן פאָרשריטלעכן פּראָצעס פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

אין היפוך צו קאנדארסען האָט סען־סימאן אף פאָלגנדיקן אופן אויפגעפאַסט די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע: אַ דאַנק דעם יסודותדיקן אימפולס פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג געווינט דאָס געשיכטלעכע דאָזיין אין אַלע פאָרמען און פאַזן זיין באַזונדערע אייגנאַרטיקייט, וואָס דרינגט דורך באַזיין אימאַנענטן פאָרשריטלעכן לויף אַלע אַנדערע פאָרמען פונם קולטורעלן לעבן. דערזעלבער אימפולס טיילט איין דעם אוניווערסאַל־היסטאָרישן עבר אין אַ געוויסער צאָל קולטורעלע צייט־אַלטערס, אפהענגיק פון די געגעבענע אינטעלעקטועלע מאָמענטן, וועלכע גייען אין אַ באַשטימטער ריכטונג. סען־סימאן האָט מוסיף געווען, אַז אמאל, אונטער דער ווירקונג פון די סאָציאַלע אנטאגאניזמען, קענען די קולטור־צייטאַלטערס אָפּגעטיילט ווערן איינע פון די צווייטע, — דאָס קען זיך טרעפן נאָר דאַן, ווען מ׳וויל אויסמיידן דעם רעליגיעזן מאָמענט; אבער אַזאַ צושטאַנד ווערט גלייך פאַרשוואונדן, ווען די רעליגיעזע, פאָליטישע און מאָראַלישע אנשויאונגען קומען ווידער אין א האַרמאָנישן הסכם מיט די נייע יסודות פון דער ציוויליזאַציע.

סען־סימאן האָט געהאט גוטע כוונות: ער האָט געוואָלט געפונען אַ הילפסמיטל צום וויסנשאַפטלעכן אויסטייטשן פאַרשידענע היסטאָרישע עפּאָכן, צוגעפאַסטע צו דער געזעלשאַפטלעכער און אינדיווידועלער אַנטוויקלונג. אבער דעם ציל האָט ער ניט דערגרייכט, ווייל די גייסטיקע אַנטוויקלונג־טענדענצן פון יעדן צייט־אַלטער באַזונדער, סיי פון אינדיווידועלער, סיי פון סאָציאַלער נאַטור, האָט ער אַוועקגעשטעלט מן הצד און האָט זיך

באַנינגט בלויז מיט איינצלנע עלעמענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם ענין.

די עלעמענטן פון אינדיווידועלער נאַטור האָט סען־סימאָן איינגע־טיילט אין פאָלגנדיקע שטופן: קינדער, יוגנט און מענלעכע יאָרן. די קינ־דער־יאָרן פונם מענטשלעכן לעבן צייכענען זיך אויס אויסשליסלעך מיטן אויפנעמען דערנערונג, נאָכער דערוואַכט אינם קינד אַ חשק צו שפּילע־רייען, קליינע קינדער בויען, צושטערן, מאַיסטרעווען. אין יעדן קינד לעבט אַ מין האַנטווערק־שטרעבונג, אָבער דאָס איז בלויז אַ רעזולטאַט פון קינ־דערישער פרייד.

נאָך די קינדער־יאָרן קומט די יוגנט. אין דער עפּאָכע דערוואַכט באַם מענטשן זיין קינסטלערישער זין. די דריטע עפּאָכע — איז דער מענלעכער עלטער. אינם מענטשן דערוואַכט דאָס געפיל פון כוח, ביז עס קומען די יאָרן פון רייפקייט, ווען דער מענטש הויבט אָן קאָנצענטרירן זיינע גע־דאַנקען אָפּן איבערגעלעבטן און פירט אונטער זיין אייגענעם חשבון הנפש.

דעמזעלבן צושטאַנד פון אינדיווידועלער נאַטור אַנטשפּרעכן אויך די צושטאַנדן אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיט דער שטופע פון די קינדער־יאָרן קענען פאַרגלייכט ווערן די ווילדע פעלקער, וועלכע האָבן געלעבט מיט דער איינציקער אויפגאַבע באַפרידיקן די פיזישע באַדערפענישן; די סוב־שטופע פון חשק צו שפּילערייען האָבן אויסגעדריקט די עגיפּטער. מיט דער יוגנט פון אינדיווידועלן לעבן קען מען פאַרגלייכן די אַלטע גריכן, צו וועמענס קונסט קיינער האָט נאָך ניט דערגרייכט. די רוימער, — באַוואוסט אין דער געשיכטע, ווי מענטשן, פאַרגעשריטענע אין מלחמה, דאַרפן פאַר־גלייכט ווערן מיטן מענלעכן עלטער פון אַ מענטש, און ענדלעך קומען די אַראַבער, — זיי האָבן זיך פאַרנומען מיטן קולטיווירן די וויסנשאַפטן; דאָס איז אַ פּעריאָד פון רייפקייט, ווען מ׳פירט אונטער אַן אייגענעם חשבון הנפש.

צום קענען היסטאָריש באַלייכטן די ווייטע געשעענישן פון די אור־צייטאַלטערס, כדי צו געבן אַ געטרייע בילד פונם מענטשלעכן פּראָגרעס בכלל, האָט סען־סימאָן פאַר דעם צוועק זיך באַנוצט מיט דער הילף פון דער עטנאָלאָגיע. די עטנאָלאָגיע מיט אירע אונטערזוכונגען האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט פאַרצושטעלן פעלקער וואָס געפינען זיך אויף די נידריקע

שטופן פון ציוויליזאציע און אין דעם פונקט הויבן זיך אָן די סתירות צווישן אים און זשאַן־זשאַק רוסאָ. די סתירות דרייען זיך איבערהויפּט ארום די אנשויאונגען וועגן לעבנדיקן און אומבאַגרענעצטן מענטשלעכן גליק. די טעאלאגישע לעגענדע וועגן גן־עדן, וועגן אָדם און חוה, און אז כלומרשט די ציוויליזאַציע זאל האָבן צושטערט דאס גליק, האלט סען־סימאן פאר א נארישער פאַנטאַזיע, וועלכע האָט געקענט אנטשטיין אף אַ בפרושן ניט־געשיכטלעכן אופן. דער אונטערשייד צווישן אורמענטשן און דער חיה איז דער פארשידענער קערפּערלעכער בוי, און דערפאר האָט דער מענטש זיך געקענט מאַכן אונטערטעניק די חיות, א דאנק וואָס ער האָט באקומען א מעגלעכקייט צו באַפרידיקן זיינע באַדערפענישן. אזעלכע גינסטיקע באדינגונגען האָבן געבראכט דעם מענטש צו א פארפאלקאמונג, בעת די חיה בלייבט שטענדיק אף דערזעלבער שטופע. א צווייטער גרונטלעכער אונטערשייד צווישן מענטש און חיה איז דער שפראַך־מאָמענט. די מענטשלעכע שפראַך איז א רעזולטאַט פון דויערהאפטער אנטוויקלונג אפן יסוד פון א שכלדיקן זיך באַטעטיקן, און פון דעם האָט זיך אויך געשאַפן די סאָציאלע אנטוויקלונג.

מיט דער הילף פון עטנאלאגישער באַאָבאַכטונג האָט סען־סימאַן איינגעטיילט די געשיכטע פון דער מענטשהייט אין עלף קולטור־עפּאָכעס אדער שטופן.

די ערשטע שטופע הויבט זיך אָן פון דער צייט, ווען דער ווילדער מענטש האָט זיך נאָך געפונען אינם צושטאַנד פון אומבאוואוסטזיניקייט. דער ווילדער מענטש פון דער עפּאָכע איז כאַראַקטעריסטיש מיט זיין ליבע צו רויע עסנווארגן, איבערהויפּט דערנערט ער זיך מיט פלאַנצן, לעבנדיק אין די וועלדער אונטערן פרייען הימל.

אויך אינם צווייטן פעריאד זיינען נאָך די מענטשן געווען ווילד, אבער אנשטאָט אין די וועלדער אונטערן פרייען הימל וואוינען זיי שוין אין היילן. זיי לעבן מחנותווייס אָן אַן אויבערהאַר. וועגן דער באַנוצונג פון פייער האָבן זיי נאָך ניט קיין באַגריף.

אין אַ פאָרגעשריטענערן צושטאַנד האָבן זיך געפונען די נאָרדישע טיילן פון אַמעריקע, אַנטדעקטע דורכן פאָרשער קוק. די נאָרדישע טיילן

פון אמעריקע שאפן דעם דריטן פעריאד אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אין דעם פעריאד געפינט מען פלאנמעסיק געבויטע וואוינונגען, אן אנהויב פון א פאליטישער ארגאניזאציע, אבער נאך א ניט־אנטוויקלטע שפראך.

די פערטע עפאכע האבן פארטראטן די ווילדע שבטים פון ניי־זעלאנד. זיי זיינען שוין אנגעפירט געווארן פון אן אויבערהאר, געהאט אן אייגענע שפראך און געוואוסט דעם סוד פון צוזאמענשטעלן וואפן, מיט וועלכן זיי האבן געמארדעט און דאס האט זיי געבראכט צו מענטשנפרעסעריי.

אין דער פינפטער שטופע איז דאס מענטשנפרעסעריי לחלוטין פאר־שוואונדן, די שפראך איז באררייכערט געווארן מיט פיל נייע ווערטער, דאס פאלק איז איינגעטיילט אין צוויי קלאסן, ס'עקזיסטירט א רעליגיעזער קולט און די חשובסטע צווישן פאלק זיינען די פריסטער.

אינם זעקסטן פעריאד געפינט מען שוין אן אנטוויקלט האנט־ווערקעריי און אן אנהויב פון שיינער קונסט, דעסגלייכן זיינען אויך פארגעשריטענער די פאליטישע פארהעלטענישן.

אין דער זיבעטער שטופע שאפן די מענטשן געטער; דאס גאנצע סאציאלע סיסטעם איז זיך סומך אפן פעטישיזם, אדער, ווי סען־סימאן רופט עס אן, — אידאלאטריע. די פריסטער־קאסטע שאפט א מין טאפלטע רעליגיע: אן איינפאכע רעליגיע פאר די ברייטע פאלקס־מאסן — די אי־דאלאטריע און פארן העכערן שיכט — די רעליגיע פון געלערנטע — דעם פאליטייאיזם. אין דער עפאכע האבן די מאסן געלעבט שטארק אפגעזונ־דערט, די פאליטישע מאכט איז געלעגן אין די הענט פון די פריסטער, וועלכע האבן געהערשט ווילקירלעך־אומבאגרענעצט.

דער אכטער פעריאד פון דער מענטשלעכער ציוויליזאציע איז דער דעלפישער טעמפל, — דארטן קאנצענטרירט זיך די העכסטע סאציאלע מאכט, וואס אנטשיידט אלעס און אויך דיזעלבע סאציאלע מאכט שאפט די העכסטע פאליטישע ארגאניזאציע בא די גריכן. דער דעלפישער טעמפל האט פאראייניקט אלע גריכישע שבטים קעגן דעם אנגריף פון די פערסער, ביז עס איז געקומען דער קיניג פיליפ דער לוסטיקער און האט דעם טעמפל צושטערט. דאס צושטערן דעם דעלפישן טעמפל איז געווען א שריט פאר־אויס פאר דער ציוויליזאציע, ווייל דאס האט געגעבן דעם גריכישן פילא־

זאָף סאָקראַט די מעגלעכקייט דערווייזן די אומבאַגרינדעטע איינבילדונג, אַז די געטער זאָלן כלומרשט ווירקן קעגנזייטיק איינע אף די צווייטע און, אויסחוזקנדיק די איינבילדונג, פּראָקלאַמירן די אידייע פון איין גאָט. סאָקראַט האָט דער ערשטער געעפנט דעם וועג צו א נייער רעליגיע, — צום טייאיזם.

אין דער ניינטער שטופּע קומט פּאָר אַ קאַמף צווישן דעם פּאָליטיי־איזם און טייאיזם. דער טייאיזם האָט אַרויסגעשטויסן דעם פּאָליטייאיזם און האָט גורם געווען צו אַ קולטור־קריזיס. דער טייאיזם האָט געפירט צו אַ פעסטערער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, ער האָט אויך דערוועקט א מלחמה־גייסט און נאַציאָנאַלן ענטוזיאַזם, א דאַנק וואָס ס׳האָבן זיך גע־שאַפן די נאַציאָנאַלע סתירות.

מיט דער צענטער שטופּע האָבן די פירנדיקע מאַכט איבערגענומען די אַראַבער; אין דערזעלבער עפּאָכע האָבן זיך צובליט די באָאָבאַכטונגס־ווייסנשאַפטן.

די עלפטע שטופּע שאַפט דאָס מיטלאַלטער. די גאַנצע מאַכט איז קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער קירכע. דער פּעריאָד האָט געדויערט, ביז דער קיניג קאַרל דער גרויסער האָט אָפּגעטיילט די וועלטלעכע מאַכט פון דער גייסטלעכער. אַזאַ מין צוטיילונג האָט געשאַפן א באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַלגעמיינע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

א דאַנק דעם קריסטנטום האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט א באַשטימט סאָציאַלעס סיסטעם, וואָס האָט געהערשט און באַהערשט די געזעלשאַפט, און מיטן אַריינדרינגען פון די באָאָבאַכטונגס־ווייסנשאַפטן פון די אַראַבער האָט דאָס סיסטעם אָנגעהויבן פילן א ווידערשטאַנד. מיט זיין העליאָ־צענטרישער טעאָריע האָט קופּערניק געמאַכט א שטילע רעוואָלוציע אין דער ווייסנשאַפט און האָט אַריינגעבראַכט א נייעם שטוים אין דער מענטשלע־כער קולטור; דער ענגלישער נזיר און פילאָזאָף באַקאָ, דער פראַנצויזישער פילאָזאָף דעקאַרט, דער ענגלישער פיזיקער ניוטאָן, דער פילאָזאָף לאָק און אַסטראָנאָם גאַליליי האָבן פאַרגעזעצט די שטילע רעוואָלוציע און זי טי־פער איינגעאַקערט אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן, — אין דערזעלבער צייט האָט דער דייטשער גלח לוטער, אַגב מער פּאָליטיקער, ווי ווייסנשאַפטלער,

געמאכט אַ שטאַרקן אנגריף אף דער אומבאגרענעצטער מאַכט פונם פויפסט. א דאנק דעם האָבן די אייראפעאישע נאַציעס זיך באפרייט פונם רוימישן יאָך, דאָס טעאלאגישע סיסטעם האָט געליטן א מפּלה און ברייט האָבן זיך געעפנט די טירן פאר דער פראנצויזישער אויפקלערונגס־פילאָזאָפיע. אף אזא אופן איז צושטערט געוואָרן די מאַכט פונם קאטאליציזם, און עס איז געקומען דער קריזיס, וואָס האָט געשאפן דעם פאראקסיזם פון רעוואָלוציע אין פראַנקרייך: די פראנצויזישע רעוואלוציע איז געווען אַן אָנזאָג, אַז די געשעענישן וועלן מיט דער צייט אַרומכאַפּן די גאַנצע וועלט און דערפאר איז נויטווענדיק, אַז אלע פעלקער זאָלן זיך פארייניקן אין איין גרויסער קולטור־געמיינשאַפט, — אבער דאס איז מעגלעך בלויז אינם פאַל, ווען עס וועלן רעארגאניזירט ווערן אלע קולטור־עלעמענטן, די רעליגיע, מאָראַל און פּאָליטיק אין הסכם מיט די נייע פאָדערונגען, וועלכע אַ גֵעשאַפענער סאָציאַלער קריזיס ברענגט ארויס אף דער אויבערפלאך.

פון אַזאַ שטאַנדפונקט באטראכטנדיק די סבות פון די סאָציאַלע געשעענישן און סאָציאַלע קריזיסן, איז סען־סימאָן געקומען צום אויספיר, אַז עס איז נויטווענדיק שאַפן אַ נייע רעליגיע, געבויט אף גאַנץ אנדערע און נייע יסודות, ווי דער קאטאליציזם. סען־סימאָן האָט געגעבן די פאָסטולאַטן פאר אזא נייער רעליגיע, אנרופנדיק זי מיטן נאָמען פיזיציזם, אָדער, ווי די סאָציאַלע פילאָזאָפיע האָט זי געקרוינט מיטן טיטל — דאָס פיזיקאַליש־פּאָליטישע סיסטעם.

קאַפּיטל פיר

סען־סימאָן און זיינע פאָרלויפער

וויל מען אויסגעפונען דעם שורש פון דער פּאָזיטיוויסטישער וועלט־אנשויאונג, טאָר מען זיך ניט באַגרענעצן בלויז מיט סען־סימאָנען. עס וואָלט כלל וכלל געווען קעגן דער ווירקלעכקייט, ווען מ׳זאָל סען־סימאָנען מאַכן פאַרן שעפער פון דער פּאָזיטיוויסטישער וועלט־אנשויאונג, כאָטש

ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אנגעמערקט די עיקרדיקע יסודות פון פּאָזיטיוויזם און האָט גורם געווען, אז זיין שילער אויגוסט קאָנט זאָל אויפשטעלן דאָס אומפּאַסנדיקע סיסטעם פונם אַנטוויקלטן פּאָ־זיטיוויזם.

דער פּאָזיטיוויזם הויבט זיך אָן אינם אַכטצנטן יאָרהונדערט און נעמט זיין התחלה אינם פארשריט פון די נאטורוויסנשאפטן. דער פּראצעס האָט זיך אנגעהויבן ניט בלויז מיט איינפירן דעם באַאָבאַכטונגס־מעטאָד, — נאָר אויך אינם פארטיפערן דעם דערפארונגס-קרייז פון דער וויסנשאַפט. דער פּראָצעס איז געוואָרן א פּועל־יוצא פון די דעקאַרט־ און ספּינאָזע־סיסטעמען, און ווי אין דער נאַטורוויסנשאַפט, אַזוי איז אויך אין דער פי־לאָזאָפיע אנטשטאַנען א שטרעמונג ארויספירן אלע דערשיינונגען פון זייער ערשטן פּרינציפּ, וואָס זאָל זיך באַזירן אויסשליסלעך אף דער דערפארונג; דער רעזולטאַט פון אַזאַ שטרעמונג איז געווען דער פּאָזיטיוויזם.

ביז סען־סימאנען, האָבן אויך באַקאָ און דעקאַרט פיל מיטגעווירקט פאַר דער אנטשטייאונג פונם פּאָזיטיוויזם. באקא האָט דער ערשטער פאָר־געזעצט דעם באַאָבאַכטונגס־מעטאָד אין דער וויסנשאַפט, און דעקאַרט האָט מיט זיינע מאַטעמאַטישע לייסטונגען פיל בייגעטראגן צום אויפבויען אַ פּאָזיטיוויסטישע ריכטונג אינם דענקען. אבער ווען מ'וויל אנווייזן אפּן ווירקלעכן פאָרגענגער פונם פּאָזיטיוויזם דארף מען זיך אפּשטעלן אפּן פראנצויזישן וויסנשאפטלער ד'אַלעמבערט. ד'אלעמבערט האָט גערייניקט די וויסנשאַפט פון די טעאלאגישע און מעטאפיזישע עלעמענטן, אנווייזנדיק, אַז די וויסנשאַפט דארף זיך שטעלן די אויפגאבע אויסצופאָרשן די סבות־דיקע באַציאונגען פון דער ווירקלעכקייט, וועלכע געפינט זיך אויסער די מענטשלעכע געפילן. ד'אלעמבערט האָט געפּרואווט אף א מאַטעמאַטיש־נאטורוויסנשאפטלעכן אופן באגרינדן זיינע ארויסגעזאגטע מיינונגען. ער האָט לחלוטין פאראורטיילט די מעטאפיזיק און אנגעוויזן, אַז דער מענטש־לעכער גייסט איז ניט ביכולת אריינצודרינגען אינם תוך פונם געשיכטלעכן דאזיין, — דער מענטשלעכער גייסט קען בלויז ארויסברענגען די דערשיי־נונג־צוזאמענהאנגן און זייער געזעצמעסיקן אויסדרוק און אף אזא אופן

האָט ד׳אַלעמבערט באַשטימט דעם באַגריף וועגן דעם מהות פון דער פּי־לאָזאָפיע.

טיפער און קאָנסעקוועגטער האָט ד׳אַלעמבערטעס אידייען אַנטוויקלט טורגאָ. טורגאָ איז געווען אַ נאַציאָנאַל־עקאָנאָם און פּאָליטיקער, און אַלס קריטעריום פונם מענטשלעכן פּראָגרעס האָט ער אָנגענומען דעם פאַרלויף פון די נאַטור־געשעענישן. דאָס באַנוצן זיך מיט אַזאַ קריטעריום האָט אים געפירט צו דעם, אַז אויך די געשיכטלעכע געשעענישן האָט ער דערקלערט פון אַ פּאָזיטיוויסטישן שטאַנדפּונקט און האָט געשטרעבט צו דערווייזן, אַז זיי זיינען אַ רעזולטאַט פון כוחות, וועלכע צופאַלן זיך אויף פיל אימאַ־נענטע טיילן. זיינע דערקלערונגען האָט טורגאָ באַגרינדעט מיטן פּראָגרעס אין דער נאַטורפאָרשונג, אָבער ער האָט אויך אונטערגעשטראָכן דעם אונ־טערשייד צווישן דעם נאַטור־פּראָצעס און דעם וואַנדל פון די געשיכטלעכע דערשיינונגען. טורגאָ האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער געזעץ, וואָס ווירקט אינם נאַטור־פּראָצעס רופט קיינמאָל ניט אַרויס קיינע פאַרענדערונגען אין דער גלייכאַרטיקייט פון די נאַטור־געשעענישן, בעת דער געשיכטלעכער פּראָצעס לעבט אינם שטענדיקן וואַנדלען און זיך ענדערן. פאַרן גילטיקסטן פּרינציפּ פון געשיכטלעכן אויסטייטשן האָט טורגאָ אָנגענומען די אידייע פון פּראָגרעס און דאָס פאַרשיידנקייט פון די געשיכטלעכע געשעענישן האָט ער געוואָלט באַזיגן דורכן מעטאָדיש־איינהייטלעכן באַטראַכטן דיזעלבע. טורגאָ האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן באַטראַכטן די הויפּט־כוחות, וואָס באַ־וועגן די געשיכטלעכע געשעענישן, די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג, האַל־טנדיק זיך באַם שטאַנדפּונקט פון אַ שטרענגער סכעמאַטישער פאַרענדע־רונג, וועלכע קומט פאָר אינם לויף פון דער צייט און דאָס איז געווען די ערשטע זריעה, פון וועלכער עס איז אויסגעוואַקסן אויגוסט קאָנטס באַרימט־געוואָרענער געזעץ וועגן די דריי שטופן אינם מענטשלעכן פּראָגרעס. באַ־מערקן דאַרף מען, אַז טורגאָ האָט געהאַלטן דעם פּראָגרעס גילטיק פאַר דער וויסנשאַפטלעכער עוואָלוציע, אָבער בשום אופן האָט ער אים ניט אָנגע־נומען פאַר אַ יסוד פון דער אַלגעמיינער קולטור־אַנטוויקלונג.

ד׳אַלעמבערטס און טורגאָס אידייען האָבן געפונען אַ לעבהאַפטן אָפּ־קלאַנג אין דער וויסנשאַפט; באַזונדערס האָבן די אידייען זיך אַנטוויקלט

אין די מאַטעמאַטיש־נאַטורוויסנשאַפטלעכע קרייזן פון די ד'אַלעמבערט־טורגאָ־צייטן. די מאַטעמאַטיש-נאַטורוויסנשאַפטלעכע קרייזן האָבן געגרינ־דעט באַם פראַנצויזישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אַ מין באַזונדערן מאָ־ראַליש־פּאָליטישן קלאַס, וועלכער האָט דערקלערט:

„געזעצגעבער, פילאָזאָפן, יוריסטן, — עס איז געקומען די צייט פון די סאָציאַלע וויסנשאַפטן, אבער מ'מוז זיי ערשט שאַפן. זייט די מענטשן האָבן זיך פאַרייניקט אין געזעלשאַפטן, האָבן זיך אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט ניט געפונען נאָך אין אַזאַ עפּאָכע, אין וועלכער מ'זאָל זיך מוזן באַשעפטיקן מיט די סאָציאַלע וויסנשאַפטן און מיטן פאַרפאָלקאָמען די מענטש־לעכע געזעלשאַפט."

דער אָנגעזעענסטער מאַן אין דעם מאַטעמאַטיש־נאַטורוויסנשאַפטלעכן קרייז איז געווען קאָנדאָרסע; אונטערן איינדרוק פון די גרויסע געזעל־שאַפטלעכע געשעענישן האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט די סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אים אויך געמאַכט פאַרן מאַרטירער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. קאָנדאָרסעס פאַרדינסטן באַשטייען אינם גע־לונגענעם אויפפאַסן די הויפּט־טענדענצן פון טורגאָס פילאָזאָפישן פאַרשן די געשיכטע, און, באַפרייענדיק זיך פון די פאַרשידענע געשיכטלעכע פאָר־אורטיילן, האָט ער די טענדענצן צוגעגעבן אַ שאַרפזיניקן כאַראַקטער. אגב, האָט קאָנדאָרסע גאָרניט מחדש געווען אין טורגאָס מיינונגען, אבער, שטי־צנדיק זיך אַף די רעזולטאַטן פון די נאַטורוויסנשאַפטן, האָט ער געוואָלט דערקלערן, אַז די ממשותדיקע געזעצן פון די היסטאָרישע באַוועגונגס־דערשיינונגען זיינען אַ פועל־יוצא פון איין באַשטימטן הויפּט־עלעמענט. פאַר אַזאַ הויפּט־עלעמענט נעמט קאָנדאָרסע אָן דעם מענטשלעכן גייסט, וועלכער באַשטימט די אייגנאַרטיקייט פונם אַלגעמיינעם קולטור־פּראָצעס. דער מענטשלעכער גייסט האָט אָפּן וועג פון זיין אַנטוויקלונג באַגעגנט פיל שטערונגען, איבערהויפּט מצד דער רעליגיע פון מיטלאַלטער און דערפאַר איז קאָנדאָרסע געווען אַ שונא פון דער קירכע. ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָס רעליגיעזע מיטלאַלטער האָט דעם מענטשלעכן גייסט געבראַכט צו אַ ירידה, ווייל אַף אַלע געביטן האָט געהערשט אומוויסנקייט, גרויזאַמקייט,

האַרטקייט און קאָרופּציע און בלויז יחידים האָבן זיך געפונען צו באַהערשן די שווערע פינסטערניש פון די רעליגיעזע איינריכטונגען. דאָס אָרט פונם שכלדיקן דענקען האָבן פאַרנומען די טעאָלאָגישע טרוימערייען, אַבערגלויבערישע אַוואַנטורעס און אין דעם איז באַשטאַנען די רעליגיעזע מאָראַל-טאָלעראַנץ. קאָנדאָרסע האָט געהאַלטן, אַז די וויסנשאַפט דאַרף קעמפן קעגן אַזאַ קולטור-באַרבאַריזם און אָנווענדן אַלע כוחות צום באַזייטיקן די ווירקונג פון דער רעליגיע און פון אירע פּריסטער אויף דער געשיכטע.

קאָנדאָרסע האָט ניט פאָרמולירט זיינע מיינונגען אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן, — ער האָט זיי פּאַראַמאַנטיזירט און פאַרוואַנדלט אין אַ לייכטער פאַנטאַזיע און אַ דאַנק דעם איז ער אַרויף אויף אַ פאַלשן וועג., אָבער דאָך האָט זיין ווירקן געבראַכט צו אַ טורגאָ-קאָנדאָרסע-אידייע פון אַ פּאָזיטיווער פּאָליטיק, וועלכע איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער אין אַלע וויסנשאַפטלעכע קרייזן, וואו עס איז אויך געווען פאַרטראָטן דער פראַנצויזישער וויסנשאַפטלער קאַבאַני, מיט וועמענס טרחה די וויסנשאַפט האָט זיך באַפרייט פון די מעטאַפיזישע אַבסטראַקציעס. אַ צווייטער וויסנשאַפטלער פון דעם קרייז — דע-טראַסי האָט אָפּן סמך פון די פּאָזיטיוויסטישע דערקלערונג געשאַפן אַ טעאָריע, וואָס איז זיך סומך אויף די אַלגעמיין-אָנגענומענע אידייען, ווי אויף ממשותדיק-רעאַלע וועזנס. דיזעלבע טעאָריע האָט אויסגעבררייטערט דער באַרימטער פראַנצויזישער פילאָלאָג טהורא, אונטערשיידנדיק דריי שטופן אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש: די טעאָלאָגישע, מעטאַפיזישע און פּאָזיטיווע, — דריי מאָמענטן, וועלכע האָבן געדינט אויגוסט קאָנט פאַרן שאַפן די סאָציאָלאָגישע וויסנשאַפט. דער פאַרדינסט פון די וויסנשאַפטלער איז ניט בלויז אין דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעבויט די וויסנשאַפט אויף פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן, — פיל גרעסער זיינען זייערע פאַרדינסטן אינם צופּאַסן די וויסנשאַפטן פאַרן פּראַקטישן לעבן.

און אַט אין אַזאַ צייט, ווען די פּאָזיטיוויסטישע קאָנצעפּציעס און וועלט-אָנשויאונג האָבן אָנגעהויבן דורכשלאָגן אַ וועג אין דער וויסנשאַפט, האָט זיך באַוויזן סען-סימאָן. דאָס איז געווען צום סוף פונם אַכטצנטן יאָרהונדערט, בעת דער גייסט פון די נאַטורוויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען האָט

געבראַכט צו פּאָזיטיוויסטישע שטרעמונגען, וועלכע די וויסנשאַפטלער האָבן געוואָלט פאַרווערטן צום אויספאָרשן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, אנטשטאנענע אונטער דער ווירקונג פון די סאציאלע סתירות. סען־סימאָן האָט אנגענומען אזא פּאָזיטיוויסטישע וועלט־אנשויאונג, טיפער האָט ער זי ניט אנטוויקלט, אבער אינטערעסאנט און וויכטיק איז זיין שטעלונג. די פאַרשידענע פּאָזיטיוויסטישע אידייען זיינען ניט געווען פאַרבונדן צווישן זיך און סען־סימאָנען קומט דאָס פאַרדינסט פון צונויפבינדן די אַלע אידייען אין איין צוזאמענהאנג. סען־סימאָן האָט געווירקט, אז דער פּאָזיטיוויזם זאָל ווערן אַ פילאָזאָפישע ריכטונג, וועלכע זיין שילער און מיטארבעטער אויגוסט קאָנט האָט אויסגעברייטערט און טיפער באגרינדעט, שאַפנדיק א ספּעציעלע אויגוסט־קאָנטישע סיסטעם.

וויכטיק זיינען סען־סימאָנס לייסטונגען אפן געביט פון פילאָזאָפישן אויסטייטשן די געשיכטלעכע ווירקלעכקייט. ער האָט סינטעזירט קאָנדאָרסעס פּאָסטולאטן און טורגאָס סיסטעם פונם אינטעלעקטועלן באטראכטן די דערשיינונגען און אפן יסוד פון א גענוי־אויסגעפאָרשטער פאַרגאַנגענהייט האָט ער געוואָלט שאַפן א מעטאָד צום קענען לערנען די קעגנווארט, ווי אַ שטופּ צו דער צוקונפט. חוץ דעם, האָט ער איינגעטיילט די געשיכטלעכע אנטוויקלונג אין א באשטימטער צאָל צייטאַלטערס און ארויסגייענדיק פונם שטאַנדפּונקט, אַז אַלע פאָרמען פונם מענטשלעכן דאָזיין זיינען דורכגעדרינגען מיט איין גייסטיקן פּרינציפּ, איז פאַר אים דורך דעם אויך קלאָר געוואָרן די סאציאַל־פּסיכאָלאָגישע איינהייט פון די טאטזאכן, וואָס קאָנסטרואירן דאָס געשיכטלעכע לעבן. מיט דעם האָט סען־סימאָן געגעבן דעם יסוד פאַר דער אנטוויקלונגס־סכעמע, וועלכע אויגוסט קאָנט האָט שפּעטער באַטיטלט מיטן נאָמען „דאָס געזעץ פון די דריי שטופן”, צוגעבנדיק דעם געזעץ ניט קיין אינטעלעקטועלן כאַראַקטער, ווי טורגאָ, נאָר שוין אַן אויסשליסלעכן סאציאָלאָגישן כאראקטער. פון דעם שטאַנדפּונקט שטאַמט אויך סען־סימאָנס געדאנק וועגן די סאציאַלע קריזיסן און קאָנפליקטן, וועלכע קומען, ווי א פּועל־יוצא פון דער געענדערטער צענטראַלער קולטור־אידייע און פון דעם, ווייל עס ברייטערט זיך אויס דער קרייז פון די דערפאַרונגען.

דעמזעלבן שטאַנדפּונקט האָט סען־סימאָן געוואָלט אויך אנווענדן אַפן סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן פון דער קעגנוואַרט. די מאָדערנע צייטן האָט ער אַנערקענט, ווי אַן איבערגאַנגס־עפּאָכע, וואָס טיילט זיך שטאַרק אָפּ פונם מיטלאַלטער און באַם מיטלאַלטער אנטפּלעקט זיך די סתירה צווישן איִם, סען־סימאָנען און קאָנדאָרסען. סען־סימאָן איז געווען איבערצייגט, אַז די קירכע איז געווען דער אָרגאַניזירנדיקער כּוח פונם מיטלאַלטער. די קירכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אינטעלעקטועלער איינהייט, אָבער ווי־באַלד די קירכלעכע מאַכט איז זיך צופאַלן, האָט זיך צוזאַמען מיט דעם אָנגעהויבן די אינטעלעקטועלע צושפּליטערונג און די מעטאַפיזיק האָט אינם קאַמף צווישן די טענדענצן פון מיטלאַלטער און נייער צייט איבערגענומען די אויסשליסלעכע ראָל פון קריטיק. אָבער טראָץ אַזאַ מיינונג, האָט סען־סימאָן אַזאַ אַנטוויקלונגס־גאַנג באַטראַכט ווי אַ נויטווענדיקייט. באַגרייפן דעם אַנטוויקלונג־גאַנג פון די קולטור־געשעענישן, — אָט אין דעם דאַרף באַשטיין די אויפגאַבע פונם פּאָליטיקער און היסטאָריקער. אָבער מיט וואָס פאַר אַ וועגן דאַרפן גייען דער פּאָליטיקער און היסטאָריקער? דאַרף פאַר זיי בלייבן מאַסגעבנדיק די סאָציאַלעווירקלעכקייט, וועלכע עס ברענגט מיט דער שטורם פון דער רעוואָלוציע, אָדער עס זאָל הערשן דער רעליגיעזער אויטאָריטעט? סען־סימאָן האָט אָפּגעוואָרפן ביידע עלעמענטן, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז די נייע כּוחות זיינען ביכולת צו שאַפן אַ זעלבסט־שטענדיקן יסוד פאַר אַ נייער דויערהאַפטער סאָציאַלער אָרדנונג, דער תּוכן פון וועלכער זאָל אויפגעדעקט ווערן דורך אַ געשיכטלעך־פילאָזאָפישן גייסט, אַף אַזאַ אופן האָט סען־סימאָן געוואָלט דערגרייכן צו אַ העכערן סינטעז צווישן דעם יסוד, וואָס בינדט די פאַרהעלטענישן מיט דער אי־דייע, וועלכע געשטאַלטעט אויס דיזעלבע פאַרהעלטענישן, איינהילנדיק זיי אין אַ באַשטימטער כאַראַקטעריסטישער פאָר זיי פאָרם.

III

פֿונם פֿילאָזאָף צום סאָציאַל־פּאָליטישן רעפֿאָרמאַטאָר.

סען סימאָן און אויגוסט טיערי: „וועגן רעאָרגאַניזירן די מענטשלעכע געזעלשאַפט"

אינם גאַנג פון זיין וויסנשאַפטלעכער אנטוויקלונג האָט סען־סימאָן, צוזאַמען מיט איינעם פון זיינע שילער אויגוסט טיערי, נאָכהער אַ באַרימטער פראַנצויזישער היסטאָריקער, פאַרפאַסט אַ ווערק אונטערן נאָמען: „וועגן רעאָרגאַניזירן די מענטשלעכע געזעלשאַפט". דאָס ווערק האָט לחלוטין ניט קיין שיכות צו די אידייען, וועלכע סען־סימאָן האָט אַנטוויקלט אין אַלע זיינע אַנדערע ווערק, אָבער עס איז געווען דער בריק, וואָס האָט געפירט דעם פילאָזאָף צום סאָציאַלן און סאָציאַל־פּאָליטישן דענקען. בכלל איז סען־סימאָן געווען דער מענטש פונם עלאַסטישן דענקען און פון מאָל צו מאָל זיינען פאָרגעקומען וואַנדלונגען אין זיינע וועלט־אַנשויאונגען. אין זיין ווערק: „די דענקשריפט וועגן דער מענטשלעכער וויסנשאַפט" האָט סען־סימאָן אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז דער מענטשלעכער עלנט שטאַמט פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און נאָר אַן אינטעלעקטועלע באַנייאונג קאָן באַזייטיקן אַזאַ צושטאַנד, דאַקעגן אין זיין צווייטן ווערק „וועגן רעאָרגאַניזירן די מענטשלעכע געזעלשאַפט", זאָגט זיך סען־סימאָן אָפּ פון זיינע פריערדיקע אידייען־מיינונגען און זעט שוין די רעטונג פון דער מענטשהייט אינם איינפירן אַ פּאַרלאַמענטאַרישן סיסטעם, וועלכער וועט זיין ביכולת צו ענדערן דעם צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט צום בעסערן.

אַזאַ מין ניט־שטאַנדהאַפטיקייט אין געדאַנק און אידייען האָט געבראַכט סען־סימאָנען גרויסע שאָדנס. וואו עס פעלט די שטאַנדהאַפטיקייט, דאָרט איז ניט פאַראַן קיין אָרט פאַר גרויסע שאַפונגען. ס'פאַרשווינדט די

מעגלעכקייט פֿון דערגרונטעוועןֿ און פֿאַרטיפֿן געדאַנקען, פֿאַרבונדענע מיט באַשטימטע אידייען און דער דענקער גופֿא איז פֿאַראורטיילט צו וואַנדלען פֿון אידייע צו אידייע, ניט ברענגענדיק קיין איינע פֿון זיי צו באַשטימטע אויסדרוקן, איינגעהילט אין אַ באַשטימטער פֿאָרם. און סען־סימאָן איז גראַדע געווען דער דענקער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ניט־שטאַנדהאַפֿטיקייט, אָבער מ׳קען אים דן זיין לכף זכות. סען־סימאָן האָט געהערט צו די אויסערגעוויינלעכע עמפּינדלעכע נאַטורן, וואָס רעאַגירן אויף יעדן קלענסטן שינוי אין לעבן. און גראַדע די עפּאָכע אין פֿראַנקרייך, אין וועלכער סען־סימאָן האָט געלעבט, איז געווען רייך אין שינויים. פֿראַנקרייך האָט איבערגעלעבט דעם שרעקלעכן נאַפּאָלעאָנישן דעספּאָטיזם, וועלכער איז געפֿאַלן צו לאַסט איבער גאַנץ אייראָפּע. ענדלעך איז געקומען די נאַפּאָלעאָנישע ירידה און די פֿראַנצויזישע מאַסן האָבן אָנגעהויבן גלויבן, אַז די דינאַסטיע פֿון די בורבאָנעס וועט זיך ווידעראַמאָל אומקערן צו דער מאַכט.

אין דערזעלבער צייט פֿון דער נאַפּאָלעאָנישער ירידה איז אויך פֿאָרגעקומען דער ווינער שלום-קאָנגרעס. דער ווינער שלום־קאָנגרעס האָט זיך געשטעלט אַן אויפֿגאַבע אויסצואַרבעטן די מאָדוסן פֿון אַ דויערהאַפֿטן שלום אין אייראָפּע: מ׳האָט נאָך דאַן געגלויבט, אַז שריפֿטלעכע טראַקטאַטן און דיפּלאָמאַטישע אָפּמאַכן זיינען ביכולת צו רעגולירן די פֿאַרהעלטענישן צווישן פֿעלקער און לענדער. סען־סימאָן איז געווען דער ערשטער פֿון די, וואָס האָט אָנגעוויזן, אַז אָפּמאַכן זיינען אַ קנאַפּע גאַראַנטיע פֿאַרן שלום, ווייל כל־זמן ס׳עקזיסטירן נאַציאָנאַלע סכסוכים, זיינען די דיפּלאָמאַטישע אָפּמאַכן בלויז פֿאַליאַטיוון. אַזאַ מין געדאַנק וואָלט געקענט פֿירן סען־סימאָנען צום וועג פֿונם ריכטיקן און פֿאָלקאָמענעם באַגרייפֿן די סאָציאַל־פּאָליטישעווירקלעכקייט, אָבער ער האָט ניט גענומען דאָס פּראָבלעם אין זיין טיפֿן אינהאַלט און ברייטער דערשיינונג. ווי אַלע אַנדערע זיינע אידייען, האָט ער אויך דאָס פּראָבלעם גענומען אָן אַ פּראַקטישער פֿאַרווענדונג און דערפֿאַר איז עס בא אים פֿאַרפֿלאַכט געוואָרן, ניט באַקומענדיק די ריכטיקע אַנטוויקלונג. אפֿילו אינם זין פֿון רעאָרגאַניזאַציע איז ער געווען אויפֿן ריכטיקן וועג. אַ מאַסשטאַב האָט ער גענומען אַן איינ־

טערנאציאנאלן, וואו די רעארגאניזאציע דארף זיך פריער אנהויבן פונם אינערלעכן, דאס הייסט אין יעדן לאנד און יעדער מלוכה באזונדער, און ווען די רעארגאניזאציע וועט פארווירקלעכט ווערן, דאן וועט אויך קומען די הארמאנישע צוזאמענשליסונג. אבער זיין פעלער איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האט געהאלטן, אז אזא פארלאמענטארישע ארדנונג, ווי אין ענגלאנד, איז די איינציק־גינסטיקע פארם פארן רעארגאניזירן די געזעל־שאפט און דערפאר איז ער געווען איבערצייגט, אז רעפרעזאנטיווע רע־גירונגס־סיסטעמען קענען דינען פאר א סאציאלן הייל־מיטל.

סען־סימאן האט אויסגעפונען, אז דאס סאציאלע גלייכגעוויכט ווערט געשטערט דאן, ווען עס שאפט זיך א דיסטאנץ צווישן דעם אינטעלעק־טועלן פארשריט און דער עקזיסטירנדיקער סאציאלער ארדנונג. ער האט געהאלטן, אז אויסשליסלעך די געשיכטע איז די איינציקע פשרה־מאכערן אינם אייביקן ויכוח צווישן די מיינונגען און זי גופא ווייזט אן די ריכט־ליניעס פאר א נייער דויערהאפטער סאציאלער ארדנונג. די פאליטיקער און דענקער דארפן נעמען זייער שטאף פון דער געשיכטע, וואו יעדער עפאכע האט זיך אירע שטרעמונגען, וועלכע קומען, ווי א רעזולטאט פון באשטימטע סאציאלע און קולטורעלע ווירקונגען. אין די שטרעמונגען גופא איז פארבארגן דער צושטערנדיקער עלעמענט, וואס פאראורזאכט די סא־ציאלע קאנפליקטן און ברענגט זיי צו א צוזאמענברוך. אינם מיטלאלטער איז לוטערס רעפארמאציע געווען די סבה פארן צושטערן די פארעלטערטע און אפגעלעבטע געזעלשאפטלעכע ארדנונג, געפונענדיק דעם ריכטיקן ווענדע־פונקט אין דער רעוואלוציע פונם אכטצנטן יארהונדערט.

די רעוואלוציע פון אכטצנטן יארהונדערט האט גורם געווען צו א נייעם סאציאלן בויען, האט סען־סימאן פון דעם געאורטיילט, אז די פילאזא־פיע קאן שוין מער ניט זיין א באשטאנדטייל פון א סאציאלער רעפארם, ווייל ער האט פאר זיך דערזען גאנץ נייע און גאנץ אנדערע פראבלעמען. סען־סימאן האט באזונדערס באטאנט, אז יעדער יארהונדערט האט זיך זיינע אויפגאבן: דער זעכצנטער יארהונדערט האט זיך באשעפטיקט מיט טעא־לאגישע פראגן; די אויפמערקזאמקייט פונם זיבצנטן יארהונדערט איז גע־ווען געווענדעט אף דער קונסט; דער אכצנטער יארהונדערט האט זיך פאר־

נומען מיט פילאָזאָפישער קריטיק, דאקעגן דער נײַנצנטער יאָרהונדערט האָט ארויסגערוקט נײַע פּראבלעמען אין דער פּאָליטיק, אפן סמך פון וועלכע סען־סימאָן האָט געוואָלט אנטשיידן דאס פּראבלעם פונם סאָציאַלן אָרגאַניזירן די מענטשהייט.

נאָך דער נאפּאלעאָנישער ירידה האָבן אלע מלוכות פון אייראפּע גע־לייגט גרויסע האָפנונגען אפן שלום־קאנגרעס. וואָס איז צוזאמענגערופן גע־וואָרן אין ווין: מ׳האָט געגלויבט, אז דער קאנגרעס וועט שאפן א באַזע פאַרן אינטערנאציאָנאַלן שלום און פעלקערלעכן צוזאמענלעבן, אבער סען־סימאן האָט געצווייפלט אין דער צוועקמעסיקייט פונם קאָנגרעס. ער איז געווען איבערצייגט, אז דער קאנגרעס וועט ניט ברענגען די געוואונטשענע רעזולטאַטן און וועט ניט דערגרייכן דעם אנגעמערקטן ציל. אנאליזירנדיק די צושטאַנדן און צוזאמענהאנגען, האָט ער געזען די פארשידנקייט פון די באזונדערע פאָדערונגען מצד יעדער מלוכה און אזא ניט־איינשטימיקייט שאַפט דעם באדן פאַר נײַע שטרייטפראַגן. אף אזא אופן האָט דער קאנ־גרעס געמוזט זיך פאַרוואַנדלען אין א מין קאָמישן פאַרס.

סען־סימאן האָט ניט געהאט קיין צוטרוי צו דיפּלאָמאַטישע פאַר־האנדלונגען און האָט געצווייפלט, אויב אַזעלכע קענען בכלל מיטווירקן פאַרן שאַפן אן איינהייטלעכע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. ער האָט פאַר־טראַטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז יעדער פאראייניקונג פון פעלקער, ווי יעדער פאראייניקונג פון מענטשן מוזן נעמען אַ יסוד אין אלגעמיינע בשותפותדיקע אנשטאַלטן, און היות אזעלכע אנשטאַלטן עקזיסטירן נאָך ניט, אנטשיידט די מאַכט, דער כוח. פאַלש איז די האפנונג, אַז מיטן כוח פון קאנגרעסן און אָפּמאַכן קאן מקוים ווערן דער דויערהאפטער שלום, — עס איז דאָס־זעלבע, ווי וועלן, אז א סאָציאַלער קערפּער זאָל עקזיסטירן מיטן כוח פון קאנווענציעס און ענלעכע מיטלען. אין ביידע פאַלן איז נויטיק אַ מאַכט, וואָס צווינגט, — אַ מאַכט, וואָס זאָל רעגולירן די איינהייטלעכע ריכטונג פאַר די באַוועגונגען פונם מענטשלעכן ווילן, און זיי הארמאניזירן מיט די רעזולטאַטן פון די באוועגונגען. דיזעלבע מאַכט דאַרף זיך פאַרנעמען מיטן געשטאַלטן אין פעסטע פאָרמען דאס געזעלשאַפטלעכע צוזאמענלעבן פון דער מענטשהייט.

פון צוויי שטאנדפונקטן האט סען־סימאן באטראכט די ווירקלעכקייט: פון א סינטעטישן און אנאליטישן שטאנדפונקט. דעם סינטעטישן שטאנדפונקט האט ער פארבונדן מיטן אפריארישן מעטאד, ווי א מין כוללת פון אלע געשיכטלעכע געשעענישן. ווידער דעם אנאליטישן שטאנדפונקט האט ער פארבונדן מיטן אפאסטעריארישן מעטאד, וועלכער האט די אויסשליסלעכע אויפגאבע צו באגרינדן די איינצלנע געביטן פונם מענטשלעכן זיין. אבער די צוויי שטאנדפונקטן האט ער ניט באטראכט יעדן באזונדער, איינעם אפגעטיילט פונם צווייטן, — צוליב צוועקמעסיקייט האט ער געשטרעבט צו הארמאניזירן ביידע מעטאדן און זיי גלייכצייטיק אנווענדן באם אנטשיידן וויסנשאפטלעכע פראגן; דאסזעלבע האט אויך באדארפט חל זיין אף פאליטישע פראבלעמען. באטראכטן פאליטישע צושטאנדן פון אן אפריארישן שטאנדפונקט, הייסט, — באם אנטשיידן פראבלעמען נעמען אין באטראכט די אלגעמיינע אינטערעסן פון דער מענטשהייט, בעת דער אפאסטעריארישער שטאנדפונקט איז א מאדוס פארן באטראכטן פראבלעמען פון א יחידים־אינטערעסן־בליק.

פון אזעלכע שטאנדפונקטן ארויסגייענדיק, האט סען־סימאן פארגעשלאגן אין הסכם מיט דעם רעארגאניזירן די געזעלשאפט. די הארמאניע פון די צוויי מעטאדן האט באדארפט ווערן א מאדוס פארן פאליטישן לעבן פון די מלוכות און אף אזא אופן דארף זיך אויך קאנסטרואירן די מאכט. אין יעדער מלוכה דארפן עקזיסטירן צוויי מאכטן; די ערשטע מאכט האט צוטון מיט די אלגעמיינע אינטערעסן, די אנדערע פארנעמט זיך מיט אינערלעכע ענינים. די ביידע מאכטן געפינען זיך צווישן זיך אין א שטענדיקער הארמאנישער פארבינדונג און אלעס, וואס ווערט געטון, דארף פארקומען מיטן הסכם פון ביידע מאכטן.

אבער ניט בלויז מיט דעם אליין האט זיך סען־סימאן באנוגנט. זיין פלאן צום רעארגאניזירן די מענטשלעכע געזעלשאפט איז געגאנגען נאך ווייטער און ער האט פארגעשלאגן, אז כדי די צוויי מאכטן זאלן אויסמיידן טעותים, זאל איינגעפירט ווערן נאך א דריטע מאכט, — א פאליטישע, וועלכע זאל האבן די אויפגאבע צו פרואוון די ריכטיקייט און

צוועקמעסיקייט פון די געזעצן, פאָרגעשלאָגענע פון די ערשטע צוויי מאַכטן.

קיין איינמאָל איז סען־סימאָנען ניט איינגעפאַלן, אַז אזעלכע פלענער טראָגן אַן אויסשליסלעכן אוטאָפּיסטישן כאַראַקטער. מעגלעך, אַז ער וואָלט זיך ארומגעזעען אין זיין פאַרפירערישן טעות, ווען ער זאָל ניט געווען נעמען פאַר אַ ביישפּיל ענגלאַנד מיט אירע קאָנסטיטוציאָנעלע איינריכ־טונגען. סען־סימאָן איז געווען איבערצייגט, אַז ענגלאַנד האָט אויסגעפונען דעם ריכטיקן סדר פון פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה; לויט זיין מיינונג האָט ענגלאַנד שוין איינגעפירט דאָס דריי־מאַכט סיסטעם, וועלכעס באַשטייט פונם קעניג, פאַרלאַמענט און די קאַמער פון די לאָרדן.

אַט לויט אַזאַ מוסטער וואָלטן זיך באַדאַרפט קאָנסטרואירן אַלע מלוכות. אין יעדער מלוכה זאָל מען ארגאַניזירן נאַציאָנאַלע פאַרלאַמענטן, וועלכע בילדן נאָכער איין אַלגעמיינעם פאַרלאַמענט, און דער לעצטער אַר־בעט אויס די סכעמעס פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג. און גראָדע בײַ דער פראַגע פון נאַציאָנאַלע פאַרלאַמענטן האָט זיך ארויסגעוויזן סען־סימאָנס קאָנסערוואַטיזם: ער האָט געהאַלטן, אַז ניט אַלע שיכטן און קלאַסן האָבן דאָס רעכט צו נעמען אַן אַנטייל אינם פּאַרלאַמענטאַרישן לעבן און איבערהויפּט דאַרפן אויסגעשלאָסן ווערן די אַלע, וואָס לעבן פון פיזישער ארבעט. ווידער אין די פאַרלאַמענטן גופא קענען אויסגעוויילט ווערן נאָר סוחרים, געלערנטע און באַאַמטע, אָבער מיטן תנאי, אַז זיי מוזן קענען לייענען און שרייבן. וואָס שייך דער טעטיקייט פונם אינטער־נאַציאָנאַלן פאַרלאַמענט, — דאַרפן זיינע אויפגאַבן באַשטיין אינם שאַפן לייכטערע טראַנספּאָרט־באַציאונגען צווישן די איינצלנע לענדער, אַנטוויקלען אַ קולטור־ארבעט אין די אָפּגעשטאַנענע מלוכות, ווי אויסאַרבעטן אַ קאָדעקס פון אַן אַלגעמיינער מאָראַל פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. און אין אַלגע־מיין גענומען דאַרף אַזאַ פאַרלאַמענט זיין אַ מין פאַראייניקונג פון פּאָלי־טישע אַסאָציאַציעס מיט איינגאַרטיקע אַנשטאַלטן, אַלגעמיינע אינטע־רעסן, פרינציפּן און געזעלשאַפטלעכע אינסטרוקציעס.

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פונם אוטאָפּיסטישן דענקער איז זיין גלויבן אין דער פאָלקאָמענקייט פון זיין טעאָריע און איר מעגלעכע פאַר־

ווירקלעכונג, — דאָס פאַרווירקלעכן איז בלויז אָפּהענגיק פונם גוטן ווילן פונם מענטשן און הערשער. אין דער הינזיכט איז סען־סימאָן געווען אַן אויסנאַם. עס איז אים געווען קלאָר, אַז זיין אידייע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּאַרלאַמענט קאָן ניט אַזוי לייכט פאַרווירקלעכט ווערן, ווייל אַ גרויסער טייל פון מלוכות האָבן נאָך געלעבט אין אַן אבסאָלוטיסטישער אָרדנונג, און זיינען געווען קעגן דעם פּאַרלאַמענטאַריזם און פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונגען. דער איינציקער אויסנאַם זיינען געווען ענגלאַנד און פראַנקרייך און פון זיי האָט סען־סימאָן געוואָלט אָנהויבן די רעאָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. סען־סימאָן האָט פאָרגעשלאָגן, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך זאָלן זיך פאַראייניקן אין זייער פּאָליטישער טעטיקייט און מיט אַזאַ אויפטו מיטווירקן, אַז אַף אַן עוואָלוציאָנערן אופן זאָל אין דער וועלט איינגעפירט ווערן אַ נייע פאָלקאָמענערע סאָציאַלע אָרדנונג.

אַזאַ פאַראייניקונג האָט סען־סימאָן באַטראַכט סיי פון איר עקאָנאָמישן, סיי פון איר פּאָליטישער פאַרטיילהאַפטיקייט. ענגלאַנד איז די באַלעבאָסטע איבער די וואַסערן, פאַרמאָגט פיל קאָלאָניעס און האָט געמאַכט די גרעסטע פאָרשריטן אַפן געביט פון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג; זי האָט אויך אַ מעכטיקן האַנדל און אַנטוויקלטע לאַנדווירטשאַפט, און ניט קוקנדיק אַף דעם אַלעם איז דער לעבנס־סטאַנדאַרט דאָרט אַ הויכער און דאָס אַליין וועט מוזן ברענגען צו אַ פּאָליטישער רעוואָלוציע. וועט זיך אָבער ענגלאַנד פאַראייניקן מיט פראַנקרייך, מוז דאַן פאָרקומען אַ שינוי צום בעסערן און ניט בלויז פאַר איין צד, נייערט פאַר ביידע צדדים. זיין פאָרשלאַג וועגן אַ פאַראייניקונג האָט סען־סימאָן באַזירט אַף דער אייגנאַרטיקער אַנטוויקלונג פון ביידע מלוכות אין די נייע צייטן: ענלעך זיינען געווען די רעוואָלוציעס אין די ביידע לענדער און אַף איינעם און זעלבן אופן האָבן זיי זיך איבערגעחזרט. די געשעענישן אין די ביידע לענדער האָט סען־סימאָן איינגעטיילט אין פינף שטופן: אין דער ערשטער שטופע זיינען אַלע מסכים געווען, אַז אַ מלוכה־רעפאָרם איז נויטיק, אָבער גלייך קומט אַן איבערברוך אינעם גוטן ווילן און מיט דער צווייטער שטופע ענדערט זיך קאַרדינאַל די לאַגע. ס'איז פאַרשוואונדן דער ענטוזיאַזם, מ'פירט צונויף סאַבאַקלען און באַלד שטעלן זיך איינער אַנטקעגן צווייטן

צוויי שונאימדיקע צדדים: די אנהענגער פונם אלטן רעזשים און די פארטיידיקער פון א נייער ארדנונג. די דריטע שטופע הויבט זיך אן מיטן קאמף, אין וועלכן די נידריקערע שיכטן דעראבערן די מאכט. אבער די לאגע איז גורם צו א גרויסער הונגער־נויט צווישן די ברייטע פאלקס־מאסן, קומט עס צו א בירגער־מלחמה, צו א סאציאלער אנארכיע און ווען די מאסן ווערן מיד פונם שווערן קאמף דערהערן זיך שטימען פאר א דעספאטישן רעזשים. דאס האט געשאפן א באדן פארן אנטשטיין פון א נאפאלעאן און א קראמוועל, וועלכע האבן ארויסגעריסן די מאכט פון די פאלקס־מאסן, — מיטן כוח פון דער שווערד האבן זיי בארואיקט די אויפגעברויזטע פאלקס־לײדנשאפטן, און אפן אויסערלעכן געביט האבן זיי פארגעזעצט פירן א ווייטערע מלחמה־פאליטיק. און ענדלעך קומט מיט דער פינפטער שטופע די בארואיקונג, וואס גרייט צו אן ארט פאר א נייער סאציאלער ארדנונג.

סען־סימאן האט פאראויסגעזען, אז אין פראנקרייך וועט מען זיך באגיין מיט דער בורבאנישער דינאסטיע, ווי מ'איז זיך באגאנגען אין ענגלאנד מיט די סטואַרטן. עס איז געווען א צייט, ווען גאנץ פראנקרייך איז געווען אומצופרידן. א דאנק דער נעפאלעאן־הערשאפט האט זיך געשאפן א נייער אדל, אויף וועלכן די אלטע אריסטאקראטיע האט געקוקט מיט קנאה און שנאה. די אלטע אריסטאקראטיע האט געשטרעבט צו פארנעמען אירע אמאליקע פאליטישע פאזיציעס. די מיליטערישע קאסטע איז געווען פיבערהאפט אומרואיק און אומצופרידן פארן באזייטיקן זיי פון די אמאליקע פאליטישע איינפלוסן און האבן זיך באקלאגט אויף די אינדוסטריעלער, וועלכע האבן אנגעהויבן אויסשפרייטן זייער ווירקונג אויף דער עפנטלעכער מאכט.

סען־סימאן האט פאראויסגעזען די אומפארמײדלעכקייט פון א צווייטער רעוואלוציע אין פראנקרייך. און די צווייטע רעוואלוציע וועט זיין געווענדעט קעגן דעם קעניג, ווייל די גאנצע אדמיניסטראטיווע מאכט געפינט זיך אין זיינע הענט. קיין פאראנטווארטלעכקייט פון מיניסטארן האט ניט עקזיסטירט און דערפאר איז דער קעניג געווען די צענטראלע פאליטישע פיגור, וואס גיט ארויס פארארדענונגען און איז פאראנט־

וואָרטלעך פאַרן אַלגעמיינעם צושטאַנד פונם לאַנד. סען־סימאָן האָט גע־גלויבט, אַז אַ פאַראייניקונג מיט ענגלאַנד וואָלט געווען ביכולת צו באַ־זייטיקן די אומפאַרמיידלעכע רעוואָלוציע; אויסערדעם וואָלט פראַנקרייך פון אַזאַ פאַראייניקונג געווינען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. די ווייטערע אויפגאַבע פון דער פאַראייניקונג וואָלט באַשטאַנען אינם אריינציען אויך דייטשלאַנד אין דער נייער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע. אַגב, האָט סען־סימאָן זיך באַצויגן זייער גינסטיק צו דייטשלאַנד און געלייגט אַף דעם לאַנד גרויסע האָפנונגען.

סען - סימאָן פאַרענדיקט זיין ווערק „וועגן רעאָרגאַניזירן די מענטשלעכע געזעלשאַפט" מיט גרויס באַגייסטערונג און אָפּטימיסטיש געשטימט. ער האָט אָפּגעלייקנט די מיינונגען פון די דיכטער, אַז דער גאָלדענער יאָרהונדערט איז געווען אין די גאָר אוראַלטע צייטן פון דער מענטשהייט. דער גאָלדענער יאָרהונדערט דאַרף ערשט קומען און וועט מיט זיך ברענגען די פאָלקאָמענסטע סאָציאַלע אָרדנונג.

דאָס ווערק „וועגן רעאָרגאַניזירן די מענטשלעכע געזעלשאַפט" איז געווען אַ נייער וואַנדל אין סען־סימאָנס אידייען, אָבער דער וואַנדל איז געווען בלויז אַ צייטווייליקער, — אַן עטאַפּ צו דער ווייטערדיקער אַנט־וויקלונג פון זיינע סאָציאַל־פּאָליטישע אַנשויאונגען. אין זיינע ערשטע ווערק האָט ער דורכגעפירט דעם געדאַנק פון אַ גייסטיקער רעאָרגאַניזאַ־ציע, וועלכע זאָל דינען, ווי אַ פונדאַמענט פאַר אַ נייער סאָציאַלער רע־פאָרם. אָבער גאָר גיך האָבן אים פאַרכאַפּט די נייע פּאָליטישע שטרעמונ־גען פון זיין צייט און אונטער זייער ווירקונג האָט ער בהדרגהדיק אַנגע־הויבן צו קאַפּיטולירן פאַר זיין פריערדיקער וועלט־אַנשויאונג, ביז דער פּאַרלאַמענטאַריזם איז געוואָרן באַ אים דער איינציקער מיטל צו ראַטעווען די געזעלשאַפט און מענטשהייט. מעגלעך, אַז אין זיין דור איז סען־סימאָן געווען גערעכט, און דאָך האָט זיין אופן פון וועלן אַנטשיידן סאָ־ציאַלע פּראָבלעמען שוין אין יענע צייטן געטראָגן אַ העכסט־אוטאָפּיסטישן כאַראַקטער, אָבער צוליב דעם דאַרף מען זיך ניט באַציען צו זיינע גע־דאַנקען שטרענג־קריטיש: מ'דאַרף זיי בלויז אָפּשאַצן היסטאָריש און פּסי־כאָלאָגיש.

דאָס היסטאָרישע פון זיינע געדאנקען באַשטייט אינם ריכטיקן באַגרייפן די סבות פון נאַפּאָלעאָנס ירידה און דאָס פאַלן פון די בורבאָנעס און דערביי האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ ריין־געשיכטלעכער קאָנצעפּציע, נעמענדיק פאַר אַ ביישפּיל די ירידה פון דער סטואַרטישער דינאַסטיע אין ענגלאַנד; דאָס פּסיכאָלאָגישע פון זיין דענקען איז דאָס פאַרגלייכן די צוויי רעוואָלוציעס, — די פראַנצויזישע און ענגלישע און אָפּשאַצן די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון די איינצלנע מלוכות; און מיט דעם האָט סען־סימאָן געלייגט דעם יסוד פאַר אַ פאַרגלייכונג־מעטאָד אין דער געשיכטע־וויסנשאַפט.

אבער אין אַלגעמיין גענומען, איז „וועגן דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט" געווען אַ נייער עטאַפּ אין סען־סימאָנס דענקען: עס איז געווען דער איבערגאַנג פונם פילאָזאָפישן צום סאָציאַל־פּאָליטישן, וועלכעס האָט באַקומען אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג אין זיין אינדוסטריעלן סיסטעם.

IV

סען־סימאָן — דער סאָציאַלאָג.

(דאָס אינדוסטריעלע סיסטעם)

ק א פּ י ט ל א י י נ ס

דער געזעלשאַפטלעכער יסוד

אַנאַליזירנדיק זיינע ווערק, זעט מען, אַז סען־סימאָן איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פונם נאַציאָנאַל־עקאָנאָם טורגאָ און פונם פילאָזאָף קאָנדאָרסע. אַ דאַנק זייערע ווירקונגען און אונטער די ווירקונגען פון די פאַרהעלטענישן און אומשטענדן אין פראַנקרייך, ווי אויך אויפן סמך פון די דערגרייכונגען אין דער וויסנשאַפט, האָט סען־סימאָן געמאַכט אַ פּרואוו צו דערווייזן, אַז די סאָציאַלע מיספאַרשטענדענישן וועלן פאַרשוואונדן נאָך דאַן, ווען עס וועלן געשאַפן ווערן נייע גייסטיקע פאַקטאָרן פון אַ פעסטן סאָציאַל־בינדנדיקן כאַראַקטער. אָבער אַזעלכע אידייען זיינען געווען אַ צייטווייליקע דערשיינונג בא סען־סימאָנען: סיי די אויסערלעכע סבות, סיי זיינע אידייען גופא האָבן אים געטריבן פון איין אידייענוואַנדל צום צווייטן. די פּאָליטישע לאַגע אין אייראָפּע און אין פראַנקרייך איבערהויפּט האָבן געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיינע אַלטע אָנשויאונגען און זיך ווענדן אין נייע ריכטונגען צום אָנטשיידן די סאָציאַלע פּראָבלעמען. און די ריכטונג האָט אים גראַדע געפירט צו דער אידייע פונם בירגערלעכן פּאַרלאַמענטאַריזם, פאַר וועלכן ער האָט גענומען דאָס אורבילד פון דער ענגלישער מלוכה־פאַרוואַלטונג און דערפאַר זיינען אויך אויף די נייע וועגן זיינע אידייען ניט געווען אין הסכם מיט דער צייט, ווייל שוין דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ פּאַרלאַמענטאַרישע אָרדנונג איז נאָך ניט דער עיקר צום דערגרייכן אַ סאָציאַלע האַרמאָניע, און איז לחלוטין ניט ביכולת צו באַזייטיקן די געזעלשאַפטלעכע קריזיסן, — האָט דאָס גורם געווען, אַז סען־סימאָן זאָל ענדערן זיינע אידייען, אַז ער זאָל נאָך טיפער

אַריינדרינגען אינם תהום פון די סאָציאַלע דערשיינונגען, כדי קענען סוף כל סוף אויסצוגעפונען די הויפּט־סיבה פון די סאָציאַלע קריזיסן, ביז ענדלעך א צופאַל האָט אים געבראַכט צום שאַפן זיין אינדוסטריעלן סיסטעם, וועלכער האָט, אגב, געפירט צום דערוואַכן פון נייע סאָציאַלע שטרעבונגען.

די געשיכטע פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין פראַנקרייך באַווייזט, אַז נאָך פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע האָט די פראַנצויזישע אינדוסטריע אנגעהויבן מאַכן גרויסע פאָרשריטן. אין פראַנקרייך האָט דאַן געהערשט די מערקאַנטיליסטישע געווערב־פּאָליטיק. פאַרשידענע מאַנופאַקטורן, באַהעפטנדיק זיך מיט אייניקע צווייגן פונם האַנטווערק, זיינען געווען אין פולן בליען. ניט קלענער איז אויך געווען דער אויפשוואונג אינם האַנדל, וועלכער האָט ווייט אַריבערגעשריטן די אייגענע גרענעצן און זיך אָנגעהויבן דורכשלאָגן אַ וועג צום וועלט־מאַרק. און גראַדע האָט די רעוואָלוציע מיטגעווירקט, אַז די עקאָנאָמיק זאָל זיך נאָך מער אויסברייטערן אין אירע פאַרנעמען, ווייל צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציע האָט זיך געשאַפן אַ פרייער באָדן פאַר דער פּראָדוקציע. אָבער דאָס איז נאָך געווען גאַנץ ווייניק, אַז מיט דעם זאָל זיך אָנהויבן דער באַלדיקער פּראָגרעס אין דער אינדוסטריע. דערצו האָבן געשטערט פיל סבות: קודם כל, די אויסוואַנדערונג פון די אַנהענגער פונם אַלטן רעזשים און דער שוואַכער חשק פון די איבערגעבליבענע זיך צו באַשעפטיקן מיט דער ווירטשאַפט. און געווען איז גראַדע דאַן אַ גינסטיקע צייט פאַר אַ ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג. ניט בלויז די גרויסע טעכנישע דערפינדונגען און די פאָרשריטן פון די נאַטורוויסנשאַפטן, — אפילו אַזעלכע וויכטיקע אַנטדעקונגען פון אַ לעבלאַן, לאַוואָאַזיע, שעעלע און אַזעלכע דערפינדונגען פון וואַט און אַרקווריט זיינען אויסגענוצט געוואָרן אין גאָר אַ באַגרענעצטער מאָס. און נאָך איין וויכטיקער מאָמענט האָט דערביי געשפּילט אַ גרויסע ראָל: די געפירטע מלחמות האָבן אויסגעברייטערט די גרענעצן פון די האַנדלסבאַציאונגען דורכן גרויסן אָנגעבאַט פון מענטשן, וועלכע זיינען געווען נויטיק פאַר דער מאַסנפּראָדוקציע פון וואָפן, קליידונג און ברויכבאַרע באַדאַרפס־אַרטיקלען.

אין נאפּאָלעאָנס צייטן האָט דאָס נייע ווירטשאַפטלעכע סיסטעם, אַ דאַנק דער פרייהייט, איבערגעלעבט אַ ירידה, אָבער דערפאַר האָט זיך אויסגעברייטערט דאָס טעטיקייטס-פעלד פונם עקאָנאָמישן דאַזיין. בעת נאַפּאָלעאָן איז געשטאַנען אינם שפּיץ פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, האָבנדיק די מאַכט אין די הענט, איז זיין ערשטע אויפגאַבע באַשטאַנען אינם צושטערן די ראָיאַליסטישע און פעאָדאַלע רעאַקציע און פאַרווירקלעכן די ליבעראַלע פּרינציפּן אין דער ווירטשאַפט. ער האָט רעאָרגאַניזירט דעם מלוכה־אַפּאַראַט, אַריינגעפירט נייע רעכטלעכע יסודות און אַ דאַנק דעם האָט זיך געשאַפן אַ פעסטער באָדן פאַר די ווירטשאַפטלעכע דאַזיין־באַדינגונגען, וועלכע האָבן גורם געווען צו אַ נייעם ווירטשאַפטלעכן אויפשוואונג. פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּאַנסיע איז געקומען אַ צייט פון פרייהייט און גלייכהייט. מיט אַ באַזונדערער איבערגעגעבנקייט האָט זיך דאָס פראַנצויזישע פאָלק געווידמעט דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט און האָט דערגרייכט באַוואונדערנדיקע רעזולטאַטן: די מלוכה־באַנק פון פראַנקרייך איז געוואָרן אַ צענטראַלער פינאַנץ־אינסטיטוט; עס זיינען אַנטשטאַנען נייע פאַבריקן, פאַרבעסערט האָבן זיך די טראַנספּאָרט־מיטלען, מ׳האָט אָנגעהויבן אונטערנעמען עפנטלעכע אַרבעטן און דאָס אַלעס צוזאַמען האָט פאַרבעסערט דעם וואוילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג. אָבער מ׳האָט ניט איבערשאַצט דאָס דערגרייכטע: צו גרויס זיינען געווען די פאַרלוסטן און אין פאַרגלייך מיט דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונגס־שטופע פון 1789-טן יאָר, מיטן אויסנאַם פון די בוימוואָל און וואָל־שפּינערייען, האָט די פּראָדוקציע ניט איבעריק זיך פאַרגרעסערט.

און אויך די רעסטאַוראַציע־עפּאָכע האָט איבערגענומען די אויסגעוואַקסענע אַף קאַפּיטאַליסטישע יסודות אינדוסטריע. אָבער די רעאַקציע, אַריינבאַקומענדיק צוריק די מאַכט, האָט דאָך געמאַכט אַ פּרוּוו אָפּצושאַפן דאָס דערגרייכטע און אומקערן די „אַלטע גוטע צייטן". די רעאַקציע האָט געוואָלט נאָכאַמאָל איינפירן דאָס צעכנסיסטעם, אוועקגעגעבן די פּאָליטישע עמיגראַנטן זייערע קאָנפיסקירטע גיטער, — בכלל האָבן זיי געשטרעבט צו אַ מין רעאַקציאָנערן רעוואָלוציאָניזירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. זיי האָבן באַקעמפט די נייע געזעצגעבונג, — דעם

ציווילן און האנדלס־קאָרעקס, וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט איינגעפירט, אבער די רעאַקציע איז געווען שוואַך אינם באַקעמפן דאָס דערגרייכטע, — די נייע געזעצגעבונג האָט געמוזט בלייבן און די רעאַקציאָנערן גופא זיינען געווען געצוואונגען זי צו אנערקענען.

אבער אויך אנדערע שטערונגען האָט באַגעגנט די עקאָנאָמי־שע אַנטוויקלונג. פון איין זייט — די ענגלישע קאָנקורענץ, און פון דער צווייטער זייט איז פראַנקרייך גופא געווען באַלאַסטעט מיט גרויסע מלחמה־חובות און דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ צוגאָב, — דער גרויזאַמער הונגער פון 1817 און 1818־טן יאָרן. און דאָך איז פראַנקרייך ארויס מיט נצחון פון די שווערע צושטאַנדן און די אויסשטעלונגען, וואָס זיינען פאָר־געקומען אינם משך פון 1819־טן ביז 1823־טן יאָר און אין 1827־טן יאָר האָבן באַוויזן אַז די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג האָט אין אַ פאַרהעלט־ניסמעסיק קורצער צייט באַדייטנדיק געשטיגן. פון דעם איז געדרינגען, אַז די פרייהייט אין דער ווירטשאַפט, אדער, ווי מ׳האָט דעם צושטאַנד באַטיטלט מיט זיין ריכטיקן נאָמען, דער ווירטשאַפטלעכער סוביעקטיוויזם, האָט געבראַכט גרויסע נוצן דער פראַנצויזישער אינדוסטריעלער אַנט־וויקלונג.

סען־סימאָן איז געווען דער ער ריאה פונם פראַנצויזישן עקאָנאָמישן אויפשוואונג נאָך דער רעוואָלוציע און אָפּן סמך פון געניע און דורכגע־טראַכטע באַאָבאַכטונגען האָט ער גלייך באַגריפן די וויכטיקייט פון די עקאָ־נאָמישע פאַקטאָרן אויף אַלע געביטן פונם לעבן און וויסנשאַפט. אין דעם פּרט איז ער אפילו ניט געווען דער ערשטער, ווייל ביז אים האָבן שוין איינִיקע וויסנשאַפטלער אנערקענט, אַז דאָס אַנטשטיין פון אַ קאַפּיטאַליס־טישער אינדוסטריע וועט אנהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע. און דאָך איז געווען אַן אונטערשייד צווישן אים און די אנדערע וויסנ־שאַפטלער, — ווייל סען־סימאן איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געבויט זיין סאָציאַלן בנין אויף דער באַדייטונג פון דער אינדוסטריע; ער האָט דער ערשטער אנגעווענדן די גאַנצע ענערגיע פאַר די אינטערעסן פון דער אינדוסטריע, אננעמענדיק זי פאַר אַ הויפּטפאַקטאָר און אַ דאַנק דעם

איז ער געוואָרן אַן אומדערמידלעכער קעמפער פון אַ קלאַס, וועלכן עס האָט באַדאַרפט געהערן, לויט זיין מיינונג, די גאַנצע צוקונפט.

סען־סימאָן האָט אויך איינגעזען, אַז די רעסטאַווראַציע־עפּאָכע האָט געמוזט פאַרזעצן די פּאָליטיק פון די נאַפּאָלעאָנישע צייטן, ווייל דער ווירטשאַפטלעכער סוביעקטיוויזם האָט ניט פאַרלוירן זיין ווירקונג. ס'האָט זיך אָבער געשאַפן אַ גרויסער מהלך צווישן דער אַנטוויקלטער אינדוסטריע, אין וועלכער עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן גרעסערע פאָלקס־קרייזן, שאַפנדיק אַ באַדייטנדיקן סאָציאַלן שיכט, און צווישן דעם פּאַקטישן צוזאַמענשטעל פון די רעגירנדיקע קרייזן. דעם פּאָליטישן איינפלוס האָבן געהאַט די רעאַקציאָנערע פעאָדאַלן, ווייל די אינדוסטריע האָט נאָך ניט פאָרגעשטעלט אַ גענוגנדיקן פּאָליטישן פּאַטענציאַל און דאָס האָט אים געדינט אַלס אויסגאַנגספּונקט פאַר זיין קריטיק. סען־סימאָן האָט פאַרשטאַנען, אַז די רעאַקציאָנערן וועלן אַף גאַרנישט מוותר זיין און וועלן אַנשטרענגען אַלע זייערע כוחות פאַרן צוריקאויפשטעלן דעם פּאָליטישן רעזשים, וואָס האָט געהערשט ביז דער רעוואָלוציע. ער האָט סינטעזירט דעם קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די ביידע סאָציאַלע עפּאָכן און אַ באַגייסטערטער פאַר די אַנטשטאַנענע פּרינציפּן פון דער אינדוסטריע, אַן ענטוזיאַסטיש־דורכגעדרינגענער מיטן געדאַנק פון די געשאַפענע לעבנס־פאַרהעלטענישן איז ער געוואָרן אַ נביא פון אַ שפּאָגל־נייער עפּאָכע, וועלכע איז דער געשיכטע נאָך ניט באַקאַנט.

סען־סימאָן איז געווען פאַרשידן פון די אַנדערע דענקער מיט דעם, וואָס ער האָט אינם געשיכטלעכן זין געזוכט אַ קאַנסטרוקטיווע אויסטייטשונג. פאַר אַן אויסגאַנגס־פּונקט האָט ער גענומען קאָנדאָרסעס אידייע, אַז סאָציאַלע פּראָבלעמען קענען ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן נאָר דאַן, ווען מ'ווייסט זייער סאָציאָלאָגישן אַנטשטיי, און דעם געדאַנק האָט ער אַריבערגעטראָגן אַף דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, אפן געביט פונם ווירטשאַפטלעכן לעבן. דערביי האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זיין דערקלערן די קולטורעלע דערשיינונגען אַף אַן אינטעלעקטועלן אופן, אָבער דאָס איינפּאַסן די געשיכטע האָט בא אים באַקומען אַן אַנדער פּרצוף: דאָס ערשטע אָרט באַם אויסטייטשן די געשיכטלעכע געשעענישן האָבן פאַרנומען

די ווירטשאפטלעכע דערשיינונגען. ער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אויסצופאָרשן די סבות פונם ווירטשאַפטלעכן אויפשוואונג און פעסט־שטעלן די פּאָליטישע און סאָציאַלע פאַקטאָרן, וואָס פאַראורזאַכן דעם פּראָצעס. אים האָט אינטערעסירט דער פאַקט, וואָס די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן ווירקן אפן געזעלשאַפטלעכן לעבן און באַזונדערס זייער ווירקונג און איינפלוס אפן אויסבילדן פון פאַרשידענע פּאָליטישע דערשיינונגען. אַזאַ מין אויפפאַסן די געשיכטע האָט געשאַפן אַ התחלה פאַרן באַגריף, אַז דער הויפּט־יסוד פון די היסטאָרישע געשעענישן איז דער ווירטשאַפט־לעכער באַזיס, אויף וועלכן עס איז אנטשטאַנען און אויסגעוואַקסן דער קלאַסנקאַמף.

אין תוך גענומען איז סען־סימאָנען ניט געגאַנגען דווקא אינם אויפ־דעקן דעם מהות פונם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, — אים האָט מער באַ־שעפטיקט די פראַגע ווי אַזוי צו באַזייטיקן די שטרייט־מאָמענטן, וועלכע האָבן גורם געווען צום אנטשטיין פון אַ פּאָליטיש־הערשנדיקן פעאָדאַלן קלאַס, וועלכער איז געווען קעגן די באַדערפענישן פון דער אינדוסטריע און וויסנשאַפט. ער האָט אַפן שאַרפסטן אופן באַטאָנט, אַז אויך די אינ־דוסטריעלער און וויסנשאַפטלער דאַרפן האָבן אַ באַשטימטן איינפלוס אויף די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, אָבער אין דערזעלבער צייט איז ער געווען באַהערשט פון אַ מאָרנעם פּחד. די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון די ברייטע מאַסן האָט ניט פאָרגעשטעלט אַן אייגנהייט, האָט סען־סימאָן מורא געהאַט, אַז עס וועט ניט געלונגען זיי צוזאַמענצובינדן אין איין פעסטער אָרגאַניזאַציע, — אַ דאַנק דעם קענען זיך אנהויבן ווידערשפּרוכן, וואָס צושטערן דאָס האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן, און פאַראורזאַכן אין די ברייטע באַפעלקערונגס־קרייזן עלנט און נויט. סען־סימאָן האָט געזוכט תחבולות, ווי אַזוי אויסצומיידן אַזעלכע מעגלעכע צושטאַנדן, — דערפאַר האָט ער געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף באַגרענעצן דעם ווירטשאַפטלעכן מעכאַניזם. אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט עס געהייסן לחלוטין איגנאָרירן דעם עקאָנאָמישן סוביעקטיוויזם, און עפענען אַ וועג פאַרן סאָציאַליזם.

סען־סימאָנס פאָדערונג באַגרענעצן דעם עקאָנאָמישן סוביעקטיוויזם, אָדער דאָס סיסטעם פון ווירטשאַפטלעכער פרייהייט, איז געווען אַ פּועל־

יוצא פון די פּאָליטישע פּאַרהעלטענישן, וואָס האָבן געהערשט אין פראַנק־רייך אין די נאָך־רעוואָלוציע־צייטן. ניט די רעוואָלוציע, ניט ראָבעספּיער מיט זיינע רוסאָ־אַנשויאונגען, ניט באַבעף מיט זיינע אידייען פון אַ קאָמוניסטיש־אַגראַרישער מלוכה האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אינם גרויזאַמען קאַמף צווישן צוויי סיסטעמען, — געזיגט האָט דער ווירטשאַפטלעכער סוביעקטיוויזם, אָדער די פרייע ספּעקולאַציע, אנהויבנדיק זיך אין דער נאַפּאָלעאָן־עפּאָכע און פאַרזעצנדיק איר ווייטערע אַנטוויקלונג אין די צייטן פון דער רעסטאַוראַציע. דאָס סיסטעם פון ווירטשאַפטלעכן סוביעקטיוויזם האָט באַרויבט די ברייטע פאָלקס־מאַסן, איבערגעבנדיק זיי אויף די חסדים פון עלנט און נויט. די וויסנשאַפטלער האָבן אויסגעטייטשט דעם עלנט און נויט, ווי אַ רעזולטאַט פונם סאָציאַלן דיסאַנאַנס, וועלכער האָט געדראָט מיט שווערע קאָנסעקווענצן, ווייל אין די צייטן פון דער פראַנצויזישער רעסטאַוראַציע איז שוין געהאַט אַנטשטאַנען דער פאַבריקמעסיקער באַטריב מיט גאַנץ נייע פאָרמען פונם פּראָדוקציע־פּראָצעס; פונם סאָציאַלן הינטערגרונט פון נייעם פּראָדוקציע־פּראָצעס האָט אַנגעהויבן אַרויסשפּראָצן אַ שפּאָגל־נייע סאָציאַלע באַוועגונג, וואָס איז לויט איר אייגנאַרטיקייט געווען גאַנץ פאַרשידן פון אַלע אַנדערע סאָציאַלע באַוועגונגען. דער נייער עקאָנאָמישער אויפשוואונג האָט געשאַפן אַ באַזיס פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט באַגריפן זיין לאַגע, זיך אַנגעהויבן צו פאַרקלערן וועגן פאַרבעסערן דעם אייגענעם גורל און פאַרטיידיקן זיינע רעכט אויף אַ מענטשלעכער עקזיסטענץ.

די נייע באַוועגונג האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון וויסנשאַפטלער, איבערהויפּט פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע. אין די רייען פון די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיסטן זיינען פאָרגעקומען חלוקי־דעות וועגן די סיסטעמען פון עקאָנאָמישער פרייהייט. די פאָרשטייער פון דער קלאַסישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע אונטער דער אָנפירונג פון זשאַן סיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל די ווירטשאַפטלעכע כוחות ניט לייגן קיינע שטערונגען אינם וועג פון זייער אַנטוויקלונג און אַז די פּאָליטישע מאַכט זאָל זיך וואָס וויינציקער אַריינמישן אינם ווירטשאַפטלעכן לעבן; ווידער אַ צווייטער טייל פון נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיסטן האָבן איינגעזען,

אַז די עקזיסטענץ פון אַן עקאָנאָמישער ניט־געבונדנקייט וועט ניט דערלאָזן צו אַ סאָציאַלער האַרמאָניע, און דאָס וועט פירן צו אַ שווערן ווירטשאַפט־לעכן קאַמף, וואו דער שטאַרקער וועט האָבן די האַנט איבערן שוואַכן, וועלכער וועט זיך געפינען אין אַ שטענדיקן עלנט און נויט. אַממערסטן האָט אָנגעגריפן פון דער צווייטער ריכטונג דער שווייצאַרישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיסט סיסמאַנדי, — דער שעפער פון דער סאָציאַל־פּאָליטישער אָדער היסטאָרישער ריכטונג אין דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט.

סיסמאַנדי האָט געשטאַמט פון דער שווייץ, אַ לענגערע צייט האָט ער געוואוינט אין איטאַליען און האָט שטודירט די פאָלקס־פאַרהעלטענישן אין ענגלאַנד. אַ מענטש פון וויסנשאַפט, איז דאָס כאַראַקטעריסטישע אין אים געווען זיין באָאָבאַכטונגס־בליק אויף זאַכן. אין ענגלאַנד האָט ער באָאָבאַכטעט דעם עלנט פון די ברייטע מאַסן: דער עלנט איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער ענגלישער אינדוסטריאַליזירונג, — איז, ער, באַנעמענדיק די סבות פון דער געשאַפענער לאַגע, געוואָרן אַ שונא פונם קאַפּיטאַליזם.

סיסמאַנדי איז געווען אַן אַנהענגער פון אַדאַם סמיט'ס עקאָנאָמישער טעאָריע, אָבער ער האָט פאַרגעוואָרפן סיי אַדאַם סמיטן, סיי ריקאַרדאָן, אַז ביידע האָבן זיי זיך מער געדאַגהט פאַרן וואוקס פונם רייכטום, ווי וועגן דעם וואוילשטאַנד פון די פאָלקס־מאַסן. פאַר סיסמאַנדין איז געווען דער עיקר ניט דער וואוקס פונם רייכטום, נאָר דאָס גלייכמעסיקע פאַרטיילן פונם זעלבן און צוליב דעם איז ער געווען קעגן דער פרייהייט פון דער ווירטשאַפט, ווייל דאָס האָט געטריבן צו אַ קעגנזייטיקער קאָנקורענץ. ער האָט געפאָדערט, די מלוכה זאָל האָבן דעם אויפזיכט איבערן געזעלשאַפטלעכן לעבן, איבערן וואוקס פונם רייכטום, וועלכעס דאַרף פאַרווענדעט ווערן אויסשליסלעך לטובת די אָרימע מאַסן. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע דאַרף ווערן אַן עטישע וויסנשאַפט און שאַפן אַזעלכע פאַרהעלטענישן צווישן דעם וואַקסנדיקן רייכטום און דער באַפעלקערונג, אַז פאַרן מענטשן זאָל זיין געזיכערט דער מאַקסימום פון גליק.

אין זיינע אָפּשאַצונגען איז סיסמאַנדי געווען גענוג אָביעקטיוו, און זעענדיק דעם גרויסן עלנט פון די ענגלישע מאַסן, האָט ער דאָך ניט געלייקנט די נוצן, וואָס די אַנטוויקלטע ענגלישע אינדוסטריע האָט געבראַכט

ענגלאַנד. די פּאַראַרימטקייט פון דער ענגלישער באַפעלקערונג איז געווען אַ רעזולטאַט פונם עקאָנאָמישן קריזיס אין 1815־טן יאָר א דאנק דער קאָנ־צענטרירונג פון ריזיקע מענטשנמאַסן אין די איינצלנע אינדוסטריע צענטרען, און דערפאר איז סיסמאנדי געוואָרן אַ שונא פון אַלע טעכנישע דערגרייכונגען, וואָס ברענגען דעם יחיד רוח אָפּן חשבון פון די אָר־בעטנדיקע מאַסן. סיסמאנדי האָט אנגעוויזן, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט צוטיילט די מענטשהייט אויף קלאַסן, וואָס פאַראורזאכט צום הערשנדיקן שלעכטס און שוין צוליב דעם אַליין איז צוועקמעסיקער, אַז מ׳זאָל זיך אומקערן צו די אַלטע ווירטשאַפטס־פאָרמען, וואו יעדער מענטש וועט האָבן זיין שטח ערד, וועלכן ער מוז באארבעטן מיט די אייגענע כוחות.

סיסמאנדי האָט געוואָרנט, אַז די אַנדערע מלוכות זאָלן זיך היטן גיין אין ענגלאנדס דרכים: דער ענגלישער קריזיס האָט באַדאַרפט ווערן באַלערנדיק און דינען פאַר אַ ביישפּיל. א דאנק דער אַנטוויקלונג פון פאַבריקן און פאַרשידענע באַטריבן איז פאַרקלענערט געוואָרן די האַנט־ווערק־פּראָדוקציע; דער האַנטווערקער גופא האָט פאַרלוירן זיין זעלבסט־שטענדיקייט און זיך געמוזט פּראָלעטאַריזירן: ער איז געוואָרן דאָס גע־דונגענע ווערקצייג פונם פאַבריקאַנט. דער קאַפּיטאַליזם האָט אנגעהויבן אויסנוצן ניט בלויז דעם מאַן, נייערט אויך פרויען און קינדער און אויף אַן אומברחמנותדיקן אופן, — ווייל דער קאַפּיטאַליזם האָט פאַר זיך איין אויפגאַבע: ביליקע אַרבעט. דער ציל פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוק־ציע דריקט זיך אויס ניט אינם וואוילשטאַנד פון די מאַסן, נאָר אויסשליס־לעך אין די רווחים און אינם פאַרביליקערן די פּראָדוקציע, כדי צו קענען זיין קאָנקורענץ־פעאיק אפן וועלט־מאַרק.

סיסמאנדי האָט דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל צווישן דעם ארבעטער און מאַשין, אנווייזנדיק, אַז דער קאַפּיטאַליסט זאָרגט מער פאַר דער מאַשין, ווי פאַרן אַרבעטער. די אויסבילדונג פון אַן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט האָט ער באַטראכט, ווי א נייע מין שקלאַפעריי, וואו דער אַרבעטער איז טאַקע געבונדן צום אונטערנעמער בלויז מיט אַ לוין־אָפּמאַך, אבער פאַקטיש ווערט ער אין זיין גאַנצן גורל אָפּהענגיק פונם זעלבן אונטערנעמער: יעדן טאָג קאָן אים דער אונטערנעמער אָפּשאַפן פון זיין אַרבעט און דאַן ווערט

דער ארבעטער איבערגעענטפערט אפן קדוש־השם פון די געזעלשאפטלעכע פארהעלטעניש, — אזוי, אז ער מוז שטענדיק לעבן אין א צושטאנד פון א פארפאלגנדיקן פחד: איין טאג איז ער פארזיכערט מיט ברויט, און אין א פיינעם פרימארגן, אפהענגיק פון דער ווירטשאפטלעכער קאניוקטור, זעט דער ארבעטער זיך בארדאט אין זיין מענטשלעכער עקזיסטענץ, און אויסער דעם, וואס דער ארבעטער ווערט שטענדיק פארפאלגט פונם אר־בעטסלאזיקייט־געשפענסט, איז זיין לאגע בכלל א קלאגנדיקע, — ווייל דער אונטערנעמער האט ניט קיינע התחיבותן לגבי דעם ארבעטער און אין אלע צייטן קאן ער מבטל מאכן דעם לוין־אפמאך. די קאפיטאליסטן נוצן אויס יעדע געלעגנהייט אראפצוזעצן די לוינען פון די ארבעטער, ניט וועלנדיק זיך לחלוטין רעכענען, אז דאס ברענגט א גרויסע נויטבאדערפ־טיקייט און שווערע קאנסעקווענצן. די קאנסעקווענצן ברענגען דערצו, אז דער ארבעטער מוז ארבעטן אן אומבאגרענעצטע צייט, זיך שלעכט דער־נערן און קליידן, לעבן אין ענגע ניט־באקוועמע וואוינונגען, — בכלל איז דער ארבעטער געצוואונגען זיך אפצוזאגן פון יעדער פרייד און איז פאר־אורטיילט צו א שווערן לעבן, ניט-געניסנדיק פון די קולטור־דערגרייכונגען, וואס באשיינען דאס לעבן מיט זייער באזונדערן רייץ.

אין די אלע מיסשטענדן האט סיסמאנדי באשולדיקט די ווירטשאפט-לעכע פרייהייט, וועלכע די נאציאנאל־עקאנאמיסטן האבן ארויסגעשטעלט, אלס לאזונג. ער האט געטאדלט דעם ווירטשאפטלעכן סוביעקטיוויזם און א רפואה קעגן דעם שלעכטס האט ער געזען בלויז אין דער לאנדווירט־שאפט. לויט סיסמאנדיס איבערצייגונג איז די לאנדווירטשאפט דאס איינ־ציקע מיטל, וואס קאן דעם מענטשן מאכן געזונט, צופרידן און גייסטיק־פאלקאם, און דערפאר איז דער חוב פון דער מלוכה איינצוגרייפן לטובת אזא סאציאלן סיסטעם, וואס זאל דינען לטובת הכלל.

אין אלגעמיין גענומען איז סיסמאנדי געקומען צו פאלגנדיקע אויס־פירן: אין דער ערשטער רייע דארף אפגעהיט ווערן דער פויערן־שטאנד, ווי א יסוד און מקור פונם פאלקס־כוח; אבער גלייכצייטיק דארף מען אויך שטיצן די האנטווערקער און אריסטאקראטיע. א באזונדערע אויפמערקזאמ־קייט דארף מען שענקען אפן באגרענעצן די נויט פונם פערטן שטאנד, —

פון די ארבעטער און אנווענדן אלע מיטלען, אַז די נויט זאָל ניט פאַר־גרעסערט ווערן. סיסמאנדי האָט געגלויבט, אַז דער לעצטער פאַל וואָלט געווען מעגלעך נאָר דאַן, ווען די ארבעטער צוזאמען מיטן קאַפּיטאַל זאָל זיך פאראייניקן אין איין אַלגעמיינער ארגאניזאציע און ס'זאָל געזעצלעך באַשטימט ווערן, אַז די ארבעטער האָבן א חלק אין די רוחים, וואָס דער קאַפּיטאַל שאַפט. די קאַפּיטאַליסטן ווידער דאַרפן זיך פאראייניקן אין א קאָאָפּעראַטיוון פאַרבאַנד, וואָס זאָל גרינדן א פאָנד צום אונטערשטיצן די ארבעטער אין פאַלן פון קראַנקהייט, עלטער, ארבעטסלאָזיקייט, ארבעטס־אומפעאיקייט און אַזוי ווייטער. אויסערדעם דאַרפן אויסגעארבעט ווערן ספּעציעלע געזעצן פאַר ארבעטער־שוץ, פאַר פרייהייט פון ארבעטער־אָר־גאַניזאַציעס, וואָס זאָלן געבן דעם ארבעטער א מעגלעכקייט מיט די איי־גענע כוחות אויסבעסערן זיין שווערע סאָציאַלע לאַגע.

אָט דאָס איז אומגעפער דאָס בילד פון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין פראַנקרייך צום סוף פון אכטצנטן און אין אנהויב פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט, — פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן געשאַפן די היסטאָרישע באַדינגונגען, וועלכע האָבן גערינט סען־סימאָנען פאַרן אויסקריסטאַליזירן זיין אייגנאַרטיקע פאַר יענע צייטן טעאָריע פון רעאָרגאַניזירן און אָרגאַניזירן די מענטשלעכע געזעלשאַפט.

קאַפּיטל צוויי

די אינטעלעקטואַליסטישע געשיכטע־אויפפאַסונג

דער געדאַנק, אַז די פּאָליטיק איז א פּועל־יוצא פון דער געשיכטע, און דער אופן ווי אַזוי די פּאָליטיק שאַפט זיך ארויס פון דער געשיכטע זיינען ניט סען־סימאָנס זעלבסטשטענדיקע דערגרייכונג, — די ערשטע האָבן אַף דעם אנגעוויזן דער פראַנצויזישער געשיכטע־פילאָזאָף קאָנדאָרסע און דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָם טורגאָ, און סען־סימאָן האָט דעם געדאַנק אויסגעברייטערט, פאַרטיפט און פאַרפאַלקאָמט. סען־סימאָן האָט זיך ניט

באנוגנט מיט קאנדארסעס און טורגאס אויבנאויפיקע באטראכטונגען וועגן דעם גאנג פון דער געשיכטע, נייערט ער האט אויך געמאכט דעם פרואוו אויפצוקלערן דעם כאראקטער פון די צייט־פארהעלטענישן. ער האט געשאפן דעם פאסטולאט, אז די געשיכטלעכע ווירקלעכקייט וועט דאן באקומען איר ריכטיקע אויסטייטשונג, ווען זי וועט איינגעטיילט ווערן אין איינצלנע קולטור־שטופן, וואו יעדע שטופע צייכנט זיך אויס מיט איר אייגנארטיקן פרינציפ, וואס שאפט דעם פונדאמענט פון דער עפאכע. דאס איינטיילן די געשיכטע אין שטופן און דאס אויסגעפונען די פונדאמענטאלע פרינציפן וועלן אויך צוגעבן די סאציאלע קריזיסן אין מעטאדישן זין אן אויסערגעוויינלעך רייכן און פרוכטבארן אינהאלט. דער עיקר פון זיינע געשיכטלעכע פארשונגען איז באשטאנען אינם אויסגעפונען דעם עצם און כאראקטער פון די צייט־פארהעלטענישן און כדי עס צו דער־גרייכן, האט ער דורכגעדרינגען די פארהעלטענישן מיטן גייסט פון דער וויסנשאפט און אינדוסטריע, — ער האט געהאלטן, אז דאס עקאנאמישע אויסטייטשן דארף לויפן פאראלעל מיט אינטעלעקטואליסטישן אנאליזירן די געשיכטע.

סען־סימאן האט אנגעוויזן, אז די געשיכטע האט געטראגן א באַ־שרייבערישן כאראקטער און איז געווען א געווער אין די הענט פון די הערשנדיקע יחידים, און נאר א דאנק דעם האט מען פאלש אויסגעטייטשט איר מהות, וואס האט גורם געווען צום באגיין פיל פעלערן. אפילו די גע־שיכטלעכע ווערק טראגן א ניט־פאלקאמענעם כאראקטער. די סיבה איז, ווייל אלע וויסנשאפטן מוזן פריער געבראכט ווערן אין א געוויסער אָרד־נונג, עס מוז אויפגעוויזן ווערן זייער קעגנזייטיקע באציאונג און אויפ־געשטעלט ווערן זייערע אלגעמיינע געזעצן. בכלל דארף זיך די געשיכטע שטעלן א ציל אויסצופארשן דאס געזעלשאפטלעכע לעבן אין אלע זיינע פארוויקלונגען און אויסווירקונגען, און ניט זיין א ליטעראטור, וואס פאר־נעמט זיך מיט שרייבן ביאגראפיעס פון די מאכטהאבער און וואו דער המון איז בלויז א ווערקצייג אן אן אייגענעם ווילן. צו דעם מוז געמאכט ווערן א סוף, ווייל עס איז אנטשטאנען א נויטווענדיקייט אין אן אינ־האלטלעכער קולטור־היסטארישער באטראכטונג; צוזאמען מיט דעם

דארף די געשיכטע זיך פארוואנדלען אין א וויסנשאפט, וואו די קעגנזייטיקע באציאונגען פון אלע געשיכטלעכע טאטזאכן זאלן געפרואווט ווערן אן דעם אויפפאסן זיי, ווי באזונדערע קולטור־עלעמענטן. כדי אויפצודעקן די באציאונגען צווישן די קולטור־פארמען, דארף מען פריער אויסזוכן די פונדאמענטאלע כוחות, וואס ווירקן אף אלע איבעריקע פאקטארן פון דער קולטור. לויט סען־סימאנען זיינען אזעלכע פאקטארן די פילאזאפישע אידייען, ווייל יעדער סאציאלער רעזשים איז אן אפקלאנג פון א באשטימטן פילאזאפישן סיסטעם. באזונדערס זיינען אפהענגיק פון די פילאזאפישע אידייען די פאליטיק און מאראל, ווי א קאנצענטראציע־פונקט פון דער אלגעמיינער דערקענטעניש אין א געוויסער עפאכע. די פילאזאפיע איז ניט בלויז אן ענין פון דערקענטעניש, — פאר סען־סימאנען זיינען אירע אויפגאבן פיל ברייטערע און גרעסערע: די פילאזאפיע איז א מאכט, וואס נעמט ארום אלעם; זי קאנצענטרירט אין זיך אלע קענטענישן, גייט האנט בא האנט מיט אלע פארענדערונגען אינם לעבן און געפינט זיך אין א שטענדיקן קאנטאקט מיט די באשטימענדיקע אינטעלעקטועלע יסודות פון דער קולטור.

עס איז כדאי צו באמערקן, אז אין דער אידייע וועגן דעם, אז די קולטור־פארמען זיינען אפהענגיק פון די אינטעלעקטועלע טאטזאכן, האט סען־סימאן אנטוויקלט א געדאנק וועגן קאלעקטיווע כוחות, וואס אנטשטיין אינם געזעלשאפטלעכן לעבן, — כוחות, וואס הערשן און איבן אויס זייער מאכט איבערן יחיד. אין דעם זין איז ער געווען א פארלויפער פון קארל מארקס און פרידריך ענגעלס. סען־סימאן האט געגעבן דעם יסוד פאר דעם פארם, און זיין תלמיד אויגוסט קאנט האט די פארם קאנקרעטיזירט. סען-סימאן האט אנגעוויזן, אז דער קאלעקטיוויסטישער פרינציפ איז דער גרעסטער כוח אין לעבן, וואו ניט דער יחיד נאר דער כלל געשטאלטעט די פארהעלטענישן, ווייל דער שאפנדיקער כוח אין דער געזעלשאפט איז דער כלל. דער יחיד איז שוואך זיך אנטקעגנשטעלן דער ווירקונג פון די קאלעקטיווע כוחות, — דער יחיד קען בלויז די כוחות אונטערזוכן, פארשן און אויסגעפינען די סבות פון זייער ווירקונג און אף דעם סמך טיפער ארייננדרינגען אינם מהות פון די געשעענישן. דאס קאלעקטיוויסטישע איז

דער העכסטער און איינציק-ממשותדיקער געזעץ פון דער מענטשלעכער גייסטיקער אנטוויקלונג. דער געזעץ איז דער איינציק־רעגירנדיקער און דער יחידישער מענטש איז בלויז א ווערקצייג אין זיינע הענט.

סען־סימאָן האָט דורכאויס געהאַלטן דעם קאָלעקטיוויסטישן פּרינציפּ פאַרן איינציק־שאַפנדיקן כוח. ער האָט דערוויזן, אז קיינמאָל איז נאָך ניט געווען דער פאַל אין דער געשיכטע, וואו דער גענויאַלער מענטש זאָל זיין ביכולת מיט זיין אייגענעם כוח שאַפן א נייע שטופּע פון קולטור, אדער ער זאָל פאַרמאָגן געגנוג כוח צום ווירקן, אז די מאַסע זאָל אויספירן זיינע פּלענער וועגן א קינפטיקער אנטוויקלונג אדער ריכטונג. א דאנק אזא אויפפאַסן די ראָל פון דער פערזענלעכקייט אין דער געשיכטע און וועגן אנטייל פון די מאַסן אין די היסטאָרישע געשעענישן באַקומט סען־סימאָנס שטאַנדפּונקט וועגן דער ווירקונג פון דער געשיכטלעכער פאַרגאַנגענהייט אפן סאָציאַלן לעבן א כאראקטער פון צווּעקמעסיקייט און דאס האָט אים אויך געפירט צום אננעמען דעם קולטור־היסטאָרישן מעטאָד מיט זיינע כאַראַקטעריסטישע שטופן פון דער געשיכטלעכער עוואָלוציע.

דער יסוד פונם געשיכטלעכן איז דאס אינטעלעקטועלע וויסן. דער באַשטאַנד פון דער וויסנשאַפט האָט באַשטימט אין יעדער עפּאָכע די רעליגיעזע אידייען, וועלכע האָבן געווירקט ווי א סאציאַליזירנדיקער כוח און צוגעגעבן אן איינהייטלעכן כאַראַקטער דעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן סיסטעם. סען־סימאן האָט אנגעוויזן אף דריי מינים רעליגיעזע אידייען, וואָס האָבן געהאט א סאציאַליזירנדיקן כוח: די אידאָלאַטריע, אדער געצנדינעריי, דער פּאָליטייאיזם, אדער פּיל־געטעריי און ענדלעך דער טייאיזם, אדער איינגאָטקייט.

דער פּאָליטייאיזם איז געווען אן אייגנשאַפט פון די גריכן. זייער סאָציאַלע ארגאניזאציע איז געווען צוגעפּאסט צו זייערע פּאָליטייאיסטיש-רעליגיעזע אנשויאונגען; די גריכן זיינען ניט געווען פאַראייניקט אין פאָלקס-געמיינשאַפטן, — זיי האָבן געלעבט איינגעטיילט אין באַזונדערע שבטים, וועלכע האָבן אומאויפהערלעך געפירט צווישן זיך מלחמות. די מלחמות זיינען געווען א רעזולטאַט פון די רעליגיעזע אנשויאונגען, — זיי האָבן ניט פאַרמאָגט אין זיך דאָס צעמענטירנדיקע, וואָס באַהעפט און אף

אַזאַ אופן האָט זיך יעדער שבט געשאַפן זיינע אייגענע מאָראַלישע געזעצן, גילטיקע פאַר די אייגענע מיטגלידער, און ניט פאַר די פרעמדע, וועלכע זיינען געשטאַנען אויסער יעדן געזעץ, און שוין דאַן האָט דאָס געזעל־שאַפטלעכע לעבן געפאָדערט אַן איינהייטלעכע מאָראַלישע אידייע, — אַפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן דער גריכישער פילאָזאָף סאָקראַטעס, אַריינ־ברענגענדיק דער ערשטער די אידייע פון איין־גאָט. סאָקראַטעסעס אידייע איז געווען אַ גרויסער ציוויליזאַטאָרישער פאָרשריט, וואָס האָט גורם געווען צו אַ סאָציאַלן קאָנפליקט.

ווי בײַ די גריכן, איז אויך בײַ די רוימער די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע אין אָנהויב געווען געבויט אַפן פילגעטעריי־גלויבן; דאָס פילגעטעריי־גלויבן האָט געבראַכט רוים צו אַ סאָציאַלער אַנאַרכיע, וועלכע האָט זיך פאַרענ־דיקט מיטן אַנטשטיין פונם קריסטנטום. דאָס קריסטנטום האָט אַריינגע־בראַכט אַ נייע מאָראַל אין לעבן; לויט דער נייער מאָראַל האָבן די מענטשן באַדאַרפט באַטראַכטן איינע די צווייטע ווי ברידער און פון אַזאַ שטאַנד־פונקט האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסהויבן אַ נייע סאָציאַלע סיסטעם, וועלכע האָט זיך אַנטגילטיק אויסגעקריסטאַליזירט אינעם מיטלאַלטער. סען־סימאָן האָט דורכגעפירט אַ פאַרגלייך צווישן די אַלטערטימלעכע צייטן און מיטל־אַלטער און איז געקומען צום אויספיר, אַז די בעסטע סאָציאַלע אָרגאַניזאַ־ציע איז די, וועלכע איז ביכולת צו זיכערן אַ גליקלעך לעבן די ברייטע פאָלקס־מאַסן; אַן אָרגאַניזאַציע, וואו יעדער מענטש זאָל קענען אַנטוויקלען זיינע פעאיקייטן און וועלכע זאָל פירן צו אַ קולטורעלן פאָרשריט.

מיטן כוח פון אַזעלכע פאַרגלייכן און קריטישער באַציאונג צו די אַלטערטימלעכע צייטן לייקנט ער אָפּ די קאָנדאָרסע־טעזע: סען־סימאָן האָט געהאַלטן, אַז דאָס מיטלאַלטער האָט פאַרמאָגט אין זיך געזונטע קערנער פון אַן אידעאַלער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע און מאָראַלישער אַנטוויקלונג. די אַלטערטימלעכע צייטן האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט רעליגיעזע אַנ-שויאונגען; עס זיינען ניט געווען קיינע געזעצן און מאָראַלישע אידייען; געהערשט האָט אַן אומבאַגרענעצטע שקלאַפעריי. דאָס מיטלאַלטער האָט געענדערט די לאַגע, ווייל דאָס קריסטנטום האָט אַריינגעבראַכט אין לעבן די אידייע און פרינציפּ פון גלייכהייט צווישן אַלע מענטשן.

אין רוים און גריכנלאנד איז די מאַכט געווען אין די הענט פון די פאַטריציער, — די פאַלקס־מאַסן, די פּלעבייער זיינען להלוטין באַזייטיקט פונם מלוכה־לעבן, און אַ דאַנק דעם האָבן זיי אויך ניט גענומען קיין אַנטייל אינם אינטעלעקטועלן לעבן. דאָס מיטלאַלטער האָט געמאַכט אַ סוף צו אַזאַ צושטאַנד און דער טיפּישסטער אונטערשייד צווישן די אַלטערטימלעכע צייטן און מיטלאַלטער באַשטייט אינם אָפּטיילן די גייסטלעכע מאַכט פון דער וועלטלעכער; יעדע מאַכט האָט זיך געהאַט אירע באַזונדערע פונקציעס. די וועלטלעכע מאַכט האָט באַדאַרפט זאָרגן פאַר די אינטערעסן פונם פאָלק, די גייסטיקע מאַכט ווידער האָט באַדאַרפט אָפּהיטן די אינטערעסן פון דער אַלגעמיינהייט.

אין די מיטלאַלטערלעכע צייטן האָבן די ברייטע פאָלקס־מאַסן זיך אויך דערוואָרבן אַ גרויסן איינפלוס אויף די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, — געפירט צו דעם האָבן די נייע מאָראַלישע אידייען פונם קריסטנטום. די מענטשלעכע גלייכהייט איז געוואָרן אַן עקר, אַן אַנפירנדיקער פּרינציפּ פון דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע און לויט סען־סימאָנס מיינונגען זיינען עס די פאַרדינסטן פון אַזעלכע מענער, ווי קאַרל דער גרויסער, די רוימישע פּויפּסטן אַלפרעד און גרעגאַר, — מענטשן, וואָס האָבן געשטרעבט אויסצובויען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין הסכם מיט די פאָדערונגען, וועלכע דאָס קריסטנטום האָט אַרויסגעשטעלט.

סען־סימאָן האָט געהאַלטן, אַז דאָס קריסטנטום און די גייסטלעכע זיינען געווען אַ סאָציאַליזירנדיקער עלעמענט, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן, אַז יעדע מלוכה זאָל קענען אויפבויען אַ נייע סאָציאַלע אָרדנונג, פירנדיק די פּאָליטיק אין אַ ריכטונג, וואָס זאָל ברענגען צו אַן אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד. די ריכטונג איז דער וועג צו דער אינדוסטריע און וויסנשאַפט. סען־סימאָן האָט אויך אָנערקענט די וויסנשאַפטלעכע לייסטונגען פון די גייסטלעכע, — זיי זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגענומען דעם באָאָבאַכטונגס־מעטאָד אין דער וויסנשאַפט. דער נזיר ראָזשער באַקאָ איז געווען דער גרעסטער פיזיקער פון זיין עפּאָכע; אַלע דערפינדונגען און אַנטדעקונגען פון פּופּצנטן יאָרהונדערט, דאָס אויסגעפונען דעם קאָמפּאַס, בוכדרוקעריי, די פאַרשריטן אינם ים־טראַנספּאָרט, דאָס אַנטדעקן אַמעריקע,

קופּערניקס טעאָריע, — דאָס אַלעס איז פאַרבינדן מיט די וויסנשאַפטלעכע לייסטונגען פון די גייסטלעכע. די גייסטיקע האָבן צוגעגעבן אַ טיפּזיניקן אינהאַלט דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, זיי האָבן געפירט צו פיל וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען און דיזעלבע באַאָבאַכטונגס־וויסנשאַפטן, וועלכע זיי האָבן אונטערגעשטיצט, זיינען געוואָרן די צושטערונגס־פאַקטאָרן פונם טעאָלאָגישן סיסטעם. די פיזיק האָט איבערגעשטיגן די מעטאַפיזיק, דאָס פּאָזיטיווע האָט מנצח געווען דאס היפּאָטעטישע און צוזאַמען מיט דעם האָבן זיך אנגעהויבן אויסבילדן עלעמענטן פאַר אַ נייער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע. פון די עלעמענטן איז ארויסגעוואַקסן דער פּראָטעסטאַנטישער רעפאָרמאַטאָר לוטער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט די אנדערע רעפאָרמאַטאָרן דעזאָרגאַניזירט דאָס אַלטע סאָציאַלע סיסטעם אין אייראָפּע; פון דיזעלבע עלעמענטן האָבן זיך אויך אויסגעבילדעט די נייע פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן, אָפּרוימענדיק פונם וועג די מעטאַפיזישע וויסנשאַפטן צוזאַמען מיט די גייסטלעכע.

עס האָבן זיך אנגעהויבן אנטוויקלען די איינצלנע וויסנשאַפטן; דער מענטשלעכער בליק האָט געקוקט אריבער די אנגעמערקטע האָריזאָנטן און דערגרייכט ביז די אַמעריקאַנער לענדער; די בוכדרוקעריי האָט געמאַכט פּאָרשריטן און געלויטערט די מוחות, ענדלעך זיינען אויך געקומען האַליליי און קאָפּערניק, — און אין רעזולטאַט איז צושטערט געוואָרן דאס טעאָלאָגישע סיסטעם. און טראַצדעם האָט סען־סימאָן ניט ארונטערגעשאַצט די פאַרדינסטן פון די מעטאַפיזיקער, — זייערע לייסטונגען האָבן געבראַכט גרויסע און פיל נוצן, — זייער טעות איז בלויז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן ניט פאַראויסגעזען, אַז אָן אַ נייער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע איז באַדראָט די עקזיסטענץ פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אין באַטראַכט איז ניט גענומען געוואָרן דאָס פּראָבלעם פונם סאָציאַלן אויפבוי; דאָס אַלטע סיסטעם איז באַזייטיקט געוואָרן אויף אַ פּלאַנלאָזן אופן, — און דערפאַר האָט געמוזט פאָרקומען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789־טן יאָר. איינע פון די סבות, וואָס האָט געבראַכט צו דער רעוואָלוציע, איז געווען די טעטיקייט פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן.

פון אַזעלכע יסודות און באַטראַכטונגען איז אויסגעוואַקסן און אנטשטאַנען סען־סימאָנס אינדוסטריעלע סיסטעם.

קאַפּיטל דריי

די עקאָנאָמישע געשיכטע-אויפפאַסונג

די געשיכטע שפּילט די גרעסטע ראָל באַם געשטאַלטן דאָס קולטורעלע זיין, און מיט איר כּוח האָט סען־סימאָן געוואָלט פעסטשטעלן די סאָציאַל־פילאָזאָפישע אייגנאַרטיקייט פון דער קעגנוואַרט און די קאָנסטיטואירנדיקע עלעמענטן פון די סאָציאַלע געשעענישן, בכדי דורך דעם אויסגעפינען דעם יסוד פאַרן ווידעראויפבוי פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וועלן צוליב געוויסע סבות קומען זיי אין אַן אומאָרדנונג. אויך אין דעם פאַל האָט זיך סען־סימאָן געפונען אונטער קאָנדאָרסעס איינפלוס. ער האָט אָנגענומען קאָנדאָרסעס פאָרמול „די באַדינגונגען דאַרף מען באַטראַכטן אינם לויף פון זייער אַנטוויקלונג און נאָכפאָלגן דעם וואַנדל פון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיע אין אַלע אירע רעזולטאַט־דערשיינונגען", — און נאָר אַ דאַנק דעם האָט סען־סימאָן דערגרייכט צו וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע טאַטן. ראשית האָט ער צושטערט און מבטל געמאַכט דעם שטאַנדפּונקט פון דער קלאַסישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע וועגן דעם, אַז פאַר דער מענטשלעכער נאַטור, וועלכע איז איבעראַל גלייך, איז פאַראַן בלויז איין גערעכטלעכע אָרדנונג און האָט דערוויזן, אַז סיי די פּאָליטישע, סיי די רעכטלעכע אידייען דערנערן זיך און באַקומען זייער אינהאַלט פון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע האַלטן אין אַ שטענדיקן זיך ענדערן און וואַנדלען.

די פּאָליטישע פאַרענדערונגען נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן איבערצייגט סען־סימאָנען, אַז צווישן מלוכה און געזעלשאַפט איז פאַראַן אַ טיפער אונטערשייד. פון אייגענער באַאָבאַכטונג האָט ער דערפאַרן, ווי אין משך פון פינף־און-צוואַנציק יאָר האָבן זיך געענדערט צען פאַרשידענע קאָנסטיטוציעס און נאָר צוליב דעם, ווייל מ'האָט ניט באַ־

גריפן די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די סאָציאַלע לעבנס־יסודות. סען־סימאָן האָט ניט אנערקענט די פּאָליטישע קאָנסטיטוציע, ווי אַ יסוד פאַר אַ סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע; די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע האָט ער פארבינדן מיטן געזעץ וועגן אייגנטום און פון דעם געזעץ שטאַמט אויך אַרויס די פאָרענדערטע אויפפאַסונג פונם סאָציאַלן לעבן.

סען־סימאָן האָט זיך געהאַלטן באַם שטאַנדפּונקט, אַז דער פונדאַ־מענטאַלסטער איז דער געזעץ וועגן דעם פאַרשריט פונם מענטשלעכן גייסט; דער געזעץ באַהערשט די געזעלשאַפט אין אַלע אירע געשיכט־לעכע צושטאַנדן. אויך האָט ער אנגעוויזן, אַז דער באַוועגנדיקער כוח פון די היסטאָרישע געשעענישן איז דאָס בייטן זיך פון די אַלגעמיינע אידייען, און אין זיין ווייטערן דענקען איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די געזעלשאַפט בויט זיך אויסשליסלעך אויף אַזעלכע מאַטעריעלע פאַקטאָרן ווי די אינדוסטריע, ווייל אירע פאָרשריטן זיינען די פונדאַמענטאַלסטע, און די איינציקע גאַראַנטיע פאַר דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. סען־סימאָן האָט געשאַפן אַ ספּעציפישן באגריף, וואָס הייסט „אינדוסטריעלע אידייען"; — די אידייען האַלטן צוזאַמען די געזעלשאַפט און די פעלקער זיינען ניט מער, ווי גרויסע אינדוסטריע־געזעלשאַפטן.

צו אַזעלכע אויספירן איז סען־סימאָן געקומען אַ דאַנק זיין גרינט־לעכן אריינדרינגען אין די עקאָנאָמישע צושטאַנדן פון מיטלאַלטער און נייע צייטן. ער האָט באַגריפן, אַז דער אונטערשייד צווישן דעם גוססדיקן מיטלאַלטער און די נייע צייטן באַשטייט אין דער געשאַפענער סתירה און אנטאַגאַניזם צווישן צוויי סאָציאַלע סיסטעמען, וואָס שעפּן זייער אינהאַלט ניט פון די פאַרשידענע אינטעלעקטועלע יסודות, נייערט פון די באַהערשנדיקע ווירטשאַפטלעכע פּרינציפּן. אין אַ שנאַהדיקער סתירה צום פעאָדאַלן סיסטעם האָט זיך געשטעלט דאָס אינדוסטריעלע סיסטעם, און אינם רעזולטאַט פונם קאַמף האָט מנצח געווען דאָס צווייטע. עס האָט זיך געשאַפן אַ סאָציאַלער קאָנפליקט, וועמענס מערקווירדיקער עצם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די שפּיצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג זיינען געווען פעאָדאַל, בעת די פונדאַמענטן זיינען געווען אינ־דוסטריעל און דאָס האָט גורם געווען צו אַ שטרייט צווישן די רעכטלעכע

פרינציפן און די נײַ־אנטשטאַנענע עקאָנאָמישע יסודות. די אינדוסטריעלער האָבן געשטרעבט איבערצובויען די רעכטלעכע יסודות אין הסכם מיט די נײַע עקאָנאָמישע פאָדערונגען, אויך האָבן זיי געמוזט פארשטאַרקן זייערע פּאָליטישע אינטערעסן, און אַף וויפיל די אינטערעסן זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פון די עקאָנאָמישע סבות האָבן זיי אנגענומען אַ פאָרם פון אַ קלאַסנקאַמף. דער כוח, וואָס האָט געטריבן די אינדוסטריעלער צו קעמפן פאַרן פארשטאַרקן זייערע פּאָליטישע אינטערעסן איז געווען ניט בלויז דאָס אנזאמלען פון באַדייטנדיקע רייכטימער, נאָר אויך דאָס אנווענדן אין זייערע אינדוסטריעלע דערגרייכונגען די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן. דאָס אנווענדן די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן האָט זיי איבערצייגט, אַז זיי זיינען אַן אויפשטייגנדיקער קלאַס מיט אַ גרויסן אימפּולסיוו־שאַפנדיקן כוח. אַזוי, אַז פּאָליטישע פארהעלטענישן זיינען אַ רעזולטאַט פון עקאָנאָמישע סבות; אַזעלכע געדאַנקען האָבן באַהערשט סען־סימאָנען און זייער בולטן אויסדרוק האָבן זיי בא אים באַקומען אין זיינע ווערק: „די אינדוסטריע, דער קאַטעכיזיס פון די אינדוסטריעלער און דאָס אינדוסטריעלע סיסטעם".

סען־סימאָן הויבט אָן מיט דעם, אַז דער יסוד פונם אייגנטום־רעכט אין פראַנקרייך, ווי דעסגלייכן דאָס באַגרענעצן און אויסנוצן דאָס רעכט זיינען געשאַפן געוואָרן פונם זיגער, וועלכער האָט אין לעבן איינגעפירט דאָס רעכט פונם שטאַרקערן. פראַנקרייך איז געווען איינגעטיילט אין צוויי פארשידענע שיכטן: דער שטענדיקער עלעמענט זיינען געווען די גאַלן, וועלכע האָבן פארוואַלטעט מיטן באָדן פונם לאַנד. זיינען געקומען די פראַנקן, האָבן אקופּירט דאָס לאַנד און דערצו נאָך געפאָדערט, אַז די פּראָדוקטן, וואָס די גאַלן פּראָדוצירן, זאָלן איבערגעגעבן ווערן אינם רשות פון די פראַנקן. אַזאַ פארהעלטעניש האָט שוין געהאַט אַ געוויסע היסטאָרישע באַדייטונג, ווייל אונטער אַזאַ ווירקונג האָט זיך געענדערט דער מאָדוס פונם אייגנטום־אָרדנונג. דער אנגריף האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז די גאַלן זיינען באַהערשט געוואָרן פון די פראַנקן, וועלכע האָבן אין זייערע הענט קאָנצענטרירט די גאַנצע פּאָליטישע מאַכט. אין די צייטן, ווען ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט דער קאַמף צווישן די גאַלן און פראַנקן האָט מען נאָך ניט געוואוסט אָפּצושאַצן דעם ריכטיקן ווערט פונם סאָציאַלן סיסטעם,

— ווייל ס'איז געווען אַן עפּאָכע פון מלחמות, — האָט מען די אינדוסטריע־לער באַטראַכט פאַר אַן אונטערגעוואָרפענעם קלאַס און שוין צוליב דעם אַליין האָבן ניט געקענט זיין קיינע רעדעס וועגן פּאָליטישע איינפלוסן. אָבער געקומען איז א צייט און די לאַגע האָט זיך געענדערט. די אינ־דוסטריעלער זיינען געווען פליסיק, שפּאָרזאַם און געדולדיק. א דאַנק דעם האָבן זיי זיך דערוואָרבן גרויסע פאַרמעגנס, צו וואָס אויך דער טעכנישער פּראָגרעס האָט זיי געגוג צוגעדינט. דער הערשנדיקער קלאַס ווידער האָט זיך פאַרנומען מיט פירן מלחמות, פאַר וועלכע מ'האָט באַדאַרפט גרויסע קאַפּיטאַלן. פון אייגענע הכנסות און מיטלען איז מען ניט געווען ביכולת צו דעקן די הוצאות, האָט דער הערשנדיקער קלאַס באַשלאָסן אנצוהויבן האַנדלען מיט פרייהייט, מיט פּדיון־נפש און דהיינו: זיי האָבן אנגעהויבן פאַרקויפן פרייהייט די גאָלן. אַף אַזאַ אופן האָבן זיי פאַרקלענערט די געלט־נויט און געקענט פירן זייער ווייטערן פאַרשווענדערישן לעבן.

דער אויבנגעשילדערטער צושטאַנד האָט געהאַט זיין פּאָזיטיווע ווירקונג. ערשטנס האָט דער לוקסוס פון די קריגערישע שיכטן געהאַט א געוויסע פּאָזיטיווע ווירקונג אַף די געווערבע־טרייבנדיקע, וועלכע האָבן אנגעהויבן צו פּראָדוצירן לוקסוס־וואַפן פאַרן אויסערלעכן האַנדל. א וויכטיקער מאָמענט איז אויך געווען דאָס האַנדלען מיטן פאַרקויפן פרייהייטן, ווייל אַזאַ האַנדל האָט פאַרפלאַנצט אין די מוחות פון די אָפּהענגיקע דעם געדאַנק פון אַן אַלגעמיינער קאָלעקטיווער פּאָליטישער פרייהייט און אַט דער אויפ־שוואונג האָט געשאַפן דעם באַזיס פאַר א נייעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די אינדוסטריעלער האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט די נייע פאַר־שונגען פון די נאַטור־וויסנשאַפטן, זיי האָבן אנגעהויבן צו באַגרייפן די נישטיקייט פון די טעאָלאָגישע אידייען און דעם כוח פון די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן. מעגלעך, אַז אויך די אינדוסטריעלער וואָלטן זיך געהאַלטן באַם טעאָלאָגישן סיסטעם, ווי די פעאָדאַלן, אָבער דער פּראָגרעס פונם לעבן האָט זיי געצווינגען צו אנערקענען די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן, ווייל אין הסכם מיט דער פּאָליטישער לאַגע פון די אינדוסטריעלער איז דאָס געווען דער איינציקער מיטל צום פאַרבעסערן זייער סאָציאַלן באַשטאַנד. האַנדל און האַנטווערקערייַ האָבן געבליט; זייער אנטוויקלונג איז געווען

אַ רעזולטאַט פונם עקאָנאָמישן אויפשוואונג, וועלכער האָט געפירט, אַז אין די הענט פון די אינדוסטריעלער זאָלן זיך אנזאַמלען גרויסע אוצרות און דאס גופא האָט שוין גורם געווען, אז די אינדוסטריעלער זאלן גע־ווינען דעם איינפלוס אפן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאסזעלבע אָנזאַמלען פון אוצרות האָט אויך פאראורזאכט, די אינדוסטריעלער זאָלן זיין אומצופרידן מיט זייער פּאָליטישער אונטערגעדריקטקייט און זאלן אנ־הויבן שטרעבן אויסצואיבן זייער ווירקונג און איינפלוס אף דער פירונג פון דער געזעלשאַפט. און נאָך אַ סבה האָט געבראכט צום וואוקס פון דער פּאָליטישער מאַכט פונם אינדוסטריעלער: די דערפינדונג פון פולווער. דאָס דערפינדן דעם פולווער האָט פאראיינפאכט דאס פירן פון מלחמות; די פּראָדוצירער פונם פולווער זיינען געווען די אינדוסטריעלער, און מיט דער פּראָדוקציע האָבן זיי געמאכט פון זיך אפהענגיק דעם מיליטערישן קלאַס — די פראנקן. אַ דאנק דעם איז פארקלענערט געוואָרן דער איינפלוס פון פעאָ־דאלן אפן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די געענדערטע עקאָנאָמישע פארהעלטענישן, און דער אנגריף פון די אינדוסטריעלער אינם קאמף צו ווערן אַ פּאָליטיש־פּאָטענציעלער כוח האָבן אין אַ גרויסער מאָס אנגערירט און געטראָפן דאס פראנצויזישע קעניגטום, וועלכעס האָט געטראגן אַ ריין־פעאָדאליסטישן כאראקטער. עס איז געווען די עפּאָכע פון לודוויק דעם עלפטן, — אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן און מיט אַ שטרעבונג אויסצוברייטערן זיינע קעניגלעכע פולמאכטן, אין וועלכע זיינע באראנען האָבן אים בארויבט און איינגעשרומפּען. לודוויק דער עלפטער האָט זיך געוואָלט באפרייען פון דער פעאָדאליסטישער אפּוטרופּסות און זיך פאראייניקן מיט די אינדוסטריעלער. ער האָט געהאַט מער חשק צו זיין אַ קעניג באַ די גאלן, איידער אַ פירער באַ די פראַנקן. די אינדוסטריעלער זיינען איינגעגאנגען אף לודוויק דעם עלפטנס פארשלאַג, ווייל זיי האָבן גערעכנט פון דעם מרויח צו זיין; זיי האָבן גערעכנט אף אַזאַ אופן אויסצופּועלן, אַז עס זאָלן באַזייטיקט ווערן די אלע שוועריקייטן, וואָס האָבן געהערשט אין לאַנד און געשטערט די אנטוויקלונג פונם האנדל. אבער פאר אלעמען האָבן די אינדוסטריעלער געשטרעבט צו ווערן דער אויי־בערשטער און העכסטער קלאַס פון דער געזעלשאַפט, וואָס רעגירט און גיט

אַרויס געזעצן. לויט סען־סימאָנס מיינונג, איז עס געווען אַ נאַטירלעכע און גערעכטע שטרעבונג, ווייל די געזעצן דינען אויסשליסלעך צום באַפרי־דיקן די עגאָיסטישע אינטערעסן פון די, וועלכע שאַפן און געבן אַרויס די געזעצן.

צווייַ יאָרהונדערטן האָט געדויערט דער קאַמף צווישן דעם קעניג און זיינע וואַסאַלן, צווישן די אינדוסטריעלע אונטערנעמער און די אַדליקע: דער קאַמף איז געווען אַ שטאַרקער, אַ גרויזאַמער און דאָך האָט ניט גע־לינגען די אינדוסטריעלער צו צוברעכן די מאַכט פון די אַדליקע, — ערשט אין די צייטן פון לודוויק דעם פערצנטן איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג, וועלכע האָט געבראַכט די אַדליקע אונטערן איינפלוס פונם קעניג, און זיי געמאַכט פאַר זיינע באַדינער. די אינדוסטריעלער האָבן מורא געהאַט, די אַדליקע זאָלן זיי ניט שטערן אין זייערע אַרבעטן, — זיינען זיי געפאַלן אויף אַ נייער המצאה. זיי האָבן אונטערגענומען אַן אַקציע איבערצוצייגן די אַדליקע, אַז נאָר אין אַ צוזאַמענבונד מיט זיי, — מיט די אינדוסטריע־לער, — וועלן די ערשטע האָבן די פולקאָמע מעגלעכקייט געניסן פון די וועלט־תענוגים און מאַקע דערפאַר זיינען די אינדוסטריעלער מוכן ומזומן איבערצונעמען דאָס אַנפירן מיט אַלע ווירטשאַפטלעכע פונקציעס. די אַדליקע זיינען איינגעגאַנגען אויף דעם פאָרשלאַג און דאָס האָט אומדירעקט געבראַכט, אַז די אַדליקע זאָלן פאַרלירן זייער פאָליטישע באַדייטונג.

אין געוויסע הינזיכטן איז לודוויק דער פערצנטער געווען נוצלעך פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. מיט זיין פאָליטיק האָט ער אונטער־געשטיצט דאָס האַנטווערקעריי און געווירקט, אַז דאָס ווירטשאַפטלעכע פאַרשן זאָל זיך צוזאַמענבינדן מיט די אינדוסטריע־מעגלעכקייטן. אין דער־זעלבער עפּאָכע האָט זיך גראַדע אויך באַוויזן אַ נייער קאַפּיטאַל־צווייג אין דער אינדוסטריע, — עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען דאָס באַנק־סיסטעם, וועלכעס האָט געשאַפן די התחלה פונם פינאַנציעלן קאַפּיטאַל; דאָס באַנק־סיסטעם און דער פינאַנציעלער קאַפּיטאַל האָבן פּאָליטיש און פינאַנציעל אָרגאַניזירט די הענדלער, פאַבריקאַנטן און לאַנדווירטן, וועלכע זיינען צווישן זיך ניט געווען פאַרבונדן.

די אינדוסטריעלער האָבן געפונען אונטערשטיצונג אין אַלע זייערע

התחלות בא די לעגיסטן, — א קלאַס, וועלכער איז געשטאַנען צווישן די אַדליקע און אינדוסטריעלער. דער קלאַס לעגיסטן איז אנטשטאַנען א דאנק די וואַקסנדיקע קאמפּליקאציעס אין די געזעלשאַפטלעכע פארהעלטעניש און אויך צוליב דעם, וואָס די געזעצגעבער האָבן אריינגעפירט אין לעבן דאָס געשריבענע רעכט, וועלכעס מ׳האָט געמוזט אויסטייטשן און קאָמענטירן. אין די ערשטע צייטן זיינען די לעגיסטן געגאַנגען צוזאַמען מיט די אַדליקע, אָבער וויבאַלד די אינדוסטריעלער זיינען געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע מאַכט, זיינען די לעגיסטן אריבער צו די אינדוסטריעלער און צוזאַמען מיט זיי געקעמפט קעגן דעם פעאָדאַליזם און קעגן טעאָלאָגישן סיסטעם, וועלכעס איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פונם פעאָדאַליזם.

וואָס שייך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט סען־סימאָן געהאַלטן, אַז זי איז א רעזולטאַט פון סאָציאַלע שטרעמונגען, אויסגעאַרבעטע און אויסגעקריסטאַליזירטע אינם פאַרלויף פון די יאָרהונדערטן. די סאָציאַלע שטרעמונגען האָבן געהאַט זייער דערנערונגס־באָדן אין דער נעגאַטיווקייט פון דער הערשנדיקער מאַכט און ווען די שפּראָצן האָבן אָנגעהויבן שפּירן רייפקייט, דערשפּירט אין זיך כוח, האָבן זיי זיך אנטקעגנגעשטעלט דער אַלטער מאַכט, וועלכע איז ניט געווען מער ראוי און מסוגל אנצופירן ווייטער מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער דער פּראָצעס איז געווען א בהדרגהדיקער. צוערשט איז פאָרגעקומען א מאָראַלישע און ציווילע רעוואָלוציע, א צוגעגרייטע אין א משך פון גאַנצע זעקס יאָרהונדערטן און ערשט נאָכהער איז געקומען די פּאָליטישע רעוואָלוציע. סען־סימאָן האָט באַגריפן, אַז די פּאָליטישע רעוואָלוציע איז די פונדאַמענטאַלסטע סבה אומצוענדערן סיי די גייסטיקע, סיי די וועלטלעכע יסודות און כוחות. בכלל, איז רעוואָלוציע אַן אַפּשלוס פון א שטאַרקן און שווערן קאַמף אין א סאָציאַלן אַנטאַגאָניזם פון צוויי קולטור-עפּאָכן, פון וועלכע די איינע מוז פאַרלירן איר ווידערשטאַנדס־פעאיקייט און די אַנדערע קומט זי צו פאַרבייטן. אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז עס געווען דער קאַמף צווישן דער פעאָדאַל־טעאָלאָגישער און אינדוסטריעל־ווירטשאַפטלעכע סיסטעמען און די פרייהייט, וועלכע איז אנטשטאַנען צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציע האָט גע-

טראַגן אויסשליסלעך אַ עקאָנאָמישן כאַראַקטער. אַגב איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן געקעמפט צווישן זיך ניט בלויז די פעאָדאַלן און אינדוסטריעלער, — די דיפערענצירונג איז געגאַנגען פיל טיפער און מיטן אויסברוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט מען צו פאַרדאַנקען דוקא ניט די אינדוסטריעלער, נאָר גאָר דעם פראַנצויזישן מיטלקלאַס, אָדער בורזשואַזיע.

די אינדוסטריעלער האָבן געשטיצט די בורזשואַזיע, און די בורזשואַזיע דערשפירנדיק און אַריינבאַקומענדיק די מאַכט, האָט גלייך אַרויסגעוויזן איר רעאַקציאָנערן חשק. דער סוף איז געווען, אַז ניט דער פרייהייט אידעאַל איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, נייערט עס איז געקומען אַ מיליטערישער דעספּאָטיזם. די אמתע צוועקן, — דאָס רעפאָרמירן די פּאָליטישע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, — זיינען ניט דערגרייכט געוואָרן און דערפאַר האָט געמוזט אָנהאַלטן דער ווייטערער סאָציאַלער קאַמף.

שוין ביז סען־סימאָנען זיינען געווען דענקער, וועלכע האָבן אָנערקענט דעם ווירטשאַפטלעכן מאָמענט, ווי אַ טרייבקראַפט פון דער רעוואָלוציע, אָבער יענע האָבן ניט געקענט תופס זיין דעם תוך פון די רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן. סען־סימאָן האָט זיך ניט באַנוגנט מיטן אָנווייזן די הערשנדיקע סתירות, נייערט ער האָט אויך אָנגעוויזן, ווי אַזוי די סתירות זיינען אַנטשטאַנען, און זיך אויסגעבילדעט פון די באַשטימענדיקע קולטור־פאַקטאָרן. דאָס בירגערטום איז גייסטיק און עקאָנאָמיש געוואָרן אַן אַנפירנדיקער קלאַס און איז אויסגעוואַקסן צו אַ שטאַרקן סאָציאַלן מאַכט־פאַקטאָר; אויך בײַ דער רעוואָלוציע גופא האַנדלט זיך ניט בלויז אינם באַפרידיקן די מאַכט און הערשער־תאוות, נאָר באַטראַכטנדיק אַלעס פון אַן אוניווערסאַל־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז די רעוואָלוציע דער קרוינפּונקט אינם קאָנפליקט צווישן צוויי קולטור־עפּאָכן. אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז דער קאָנפליקט פאָרגעקומען צווישן דער פעאָדאַל־טעאָלאָגישער און ווירטשאַפט־אינדוסטריעלע עפּאָכן.

אויך וועגן דער באַדייטונג פונם קלאַסנקאַמף אין דער געשיכטע האָט סען־סימאָן אַן אייגנאַרטיקע מיינונג. די פראַנצויזישע געשיכטע שילדערט דעם קאַמף צווישן צוויי שטאַנדן אין פראַנקרייך, — דער קאַמף צווישן די

גאַלן און פראַנקן. מ'האָט געהאַלטן און אַפּילו עס דערפירט צו דער מדרגה פון א טעאָריע, אַז דאס איז געווען אַ קאַמף צווישן צוויי ראַסן, צווישן צוויי פעלקער. סען־סימאָן האָט די טעאָריע אַנגענומען, אבער, ווי א סכעמע צו דערווייזן, אַז דאס הויפּט־אָרט אין דער געשיכטע פאַרנעמען די ווירט־שאַפטלעכע טאַטזאַכן, אַנווייזנדיק, אז פונם קאַמף צווישן די גאַלן און פראַנקן האָט די פראַנצויזישע געשיכטע באַקומען איר גאַנצן אינהאַלט. און דער קאַמף גופא דאַרף באַטראַכט ווערן, ניט ווי א קאַמף צווישן צוויי ראַסן, — עס איז געווען אַ קאַמף צווישן צוויי קלאַסן, וועלכע האָבן זיך געמוזט אַנטקעגנשטעלן איינע די צווייטע, ווייל די פאַרשידנאַרטיקייט פון זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסן האָט זיי דערצו געצווינגען.

מיט אַזאַ אויפפאַסן דעם קאַמף צווישן די גאַלן און פראַנקן האָט סען־סימאָן דער ערשטער באַגרינדעט, אַז דאס פּאָליטישע לעבן איז אָפּהענגיק פון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיע. אויך האָט ער אַנגעוויזן, אז די סאָציאַלע קאָנפליקטן, ווי א פּועל־יוצא פון אַנטוויקלטע ווירטשאַפטלעכע דערשיי־נונגען, קענען פאַרענטפערט און אַנטשיידן ווערן אויסשליסלעך אַפן וועג פון א קלאַסנקאַמף, — און אָט די אַלע מאָמענטן צוזאַמענגענומען פאַרלייען זיינע היסטאָרישע באַטראַכטונגען אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער און היילן איין זיין דענקען אין אַזעלכע מאָדערנסטע פאָרגעשריטענע פאָרמען, צו וועלכע קיינער פון זיינע צייט־מענטשן האָט ניט דערגרייכט.

קאַפּיטל פיר

סען־סימאָנס אָפּשאַצן די צייט־שטרעמונגען

פאַר סען־סימאָנס אויגן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די גרויסע היסטאָרי־שע געשעענישן אין פראַנקרייך און דערפאַר האָט ער זיי ניט געקענט באַ־נעמען און אָפּשאַצן פון אַן אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט. אַזאַ מין ניט קענען אָביעקטיוו־אָפּשאַצן די געשעענישן איז אַ פאַרשטענדלעכער רעפלעקס, אין וועלכער דער דענקער ווערט געפירט ניט פונם רעאַליסטישן שכל, נייערט פון די סוביעקטיווע געפילן, וואו וואונטשן און האָפנונגען ווערן דער מאָס־שטאַב פאַר אַן אורטייל. דאָס רעאַליסטישע פאַלט א קרבן פון די אינדי־

ווידועלע נייגונגען און פּסיכאָלאָגיש פּאַרפּעסטיקט זיך אין זיינע רעכט דער סוביעקטיווער ווילקיר.

אויך סען־סימאָן האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון אַזאַ שוואַכקייט, און דאָך זיינען ווירקליך גרויס זיינע פאַרדינסטן אַפן געביט פונם רעאַליסטישן אויסטייטשן די געשיכטע. מ׳מוז זיך בלויז רעכענען מיט דעם, אַז שטענדיק זיינען פאַראַן פאַלן, ווען יעדער ניכטערנסטער באַטראַכטער פון סאָציאַלע געשעענישן ווערט אַ ניט־קאָנסעקווענטער אוטאָפּיסט, אַ באַגייסטערטער ענטוזיאַסט, וואָס פאַרלירט יעדע קלאַרקייט באַם אורטיילן רעאַלע טאַטזאַכן. אַ דאַנק דעם האָבן זיך באַ סען־סימאָנען איינגעבירגערט צוויי טענדענצן אינם דענקען: דאָס רעאַליסטישע אויפפאַסן דעם היסטאָרישן זיין, ווי אַ יסוד פאַרן פאַרווירקלעכן סאָציאַלע און קולטורעלע רעפאָרמען און דער אוטאָפּיסטישער פאָראורטייל, פאַראורזאַכט דורך דער אימפּולסיווקייט פון די געשאַפענע פאַרהעלטענישן.

די צוויי טענדענצן געפינען זיך אין אַ פולקאָמער סתירה איינע צו די צווייטע. אַ ווייטע דיסטאַנץ טיילט זיי אָפּ איינע פון די אַנדערע און דאָס מערקט מען אויך באַ סען־סימאָנען, די צוויי טענדענצן לויפן באַ אים איזאָלירט איינע פון דער אַנדערער, ווייל ער איז ניט בלויז דער דענקער, וואָס אַנאַליזירט טעאָריעס, כדי אַף אַזאַ אופן קומען צו געוויסע אויספירן וועגן דער סאָציאַלער לאַגע, — נייערט ער וויל אויך זיין דער סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר, וואָס אַרבעט אויס פאַרשידענע פּראָיעקטן און פּלענער צום רעאָרגאַניזירן און פאַרבעסערן די מענשלעכע געזעלשאַפט. אַזאַ סמיכת־הפּרשות מוז האָבן זיין ווירקונג און איינפלוס און דערפאַר באַמערקט מען, ווי אַריינדרינגנדיק מיט אַ שאַרפן בליק אין די פאַרפלאָנטערסטע סאָציאַלע געשעענישן, פאַלט סען־סימאָן צייטנווייס אַריין אין אַ מאָראַליזירנדיקן טאָן, — ווייל ער איז באַהערשט פון אַ בענקעניש נאָך אַ בעסערן סאָציאַלן לעבן, דאָס האָט געווירקט, אַז סען־סימאָן זאָל אָפּט אָפּטרעטן פון זיינע רעאַליסטישע פּרינציפּן און במקום זיך צו באַשעפטיקן מיט די געשעענישן פון אַ פּאָליטישן און היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, האָט ער מאָראַליזירט, ווי אַזוי דאָס געשעענע וואָלט באַדאַרפט אויסזען.

דער גרונד־פּרינציפּ פון סען־סימאָנס דענקען איז געווען די פּראַנ־

צויזישע רעוואָלוציע. סען־סימאָן האָט געוואָלט פעסטשטעלן, אויב די רעוואָלוציע האָטווירקלעך געדינט די אינטערעסן פון די אינדוסטריעלער. די רעוואָלוציע האָט באַדאַרפט ווירקן, אַז עס זאָל זיך אויסבילדן אַ נייע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון די אינדוסטריעלער, אָבער דאָס איז ניט פּאָרגעקומען, ווייל די אינדוסטריעלער האָבן אַנגעטרויט די לעגיסטן פּאַרטייאיקן זייערע אינטערעסן. סען־סימאָן האָט אויסגעפונען, אַז די לעגיסטן זיינען געווען דער אומפּעאיקסטער און דער ניט־מסוגלדיקער עלעמענט צו רעגירן איבער אַזאַ גרויס לאַנד, ווי פראַנקרייך און ווען די אינדוסטריעלער זאָלן ניט געווען האָבן באַגאַנגען אַזאַ טעות, וואָלט מען אין דער רעוואָלוציע געווען אויסגעמיטן פיל אומריכטיקייטן. אַ צווייטער טעות איז געווען, וואָס די אינדוסטריעלער האָבן זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין מעטאַפיזישע דיסקוסיעס וועגן די רעכט פון מענטשן און דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז זיי זאָלן ניט אויסנוצן זייער אייגענע פּאָליטישע דערפאַרונג. סען־סימאָן האָט דערמאַנט די אינדוסטריעלער, אַז אַמאָל האָבן זיי אָפּגעקויפט זייער פרייהייט און אויף אַזאַ אופן האָבן זיי אויך באַדאַרפט דעראָבערן זייערע פּאָליטישע רעכט, — ער האָט געגלויבט, אַז דאָס וואָלט געווען דער ריכטיקער וועג צום באַזייטיקן דעם פעאָדאַליזם און אַ דאַנק דעם וואָלט געוואָרן מעגלעך דורך פרידלעכע רעפאָרמען ענדערן די אַלטע קאָנסטרוקציע פון דער געזעלשאַפט.

אָבער די אינדוסטריעלער האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון די לעגיסטן, און די לעצטע ווידער זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די מעטאַפיזיקער. די לעגיסטן האָבן קריטיקירט די אַלטע מאַכט ניט פונם שטאַנדפּונקט פון די געשיכטלעכע איבערלעבונגען, נייערט ווי פּשוטע פאַנאַטיקער. זיי האָבן אויך געהאַט באַשטימטע פאַרדינסטן פאַר דער רעוואָלוציע, און דאַך זיינען זיי געווען די, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג, גורם געווען צו אַ צוזאַמענשטויס פון די פּאַרטייען און מיט דעם האָבן זיי געפירט די רעוואָלוציע צו אירע טרויעריקע צושטאַנדן.

אויך אַ דאַנק דעם, וואָס אינם רעוואָלוציאָנערן פּאַרלאַמענט האָט געהערשט דער גייסט פון די לעגיסטן, איז געווען אוממעגלעך צו שאַפן

פעסטע און דויערהאפטע רעגירנדיקע אינסטיטוציעס. די קאָנסטיטואירנ־ דיקע פאַרזאַמלונג האָט טאַקע באַזייטיקט די גייסטליכע און דעם אַדל, אָבער זי האָט ניט געזאָרגט, אַז נייע קערפּערשאַפטן זאָלן איבערנעמען די סאָציאַלע פונקציעס פון דער אַלטער מאַכט, וועלכע האָט ניט אַנטשפּראָכן די פאָדערונגען פון די נייע צייט־פאַרהעלטעניש. אין דער הינזיכט האָט די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג גאָרניט אויפגעטון, אַזוי, אַז מיט דער צייט האָבן די אינסטיטוציעס פון דער אַלטער מאַכט ווידער אויפגעלעבט.

סען־סימאָן האָט פאַרגעוואָרפן דער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג און דעם קאָנווענט, אַז באַם אָרגאַניזירן דאָס נייע סאָציאַלע דאָזיין האָבן זיי זיך ניט באַנוצט מיט די מיטלען פון דער ציוויליזאַציע און זיך באַמיט בלויז אויפצולעבן די אַלטע איינריכטונגען. דאָס איז געווען אַ גרויסער חסרון און דערפאַר טאַקע איז ניט פאַרענטפערט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע. וואָס שייך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, איז די סבה געווען פאָלגנדיקע: די רעוואָלוציע האָט באַזייטיקט דאָס פעאָדאַל־טעאָלאָגישע סיסטעם, אָבער זי האָט ניט געהאַט געגוג מיט צו שאַפן נייע איינריכטונגען, וועלכע זיינען געווען נויטיק פאַר אויפהאַלטן די רעוואָלוציע און מיט דעם דערקלערט זיך, פאַרוואָס דער סאָציאַלער קאָנפליקט, וואָס האָט גורם געווען די רעוואָלוציע האָט ניט באַקומען זיין פּאָזיטיווע לייזונג. צוויי מאַכטן האָבן געקעמפט צווישן זיך, געשטרייט איינע מיט דער צווייטער; אינם סאָציאַלן לעבן האָבן אויפגעוואַקסן נייע גרופּירונגען און מ'האָט געקענט פאָראויסזען, אַז עס וועט קומען צו פיל קאָמפּליקאַציעס און פאַרפּלאָנטערנישן.

דער הויפּטקלאַס, וואָס האָט געקעמפט פאַר דער מאַכט, זיינען געווען די פעאָדאַלן. די רעוואָלוציע האָט ארויסגעריסן פון זייערע הענט די פּאָ־ ליטישע מאַכט, אָבער וויבאַלד דער רעוואָלוציע־שטורם איז אריבער, האָבן זיי ווידעראמאל אנגעהויבן צו פּרעטענדירן אויף זייערע אַמאָליקע רעכט. דער פעאָדאַליזם איז אַנטשטאַנען אויף די חורבות פון דער רוימישער מלוכה און סען־סימאָן האָט אים געהאַלטן פאַר אַ נויטיקן עטאַפּ אין דער געשיכטלעכער און געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אינם קאַמף פון פעל־ קער, קאָלעקטיוון און יחידים איז אויסגעוואַקסן די נויטווענדיקייט צו פאַר־

מיידיקן די שוואַכע קעגן די שטאַרקערע און פון דעם האָט זיך געשאַפן אַ באַשטימטער סאַכאַקל פון רעכטלעכע פאַרהעלטענישן, וועלכע האָבן ארומגעפּאַסט דעם מענטשן און די געזעלשאַפט אין אַלע אלגעמיינע דערשיינונגען און אינטערעסן.

סען־סימאָן האָט געהאלטן, אַז דורך צוויי מיטלען קען אַ לאַנד זיך באַרייכערן: דאס ערשטע מיטל איז דער אופן פון פירן מלחמות, אנזאַמלען קאָסטבארע חפצים און א צווייטער מיטל איז רייך צו ווערן דורך פרידלעכער פּראָדוקטיווער אַרבעט. אָפּהענגיק, פון וואָס פאַר אַ מיטל דאס לעבן איז באהערשט, אַזוי געשטאַלטעט זיך אויך די געזעלשאַפטלעכע ארדנונג. אין אַ פאָלק, וועלכעס איז אָרגאַניזירט לויט איינעם פון די ביידע מיטלען, בילדעט די ריכטיקע פּאָליטישע אסאציאציע; אָן איינעם פון די מיטלען איז אַ פאָלק נאָר אַ קבוץ פון פּערזאָנען, געגליכן צו אַ ווערימל אָן אַ נאָמען; בלויז צוויי פאָרמען פון קאָנסטיטוציעס זיינען מעגלעך: אַ מיליטערישע און אַן אינדוסטריעלע.

אין די מיטלאַלטערלעכע צייטן האָט געהערשט דער מיליטערישער קלאַס. די טרעגער פון דעם קלאַס איז געווען דער אַדל און אין געוויסע הינזיכטן האָבן זייערע אויפגאַבן, לויט סען־סימאָנס מיינונג, געטראָגן אַ וויכטיקן סאָציאַלן כאַראַקטער. כדי דער אַדל זאָל קענען פאַרווירקלעכן די גענומענע אַף זיך אויפגאַבן, האָבן זיינע מיטגלידער געמוזט דורכמאַכן אַ ספּעציעלע און שווערע דערציאונגס־שול, איבנדיק זיך אין מיליטערישער קונסט. אבער אין משך פון דער צייט האָבן זיך אנגעהויבן ענדערן די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און ניט לטובת דעם אַדל־קלאַס. די פּולווער־דערפינדונג האָט צונישט געמאַכט דאָס אַלטע מלחמה־סיסטעם און די אנטוויקלונג פון די וויסנשאַפטן און אינדוסטריעס האָבן בהדרגהדיק אַרויסגעשטויסן די אריסטאָקראַטיע פון אירע סאָציאַלע פונקציעס. אַף אזא אופן האָט דער אַדל־קלאַס אנגעהויבן אויך צו פאַרלירן זיינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, בלייבנדיק אין דערזעלבער צייט דער אייגנטימער פונם באָדן און דורך דעם האָבן זיי אויסגעאיבט זייער איינפלוס אַף דער געשטאַלטונג פונם פּאָליטישן לעבן. מיט אַ פּראָדוקטיווער טעטיקייט האָט זיך דער אַדל־קלאַס ניט פאַרנומען, האָבן זיי די גאַנצע ענערגיע פארטאַכליוועט אַף פּערזענ־

לעבע תענוגים און אפן באַפרידיקן זייערע תאוות. אַזאַ אופן לעבן האָט מיט דער צייט געמוזט ברענגען צו דעמאָראַליזאַציע און דעגענערירטקייט. אַזוי, אַז די אַריסטאָקראַטיע, ווי אַ סאָציאַל־הערשנדיקער קלאַס האָט פשוט פארלוירן יעדע פיזישע מעגלעכקייט קענען זיך אַנטקעגנשטעלן דעם סאָציאַל־אויפשטייגנדיקן קלאַס פון די אינדוסטריעלער, וועלכער איז געווען פריש אין מוט און שטאַרק אין כוח. די רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ סוף צום אַדל־קלאַס סאָציאַל, מיליטעריש און עקאָנאָמיש און ראָך האָט די פּאַרטיי, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די אינטערעסן פון די פעאָדאַלן געהאַט אַן איבערגעוויכט איבער אַלע אַנדערע סאָציאַלע גרופּן און געמאַכט אַלע אַנשטרענגונגען אויפצולעבן דאָס פריערדיקע אַלטע פּריווילעגיע־סיסטעם. דער גייסט פונם פעאָדאַליזם, אָדער ווי סען־סימאָן האָט זיך אויסגעדריקט, די רעטראָגראַדע מיינונג האָט ווידער באַקומען אַ ווירקונג און אַ דאַנק דעם האָט די אינדוסטריע באַגעגנט שטערונגען אפן וועג פון איר אַנטוויקלונג. סען־סימאָן האָט געוואָלט אויסגעפונען די סבה, פאַרוואָס דער רעגירנדיקער שיכט פון אַ צעשטערטער סאָציאַלער אָרדנונג האָט ווידעראַמאָל אָנגעהויבן צו פּרעטענדירן אַף דער מאַכט, — ער איז ניט געווען איינשטימיק, אַז די סבה זאָל קלוימערשט זיין אין דעם, וואָס די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך פאַר דער איינציק־באַרופענער אָנצופירן מיט אַלע סאָציאַלע אָנגעלעגנהייטן, ער האָט געהאַלטן, אַז די סבה דאַרף מען זוכן פיל טיפער. אין גרויב איילעניש האָט די רעוואָלוציע פשוט פאַרגעסן צו מאַכן אַ סוף צו די פעאָדאַליסטישע רעשטלעך און איבערבלייבעכצן און גלייכצייטיק האָט מען אויך ניט געזאָרגט פאַרן אָרגאַניזירן נייע און פעסטע מלוכה־אַנשטאַלטן, וואָס זאָלן זיין מסוגל און ביכולת צו פאַרבייטן די אַלטע סאָציאַלע אָרדנונג. אין די פאָדערונגען פון דער רעאַקציאָנערער אַריסטאָקראַטיע איז געלעגן אַ טיפער זין: זיי האָבן אָנערקענט, אַז די דרינגענדיקסטע און נויטווענדיקסטע באַדערפעניש פון דער צייט איז אויפצושטעלן אַ סיסטעמאַטישע קאָנצעפּציע פאַרן יסוד פון רעאָרגאַניזירן די געזעלשאַפט.

צוזאַמען מיט דער אַריסטאָקראַטיע, האָבן אויך די גייסטלעכע אָנגעהויבן פּרעטענדירן אַף זייערע אַמאָליקע רעכט און שטעלונג אין דער געזעלשאַפט. אָבער אַף די גייסטלעכע האָט סען־סימאָן אויסגעפונען אַ זכות־

אבות; ער האָט געהאַלטן, אַז זיי האָבן אויסגעפּילט זייער חוב און זיינען געווען געטריי די אידעאַלן פונם פאָלק. אין דעם זין האָבן אפילו די נידריקערע שיכטן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די גייסטלעכע, אָבער דיזעלבע שיכטן האָבן פיינט געהאַט תכלית־שנאה דעם קלויסטער, ווייל דער לעצטער האָט זיי באַוואולט מיטן ארויפלייגן גרויסע שטייערן און געפּריידיקט, אַז מ׳טאָר זיך ניט אַנטקעגנשטעלן די רייכע און פּריווילעגירטע. אַזאַ באַציאונג האָט דערגענערירט די גייסטלעכע מאָראַליש און אינטעלעקטועל. שולדיק אין דעם איז געווען די אָפיציעלע מלוכה־רעליגיע, — דער קאַטאָליציזם, וועלכער האָט געהערשט אומאָפּהענגיק פון דער וועלטלעכער מאַכט. דער קאַטאָליציזם האָט ניט געשאַנעוועט קיינע פּרינציפּן און להלוטין איגנאָרירט די סאָציאַלע מאַכט.

דאָס לעבן איז באַהערשט פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, און אין דעם האָט סען־סימאָן באַשולדיקט ניט דעם יחיד, נייערט די קולטורעלע פאַרהעלטענישן, אָבער לסוף האָט ער געטיילט אַף באַשטימטע סאָציאַלע גרופּן. דעם אַדל־קלאַס האָט ער אָנגערופן „הולטאַיעס, וואָס דאַרשטן נאָך כבוד", און צוזאַמען מיט די גייסטלעכע האָט ער זיי באַטיטלט מיטן נאָמען „בלוטזויגערס".

צום אַדל־קלאַס און גייסטלעכע האָט זיך אויך באַהעפט דער אַזוי־גערופענער נאַפּאָלעאָנישער מיליטערישער אַדל. די דריטע גרופּע איז געווען אַן איבערבלייבעכץ פון די געשיכטלעכע געשעענישן, אַ פּראָדוקט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע האָט געשטרעבט איינצופירן אַ ליבעראַלע אָרדנונג, וואָס זאָל שטיצן די אינטערעסן פון דער אינדוסטריע און האַנדל און זאָל אויסמיידן די אומבערעכנדיקע מלחמה־אַוואַנטורעס, אָבער דער אַדל־קלאַס און די גייסטלעכע האָבן זיך ווידערגעשטעלט דעם ליבעראַליזם, — צוליב דעם, ווייל זיי זיינען ארויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע פּאָזיציעס. דער אַדל־קלאַס האָט באַוויזן אַריינצוציען אין קאַמף אַ טייל פון די אייראָפּעאישע פעלקער, וועלכע האָבן זיך פעסט געהאַלטן באַם פעאָדאַלן סיסטעם. מ׳האָט אַרומגערינגלט פראַנקרייך פון אַלע זייטן אין דאָס האָט געבראַכט צו אַן אינערלעכער מלחמה־באַגייסטערונג. די אינדוסטריעלער האָבן געמוזט באַוואָפענען די סאָלדאַטן, זיי דערנערן און באַ-

קליידן; אַף דעם חשבון האָבן זיך אנגעהויבן צו באַרייכערן די העכערע מיליטערלייט און די ליפעראַנטן פאַר דער אַרמיי. אין רעזולטאַט האָט עס געבראַכט גרויסע שאָדנס דער אינדוסטריע; האָבנדיק אין איר רשות קנאַפּ מיטלען, האָט די רעגירונג מאָנאָפּאָליזירט דעם האַנדל מיט קאָלאָניאַלע סחורות, איינגעפירט מאַקסימאַלסטע טאַריף־אָפּצאָלן און רעקווירירט סחורות. סען־סימאָן האָט געהאַלטן, אַז די איינציק־שולדיקע אין אַזאַ לאַגע זיינען געווען ראַבעספּיער און נאַפּאָלעאָן; מיט זייערע פּלענער און פּאָליטיק האָבן זיי געבראַכט דערצו, אַז אַ טייל פון די אייראָפּעאישע מלוכות האָבן זיך אַריינגעריסן אין די גרעניצן פונם לאַנד, — דאָס באַפרייטע פראַנקרייך איז ניט געווען ביכולת אויסצוהאַלטן אַזאַ ווידערשטאַנד און איז געפאַלן.

געפאַלן איז אויך נאַפּאָלעאָן, אָבער דער נאַפּאָלעאָנישער אַדל־שיכט איז ניט פאַרשוואונדן. בכלל איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: אין די נאַפּאָלעאָן־צייטן איז דער אַלטער אַריסטאָקראַטישער קלאַס געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיטן נאַפּאָלעאָנישן אַדל, אָבער האָט זיך נאָך אנגעהויבן די רעסטאַווראַציע, דער אומקער צום אַלטן, האָט די אַריסטאָקראַטיע איבערגעריסן מיטן נאַפּאָלעאָנישן אַדל און יעדער שיכט באַזונדער האָט אנגעהויבן צו פאַרפאָלגן זיינע אייגענע אינטערעסן. די אַלטע אַריס־טאָקראַטיע האָט געהאָפט רעסטאַווּרירן דאָס אַלטע אין דער פאָלסטער־מאָס, ווידער דער נאַפּאָלעאָנישער אַדל, ניט קענענדיק באַקומען אַ שטיקל פּלאַץ בײַם קעניגלעכן טיש, איז ער געוואָרן דער מיליץ־יושר און פּאַרטייִ־דיקער פונם פאָלק, כאָטש פריער האָט ער דאָסזעלבע פאָלק אונטערדריקט. די ביידע פּאַראַזיטאָרישע שיכטן האָבן אַף פאַרשידענע אופנים געזוכט אויסצונוצן די פּאָליטישע מאַכט, און דער תחית־המתים פון אַזעלכע צוויי שיכטן איז פאַר סען־סימאָנען געווען דער בולטסטער באַווייז, אַז די רע־וואָלוציע, וועמענס קולטור־היסטאָרישע אויפגאַבע איז באַשטאַנען אייַנ־ברענגען אַ נצחון פאַר דער וויסנשאַפט און אינדוסטריע, איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, געוואָרן צו־נישט. אַ דאַנק דעם האָט זיך ווידעראַמאָל געמוזט צעפלאַקערן דער קאָנפליקט צווישן צוויי קעמפנדיקע קולטור־עפּאָכן, און וועלכע עס איז געבוירן, אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן די פראַנצויזישע

רעוואלוציע.

אויך די לעגיסטן און מעטאפיזיקער האבן ווידער אנגעהויבן זייערע קריטישע ארבעטן. לויטן אינהאלט, איז דאס באגינענדיקע ניינצנטע יארהונדערט געווען א המשך פונם אכטצנטן. איבעראל האט געהערשט דער גייסט פון צושטערונג. דערזעלבער גייסט האט פאלקאם באהערשט די ליטעראטור; די סאציאלע כוחות האבן געווירקט אן א שום פלאנמעסיקייט און דאס גאנצע לעבן האט זיך געפונען אין א צושטאנד פון וואולקאנישע אויסברוכן. אין די פאליטישע מיינונגען און אנשויאונגען האט געהערשט א כאאס; אין באטראכט האט מען גענומען ניט דאס עקזיסטירנדיקע און געגעבענע, נייערט מ׳האט געבלאנדזשעט אין א תהום פון אבסטראקטע אידייען. די שולדיקע אין דעם אלעמען זיינען געווען די מעטאפיזיקער און לעגיסטן, ווייל זיי האבן זיך באשעפטיקט בלויז מיטן אויסערלעכן, מיט ווערטער און פרינציפן, איגנארירנדיק לחלוטין די ווירקלעכע באדינגונגען און טאטזאכן. אזא באציאונג מצד די מעטאפיזיקער און לעגיסטן האבן געפירט צום אבסטראקטן, כימערישן, און ניט צום אויפדעקן די באוועגונגס־געזעצן, לויט וועלכע די געשיכטע אינסטרואירט זיך און לויפט איר וועג. סען־סימאן האט געשטרעבט אויסצומיידן די אלע אויבן־אנגעוויזענע טעותים; כדי עס צו דערגרייכן האט ער אפגעווארפן די פלפולים מיט די מעטאפיזיקער, — ער האט זיך באמיט פארצושטעלן די געשעענישן, ווי זיי קומען פאר, האלטנדיק, אז דאס איז דער איינציקער וועג, וואס פירט צום אנטדעקן דעם אמת פון די טאטזאכן און די ווירקלעכע יסודות, אויף וועלכע עס באזירט זיך די געשיכטע.

אין די צייטן, וואס סען־סימאן האט געווירקט, האט זיך אין פראנקרייך שטארק צובליט דער ליבעראליזם. סען־סימאן האט געהאט צום ליבעראליזם א נעגאטיווע שטעלונג, ווייל זיין טרעגער איז געווען דער מיטלשטאנד, וועלכער האט ניט פארמאגט קיינע פעאיקייטן צו האלטן אין א גלייכגעוויכט די סאציאלע באציאונגען. דער מיטלשטאנד האט מיט זיך פארגעשטעלט א מין ערב־רב, צוזאמענגעשטעלט פון לעגיסטן, גלחים, האנטווערקער, הענדלער, אונטערנעמער, ארבעטער און ענדלעך אויך די בורזשואזיע, וואס האט ארויפגעזעצט נאפאלעאנען די פראנצויזישע קרוין.

סען־סימאָן האָט קיינמאָל ניט איבערשאַצט דעם פראַנצויזישן ליבעראַליזם:
ער האָט אנגעוויזן, אַז דער פראַנצויזישער ליבעראַליזם האָט געשטרעבט
צום באַזייטיקן די עקזיסטירנדיקע רעגירונג, אבער אויסשליסלעך כדי צו
פאַרנעמען איר ארט און ניט מער. דאס מערקווירדיקסטע איז, וואָס מיט
אזעלכע געדאנקען האָבן זיך ארומגעטראָגן בלויז די פירער, בעת די מער־
הייט פון די ליבעראַלן האָבן אונטערגעשטיצט די אַלטע אָרדנונג און אי־
רעגירונג. פון דעם נעמט זיך אויך, פאַרוואָס סען־סימאָן האָט ניט גע־
גלויבט, אַז דער ליבעראַליזם וועט זיין ביכולת צו געשטאַלטן א נייע סאָ־
ציאַלע אָרדנונג. די אויפגאַבע פונם ליבעראַליזם איז געווען זייער א באַ־
גרעניצטע: ער האָט געהאַט צו פאַרניכטן די מיטלאַלטערלעכע אָרדנונג, —
מיט דעם האָט זיך געענדיקט זיין היסטאָרישע שליחות, און ער האָט באַ־
דאַרפט אָפּרוימען דעם וועג פאַר דער אינדוסטריע, ווייל זי, — די אינ־
דוסטריע, — איז געווען די איינציק־באַרופענע צונויפצוזאַמלען אַלע פאָלקס־
כוחות און שאַפן אַן אידעאַלע פאָרם פון אַזאַ סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע,
וואָס זאָל באַשענקען די וועלט מיט א נייעם געזעלשאַפטלעכן דאַזיין.

אונטערן באַגריף „אינדוסטריע" האָט סען־סימאָן פאַרשטאַנען יעדע
סאָציאַל־נוצלעכע אַרבעט. מיט אַזאַ דעפיניציע האָט ער ארומגענומען ניט
בלויז דאס אויסארבעטן און פאַראַרבעטן פון פאַרשידענע שטאָפן, נייערט
אויך לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטן, האַנדל, וויסנשאַפט און קונסט. די
וויסנשאַפטלער זיינען די „אינדוסטריעלער פון דער טעאָריע", און די פּראָ־
דוצענטן זיינען „די קענער פון פּראַקטישע אַרבעטן". סען־סימאָן האָט צו־
זאַמענגעבונדן די וויסנשאַפט מיט דער אינדוסטריע דורכן גייסט פון דער
סאָציאַלער עקאָנאָמיע און דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז ניט בלויז די אונ־
טערנעמער און גייסטיקע זיינען די פירער פון אַ פאָלק, אַז ניט בלויז די
וויסנשאַפטלער און קינסטלער זיינען די טרעגער פונם נייעם קולטורעלן
כוח — פון דער אינדוסטריע, נייערט אפילו די וואָס זיינען אונטערגע־
וואָרפן און אָפּהענגיק פון דער אינדוסטריע האָבן אויך דעמזעלבן סאָציאַלן
ווערט, ווי די אַנדערע.

האַלטנדיק זיך בײַ אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט סען־סימאָן געשטרעבט צו
דערווייזן, אַז אַלע וועלט־פעלקער שאַפן גרויסע אינדוסטריע־געזעלשאַפט־

און אז די אינדוסטריע איז דער צענטראַלער פּונקט פון אַלע סאָציאַלע כוחות, וואָס דרינגען דורך אַלע פאַרשידענע פאָרמען פונם לעבן. די אַרבעט־צוטיילונג האָט לחלוטין פאַרענדערט די סאָציאַלע באַציאונגען. אין די ערשטע תקופות פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט זיינען מענטשן געווען אָפּהענגיק איינע פון די צווייטע אין אַ ריין־אינדיווידועלן זין, בעת באַ אַן אַנטוויקלטער אינדוסטריע ווערט דער יחיד אָפּהענגיק פונם כלל. פאַר אַ ביישפּיל האָט ער גענומען פראַנקרייך, ענגלאַנד און האָלאַנד, — לענדער, וואָס האָבן די ערשטע אַנטפּלעקט דעם פּראָצעס פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגען און אויף דעם סמך האָט ער אַנגעוויזן, אַז די פּאָליטיק פון אַ לאַנד איז אָפּהענגיק פון די הערשנדיקע עקאָנאָמישע פּרינציפּן.

צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע איז אויך געבוירן געוואָרן אַ באַדערפעניש צו פרייהייט און וואָס גרעסער די אינדוסטריע האָט זיך צעוואַקסן, אַלץ שטאַרקער האָט זיך די פרייהייט פאַרפעסטיקט. אַ דאַנק דער סבה זיינען די פּאָליטישע פּרינציפּן אין אַלע עקאָנאָמיש־אַנטוויקלטע לענדער אייגנאַרטיק אַנטוויקלט, אָבער יעדעס לאַנד שטרעבט איבערצושטייגן דעם שכן און אויב אַמאָל איז עס געווען אָפּן מיליטערישן געביט, — האָט זיך דאָסזעלבע אַריבערגעטראָגן אויך אָפּן עקאָנאָמישן. אַזאַ דערשיינונג האָט געבראַכט סען־סעמאָנען צו דער איבערצייגונג, אַז די סאָציאַלע עקאָנאָמיע און פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן זיינען דער יסוד פונם נאַציאָנאַלן וואוילשטאַנד און דערפאַר האָט געמוזט דער פעאָדאַליזם און קאַטוילישע רעליגיע אַראָפּ פון זייערע הערשנדיקע פּאָזיציעס. די געשיכטע האָט בולט באַוויזן, אַז מיטן פאַרשטאַרקן זיך פון דער אינדוסטריע האָט זיך פאַרגרעסערט דער קולטורעלער באַשטאַנד פון די איינצלנע לענדער און פעלקער. דער פאַרבאַנד פון די דייטשע האַנזאַשטעט, די נידערלענדישע פאַראייניקונג, דאָס ענגלאַנד פון זיבצנטן און אַכטצנטן יאָרהונדערט, די איטאַליענישע שטאָט־מלוכות, — אַלע האָבן זיי מיט זייער פּאָליטישן איבערגעוויכט צו פאַרדאַנקען דער פאַרענדערונג פון די סאָציאַלע יסודות.

די אינדוסטריע איז געוואָרן אַ כוח, וואָס האָט זיך געמאַכט אַלעם און אַלעמען אונטערטעניק. זי איז געוואָרן אַ יסוד צו באַפרידיקן אַלע

הצטרכותן, אנהויבנדיק פון די מלוכה־פינאנצן, קולטור־נויטווענדיקייטן
ביזן פירן מלחמות, און דאָ האָט סען־סימאָן געוואָלט אויפדעקן און קלאָר
מאַכן, אַז דער כוח פון א לאנד איז ניט אין זיינע חילות, נייערט אין אַן
אַנטוויקלטער אינדוסטריע. נאָר מיטן כוח פון דער אינדוסטריע ווערן פאב־
ריצירט פולווער, געווער, קאנאנען, אמוניציעס און דער מענטש שפילט
דערביי אַ געהילפס־ראָל. די אינדוסטריע איז א גוואלדיקע מאַכט און פון
איר סאציאלער באדייטונג מוז זי זיין באהעפט מיט דער פאליטישער
מאַכט, אבער געווען איז עס ניט אַזוי, ווייל אדאנק די סאציאלע פרינציפן
האָט זיך די איינהייטלעכקייט פונם סאָציאַלן לעבן צושפאלטן אין צוויי
בתירותדיקע טיילן: איין טייל איז געווען די אינדוסטריעלע פאָלקס-
פאַריניקונג, און דער צווייטער טייל איז געווען דער פאליטיש־הערשנדיקער
קלאַס, א דורכגעדרינגענער מיטן פעאדאלן גייסט. אף אזא אופן איז די
אינדוסטריע, — דער פאקטאר פון שאַפן אוצרות און רייכטימער, — גע־
וואָרן אַ ווערקצייג אין די הענט פון אַ שיכט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט
מיט זיין אבערגלויבערישקייט, פוסטקייט, פוילקייט און פארשווענדערישן
לעבן.

סען־סימאָן איז געקומען צום אויספיר, אַז די אינדוסטריעלער זיינען
די נאַציאָנאַלע פאַרטיי, וואָס נעמט אַרום אלע ארבעטנדיקע עלעמענטן.
ווידער, אלע אנדערע, וואָס לייסטן ניט קיין פראָדוקטיווע ארבעט פאר
דער געזעלשאַפט, האלטן זיך באַ פאָליטישע אנשויאונגען, שעדלעכע פאַר
דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און שטעלן זיך פאַר אַ צוועק אוועק־
צורויבן פון די אינדוסטריעלער זייערע סאָציאלע ווערטן, זיינען אנטי־גע־
זעלשאַפטלעכע עלעמענטן און דארפן באַזייטיקט ווערן פון יעדער מלוכה-
פאַרוואַלטונג.

סען־סימאָן האָט דער ערשטער אנגעוויזן אף דער פאָליטישער און סאָ־
ציאלער באדייטונג פונם אינדוסטריעלן קלאס און האָט דרך־אגב זיך גע־
שטעלט פאַר אַן אויפגאבע ברענגען דעם קלאס צו א דערוואכטן זעלבסט־
באוואוסטזיין. ער האָט געפאדערט, אז אלע אינדוסטריעלער זאָלן זיך צו־
זאמענשליסן אין איין גרויסער פארטיי און אנהויבן א קאמף פאר פאָלי־
טישע און סאציאלע רעכט, אבער, כדי דער קאמף זאל ברענגען די גע־

וואונטשענע רעזולטאַטן, האָבן די אינדוסטריעלער זיך באַדאַרפט פאַרייניקן מיט די וויסנשאַפטלער, — ערשט דאַן וואָלט זיך געשאַפן אַ מעכטיקע, ווידערשטאַנדפעאיקע פאַרטיי, באַרופן צום פאַרווירקלעכן די אויפגאַבן, וועלכע די געשיכטע האָט ארויפגעלייגט אויפן אינדוסטריעלן קלאַס.

כדי דער דערפאָלג פונם קאַמף זאָל זיין אַ געזיכערטער האָט סען־סימאָן געראַטן די אינדוסטריעלער זיך אָפּטיילן פון די ניט-פּראָדוצירנדיקע עלעמענטן, די אינדוסטריעלער גופא וואָלטן זיך באַדאַרפט באַפרייען פון זייער פּאָליטישער אַפּאַטיע און ניט אויף שתדלנות־וועגן בעטן פאַר זיך די רעכט, וועלכע מ'האָט בײַ זיי אוועקגערויבט. סען־סימאָן האָט גערופן די אינדוסטריעלער צום דירעקטן קאַמף און אָנגעוויזן, אַז מ'מוז זיך באַ־פרייען פון די סאָציאַלע פּאַראַזיטן. דאָס אַלעס קען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דאַן, ווען די אינדוסטריעלער וועלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ פּאָליטישער־פּאַרטיי מיט אויפגאַבן, קעגנזעצלעכע דעם ליבעראַליזם. די נייע פּאַרטיי, וואָס דאַרף הייסן „אינדוסטריאַליזם" וועט ברענגען דעם נצחון, ווייל אין זיי, אין די אינדוסטריעלער, איז דער כוח פונם ציוויליזאַציע־פּראָגרעס, — אַ כוח, וואָס איז ווידערשטאַנדספעאיק קעגן יעדן אָנגריף.

סען־סימאָן האָט געוואָלט ארויסרופן צום לעבן אַ פּאַרטיי פון אינ־דוסטריאַליזם, ווייל די אינדוסטריע און וויסנשאַפט זיינען געוואָרן אַ יסוד פון אַ נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ; אין דעם איז אויך די סבה, פאַרוואָס דער פעאָדאַליזם האָט געמוזט פאַרשווינדן, און צוזאַמען מיט אים די סאָציאַלע אָרדנונג, צו וועלכער דער פעאָדאַליזם האָט פאַראורזאַכט. עס איז פאַר־שטענדלעך, אַז אַזאַ מין ענדערונג פון פּרינציפּן און יסודות האָט געמוזט פירן צו אַ סאָציאַלן קריזיס, — דער קריזיס איז געווען אַ נאַטירלעכער פועל־יוצא פון איבערגיין פונם פעאָדאַל־טעאָלאָגישן צום אינדוסטריעל־וויסנשאַפטלעכן סיסטעם, וואָס האָט אָנגעהויבן צו באַהערשן אַלע פאָרמען פונם סאָציאַלן לעבן, און אָט אין דער איבערגאַנגס־צייט איז פאָרגעקומען אַ קאָנפליקט צווישן צוויי אַנטאַגאָניסטישע שיטות, צווישן צוויי פּרינ־ציפּן, — אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך צוגעגרייט אין משך פון יאָרהונדערטן און האָט סוף כל סוף געמוזט קומען צו זיין אַנטגילטיקסטן און שאַרפסטן ווענדפּונקט.

דער קאנפליקט האָט זיך פארוואנדלט אין אַ שטאַרקן ווידערשטאַנדס־קאַמף. דאס אינדוסטריעל־וויסנשאַפטלעכע סיסטעם האָט געמאכט איין אנגריף נאָכן צווייטן, און דאס טעאלאגיש־פעאדאלע סיסטעם האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט די אנגריפן מיטן גאנצן כוח, וואָס שאפט זיך אין א נויט־צושטאַנד. דעם צושטאַנד האָט סען־סימאָן באצייכנט, ווי א מין עקזיסטירן פון צוויי סיסטעמען, פון וועלכע די איינע איז שוין פארעלטערט און האלט באם פאַלן און דאס צווייטע, ווערנדיק רייף, שטרעבט צו פאַרנעמען דאָס אָרט פונם פאַרעלטערטן און אפשטאַרבנדיקן סיסטעם. אבער פארלויפיק, בעת ס'האָט זיך אפגעשפילט דער קאמף צווישן דיביידע סיסטעמען, האָט זיך געשאפן א ספעציפישע פוסטקייט אָן אינהאלט, אָן אידייען. מ'האָט געמוזט אנפילן דאס סאציאלע לעבן מיט אַ באַנייטן און נייעם אינהאלט. מ'האָט געמוזט שאַפן נייע מאראלישע אידייען, — האָט מען געמוזט אויסגעפונען דעם כוח, וואָס זאל ווירקן פאר דער באַנייאונג, פאר אַ רעאָרגאַניזירן דאס סאציאלע לעבן און מענטשלעכע געזעלשאַפט אף נייע יסודות; — איז סען־סימאָן געקומען צו דער ריכטיקער צייט: ער האט אנגעוויזן, אַז דאָס וויסנשאַפטלעך־אינדוסטריעלע סיסטעם וועט זיין דער כוח, וואָס פירט צו א רעארגאניזירן די מענשהייט אף שפאָגל־נייע יסודות.

אין באציאונג צום וויסנשאפטלעך־אינדוסטריעלן סיסטעם איז סען־סימאָן געווען זייער פאָרזיכטיק; ער האָט אנגעוויזן, אז די סאציאלע אָרדנונג, געשטיצט אף אזעלכע צוויי דערשיינונגען, ווי די אינדוסטריע און וויסנשאַפט דארף שאַרף אָפּגעטיילט ווערן פון די פארשידענע פאָליטיש־מלוכהשע קאנסטיטוציעס. צו פאָליטישע קאנסטיטוציעס האָט סען־סימאָן געהאט אַ באַזונדערע שטעלונג; ער האָט געהאלטן, אַז אַ פאָליטישע קאנסטיטוציע איז בלויז אַ מיטל צו אַ רעפארם, אבער ווייט ניט די רעפארם גופא און דערפאר האָט ער אזוי שטאַרק פארטיידיקט דעם שטאַנדפונקט, אַז יעדער פאָליטישער רעזשים, — אַ רעפרעזאנטיווער, קאָנסטיטוציאָנעלער אָדער פאַרלאַמענטאַרישער, — איז כלל ניט דער ציל און צוועק פון אַ סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע. אַלע סיסטעמען האָט ער געהאלטן פאר איבערגאַנגס־פעריאָדן, וואָס וועלן ערשט פירן צו דער ריכטיקער קינפטיקער געזעלשאפטלעכער ארדנונג. סען־סימאָנס שטאַנדפונקט איז געווען פאָלגנ־

דיקער: די קאָנסטיטוציע פון אַ מלוכה, פאַרווירקלעכט אין אַ פּאַרלאַמענ־
טאַרישן רעזשים, קען ניט זיין קיין סאָציאַלער אידעאַל, — אַ פּאַרלאַמענ־
טאַרישער רעזשים איז בלויז אַ מעגלעכקייט און גלייכצייטיק אַ ליידיקע
פאָרם, אין וועלכער מ׳דאַרף אריינגיסן אַן אינהאַלט, וואָס פאַרמאָגט כּוח
און אַ לעבנס־וואַרימקייט. אַ געזעלשאַפט קאָן זיך בויען אויף פעסטע פונ־
דאַמענטן אויסשליסלעך באַ קלאָרע אייגנהייטלעכע פּרינציפּן, צוגעפּאַסטע
צו א באַשטימטער טעטיקייט אין א געוויסער ריכטונג, און די פּאָליטישע
פאָרם איז אַ מיטל צו פאַרווירקלעכן די צוועקן, צו וועלכע די פּרינ־
ציפּן פירן.

סען־סימאָן האָט געהאַלטן, אַז אַ קאָנסטיטוציע איז אַזוי לאַנג לע־
בנס־פעאיק ביז אירע יסודות געפינען זיך אין א פאַלקאָמענעם הסכּם מיט
די צייט־פאָדערונגען. ווילקירלעך אַרויסרופן צום לעבן געוויסע סיסטעמען
פון סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס איז אוממעגלעך, — מ׳קען בלויז אויפקלערן
און פאַרשפּרייטן אַן אינטערעס צו אידייען, — און אויך דאָס אליין איז
שוין א וויכטיקער ענין. אַ סאָציאַלע סיסטעם קען זיין אדער אַ טאַטזאַך,
אדער גאָרנישט.

אַזאַ איז דער וועג, אין וועלכן עס איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון
סען־סימאָנס סאָציאַלן געדאַנק. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט
אַנערקענט, אַז די נאַטירלעכע געזעלשאַפטס־אָרדנונג, ווי רוסאָ אָדער אַנ־
דערע אוטאָפּיסטן האָבן געפּרעדיקט, איז נאָך ניט קיין אַנטשיידונג פונם
סאָציאַלן פּראָבלעם. סען־סימאָנס פּלענער זיינען געגאַנגען פיל ווייטער און
זיינען געווען גאַנץ אַנדערע; די יסודות פאַר זיינע פּלענער האָט ער געשעפּט
פון די געשיכטלעכע געשעעענישן וואָס שאַפן, א דאַנק די געשיכטלעך־פילאָ־
זאָפישע רעפלעקסן אַ מעגלעכקייט פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען, אָבער
צוליבן גרויסן פאַרנעם האָבן זיך זיינע פּלענער פאַרוואַנדלט אין אַן אוטאָ־
פּיע, כאָטש זיין פּאָליטיק האָט זיך באַזירט אויף אַ רעאַלן יסוד פון אַ ריינ־
וויסנשאַפטלעכן פּאָזיטיוון כאַראַקטער. ער האָט אַנגעהויבן פון דער פּשוטער
נויטווענדיקייט צו רעגולירן די געזעלשאַפטלעכע טאַטזאַכן; ער האָט גע־
שטרעבט עס זאָל געשאַפן ווערן אַ נייע, סאָציאַלע קאָנסטיטוציע, וואָס זאָל
זיך סומך זיין אויפן פילאָזאָפישן אויסטייטשן דאָס געשיכטלעכע דאַזיין.

סען־סימאָנס געשיכטלעך־סאָציאַלער פֿאַרדינסט באַשטייט אינם אַרויספֿירן אַף דער ליכטיקער שיין די סאָציאַל־ווירקנדיקע כוחות, ווי וויסנשאַפֿט און אינדוסטריע, וועלכע מוזן זיך געפֿינען אין אַ שטענדיקער צווישן זיך האַרמאָניע, — כוחות, וועלכע האָבן, אנהויבנדיק פֿונם פֿינפֿצנטן יאָרהונדערט געפֿירט פֿון איין סאָציאַלער ענדערונג צו דער צווייטער, שאַפֿנדיק אַ צושטאַנד פֿון אַ דויערהאַפֿטן סאָציאַלן קריזיס, פֿון וועלכן די מענטשהייט וועט זיך באַפֿרייען נאָר אינם פֿאַל, ווען עס וועט אנטשטיין אַ נייע סאָציאַלע סיסטעם, געבויט אַף רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. אָבער ניט סען־סימאָן איז געווען דער דערפֿינדער פֿונם סיסטעם: אין משך פֿון יאָרהונדערטן האָט עס געטליט אין די ברענענדיקע סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן, און ער, סען־סימאָן, האָט עס אזוי באַגרינדעט און אנטוויקלט, אַז עס איז נאָר געווען נויטיק אַ קרעפֿטיקער שטויס צום פֿאַרווירקלעכן די אנטגילטיקע קאָנסטיטואירונג פֿונם סיסטעם.

קאַפּיטל פֿינף

סען־סימאָנס געזעלשאַפֿטלעכע אוטאָפּיע

סען־סימאָן איז געווען איבערצייגט, אַז בלויז אַפֿן סמך פֿון צוויי יסודות קען מען איבערבויען דאָס געזעלשאַפֿטלעך־סאָציאַלע סיסטעם: דורך דער וויסנשאַפֿט און אינדוסטריע.

ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז אַ האַרמאָנישע אנטוויקלונג פֿונם קולטורעלן לעבן איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען איין אַלגעמיינע אידייע פֿאַראייניקט אַלע אינדיווידואומס פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. אַזאַ אידייע איז ביכולת איינצוהאַלטן דעם סוביעקטיוון ווילקיר און צוימען דעם עגאָיזם פֿונם יחיד און פֿאַרמאָגט אויך גענוג כוח צוזאַמענצופֿאַסן אין איין אָרגאַנישער גאַנצקייט די פֿאַרשידענע סאָציאַלע גרופּן פֿון דער מענטשהייט. כמעט אין יעדן דור קען מען געפֿינען אַזאַ אַלגעמיינע צוזאַמענפֿאַסנדיקע אידייע. אין מיטלאַלטער איז אַזאַ אידייע געווען דאָס קריסטנטום; דאָס קריסטנטום איז געוואָרן אַ מאַכט, וואָס האָט באַהערשט גאַנץ אייראָפּע און ווען דאָס קריסטנטום האָט פֿאַרלוירן דעם צוזאַמענפֿאַסנדיקן

אויטאָריטעט, האָט סען־סימאָן געוואָלט אויסגעפינען אזא פרינציפ, וואָס זאָל זיין ניט־וויניקער שטאַרק פונם קריסטנטום. אַזאַ פרינציפ האָט ער געוואלט געפינען אין א נייער פילאָזאָפיע, וואָס זאָל שאַפן נייע גייסטיקע אוצרות. די נייע גייסטיקע אוצרות וועלן דארפן צעמענטירן דאס לעבן פון די יחידים, שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע אחדות, אבער אזא אחדות קען ווערן מעגלעך נאָר דאַן, ווען דאס לעבן וועט האָבן א יסוד אין אַלגעמיינע מאָראַלישע אידייען, איבעראַל און פון יעדן אנערקענטע און אין הסכם מיט די אלגעמיין־אנגענומענע וועלט־אנשויאונגען. עס דארף זיך אויסקריסטאַליזירן א נייע וועלט-אנשויאונג, ווי אַ מין סאָציאַליזירנדיקער אורפרינציפ, וואָס זאָל צוזאמענבינדן און פארפעסטיקן אין איין גאנצקייט אלע סאָציאַלע טיילן. די נייע וועלט־אנשויאונג דארף זיך בויען אף א נייער פילאָזאָפישער שיטה; די נייע פילאָזאָפישע שיטה דארף זיין אַ רעגוליאטאר ניט בלויז אין די באציאונגען צווישן יחידים, נייערט אויך אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון די פעלקער און נאָר באַ אזעלכע אומשטענדן וועט די גאנצע וועלט באהערשט ווערן פון אחדות. סען־סימאָן האָט זיך געגעבן רעכנונג, אַז קיינמאָל קען ניט עקזיסטירן אַ סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל ניט ארויסדרינגען פון די דאמינירנדיקע אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט וועלט־אנשויאונגען, ווייל יעדער סאציאלער רעזשים איז א פועל־יוצא פון אַ פילאָזאָפישן סיסטעם. דערפאַר איז אויך אוממעגלעך גרינדן אַ נייעם סאָציאַלן רעזשים, איידער עס שאַפט זיך ניט און עס ווערט ניט באַגרינדעט אַ נייע פילאָזאָפישע שיטה, וואָס זאָל דעם רעזשים אנטשפרעכן.

סען-סימאָן האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאבע צו שאַפן אַ פילאָזאָפישן סיסטעם, אף וועלכן עס זאָל זיך קענען שטיצן די קינפטיקע סאָציאַלע ארדנונג. דעם יסוד פאַר אַזאַ פילאָזאָפישן סיסטעם האָט ער געזוכט אין די פאָזיטיווע וויסנשאַפטן; ער האָט די וויסנשאַפטן געוואָלט פאַרייניקן אין איין גאנצעם און פון זיי שאַפן איין אלגעמיינעם סיסטעמאַטיזירטן סינטעז.

אנפירן מיט דער נייער סאָציאַלער ארדנונג דארפן די אינטעלעקטואלן; זיי דארפן זיך ווידמען דעם שטודירן און פאָרשן די פאָזיטיווע וויסנשאַפטן, זיך פאַרייניקן אין וויסנשאַפטלעכע אקאדעמיעס און פאַר־

וואַלטן איבער אלע גייסטיקע אנגעלעגנהייטן. דיזעלבע אינטעלעקטואלן פאַרנעמען זיך מיט גייסטיקן און מאָראַלישן דערציען די ברייטע פאָלקס־שיכטן און שאַפן דערצו די געהעריקע אָרגאַניזאציעס. דאס וועט זיין דערוועג צום באַזייטיקן דעם הערשנדיקן אינטעלעקטואַלן קריזיס; אויך וועלן די אינטעלעקטואלן האָבן די אויפגאבע איינצופלאַנצן אין יעדן יחיד די ליבע צום כלל.

אין אלע זיינע אויספירן האָט סען־סימאָן זיך סומך געווען אפן סאָציאַלן לעבן פונם מיטלאלטער. ער האָט אנגעוויזן, אז די סאָציאַלע איינהייט פונם מיטלאלטער האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ פּשוטן גייביקן בונד, — אַ זאַך, וואָס איז געוואָרן אוממעגלעך פאַר די אנדערע צייטן, מחמת, צוזאמען מיט דער גייסטיקער מאַכט איז אַנטשטאַנען אַ וועלטלעכע מאַכט מיט אַ כוח פון אינטערנאַציאָנאַלע פארבינדונגען און פאַרייניקונגען. ארויסגייענדיק פון אזא שטאַנדפּונקט איז סען־סימאָן געווען קעגן דעם, אַז די וויסנשאַפטלער אדער אינטעלעקטואלן זאָלן אויך אנפירן מיט די וועלטלעכע אנגעלעגנהייטן, — דאס רעגולירן די וועלטלעכע אנגעלעגנהייטן האָט באַדאַרפט אריבערגיין צו די פארטרעטער פון דער אינדוסטריע.

אגב, איז נויטיק צו וויסן, אַז דעם אויסדרוק „פאַרטרעטער פון דער אינדוסטריע”, האָט סען־סימאָן ניט גענומען אין זיין צוגלידערטן זין, ווי ער ווערט פאַרשטאַנען אין די מאָדערנע צייטן. אין אַזאַ אויסדרוק האָט סען־סימאָן אַריינגענומען אלע עלעמענטן, — ניט בלויז די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַן אינדוסטריעלער טעטיקייט, מיט אַ פּראָדוקטיוו־פּראָדוצירנדיקע־טעטיקייט, נייערט אויך די, וואָס גרינדן און פירן אָן מיט אַזעלכע אונטערנעמונגען, וואו עס ווערט אויסגענוצט און עקספּלואַטירט דער כוח פון די מאַסן. דעם אינדוסטריעלער, דעם אונטערנעמער האָט סען־סימאָן געהאַלטן פאַרן פאָרגעשריטענעם עלעמענט אין דער געזעלשאַפט און דערפאַר דאַרף זיך די מאַכט געפינען אין זייערע הענט, ווייל זיי זיינען די בקיאים אין די ענינים פון שפּאָרזאַמקייט, וואָס איז זייער וויכטיק באַם אָנפירן אַ מלוכה. דעם טערמין שפּאָרזאַמקייט האָט סען־סימאָן אָנגעווענדן מיט אַ כיוון: אין אַ געוויסער מאָס האָט ער מיט דעם געוואָלט צושטערן די

אַלטע עקאָנאָמישע פאָרמול וועגן רייכטום, פאַר וועלכן דער קאַפּיטאַל־פאַרמעגן און די אינדוסטריע זיינען נאַטירלעכע ווערקצייגן; די פאָרמול וועגן רייכטום האָט סען־סימאָן פאַרשטאַנען אף א גאַנץ אַנדער אופן, — ער האָט געהאַלטן, אַז רייכטום ווערט געשאַפן דורך אַרבעט און שפּאָר־זאַמקייט און פון דעם דרינגט אויך אַרויס אַן אונטערשייד אין די באַגריפן און דהיינו: קאַפּיטאַל און אינדוסטריע קענען ניט זיין א פּועל־יוצא פון רייכטום, ווייל בטבע איז דאָס רייכטום אפהענגיק פון צוויי פאַקטאָרן, — פון מענטשלעכער שפּאָרזאַמקייט און מענטשלעכער ארבעט און טאַקע דערפאַר האָט ער געהאַלטן, אַז די אינדוסטריעלער זיינען די איינציק־באַרופענע אנצופירן מיטן געזעלשאַפטלעכן און מלוכהשן לעבן, — צו אַזאַ איבערצייגונג איז סען־סימאָן געקומען ניט אויס א באַזונדערן קאָנסערוואַטיוון באַנעמען זאַכן און דערשיינונגען, נייערט פון א ריין־פּראַקטישן זין, — אין דער הינזיכט פון שאַפן פאָלקס־רייכטימער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז סען־סימאָן איז געווען נאַאיוו אין זיין איבערצייגונג, אַז די אינדוסטריע־אונטערנעמער זיינען פאַראינטערעסירט אינם דערהאַלטן און אפהיטן די מלוכה־אָרדנונג לטובת דעם וואויל פון די מאַסן, און דאָסזעלבע האָט אים אויך געפירט צום באַהויפּטן, אַז די מענער פון דער אינדוסטריע זיינען די איינציק־פּאַסנדיקע צום אנפירן מיט אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע אנגעלעגנהייטן. ניט ווייניקער נאַאיוו איז אויך געווען סען־סימאָנס מיינונג און באַציאונג צו די באַנקירן. עס איז ריכטיק, אַז אין סען־סימאָנס צייטן זיינען זיי געווען דער צענטראַלער נערוו פונם ווירט־שאַפטלעכן לעבן, אבער ער איז געווען אף א פאַלשן וועג, ווען ער האָט דיזעלבע באַנקירן גערופן צום פאַרפעסטיקן דעם נאַציאָנאַלן וואוילשטאַנד פונם פאָלק און זיי געהייסן, אַז זיי זאָלן צווינגען די מלכים אפצוהיטן די אינטערעסן פון דער אַלגעמיינהייט. אַזאַ ספּעציפישער סען־סימאָניסטישער אָפּטימיזם איז געווען א רעזולטאַט פון זיינע חלומות, פון זיינע סאָציאַלע אוטאָפּיעס. סען־סימאָן האָט געטרוימט און זיך פאָרגעשטעלט אין גערעדט א מעכטיקע אָרגאַניזאַציע פון פּראָדוקטיווער אַרבעט, אין וועלכער עס זאָלן זיין באַטייליקט אַלע פאָלקס־שיכטן און וועלכע זאָל זיין געבויט אפן יסוד פון אַן אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, אבער וואו דער סאָציאַל־

פירנדיקער שיכט, זאָלן זיין די אונטערנעמער. ער האָט פאַרויסגעזען, אַז מיט דער צייט וועלן די אינדוסטריעלער ווערן אַ מעכטיקע קאָרפּאָראַציע, וואָס וועט באַהערשן די גאַנצע וועלט. און ווי אַ געטרייער פראַנצויז, האָט ער געהאַלטן, אַז דעם סיגנאַל צו דעם וועט געבן פּאַריז, ווייל „אייראָפּע איז אין פראַנקרייך, און פראַנקרייך איז פּאַריז".

אַנאַליזירט מען די קאַנסטרוקציע פון דער מאַכט, פאָרגעשלאָגן פון סען־סימאָנען, קען מען זיך גלייך איבערצייגן, אַז ניט דאָס איז געווען דער ריכטיקער וועג, וועלכן ס׳האָט נאָכהער אויסגעפונען דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם. סען־סימאָן האָט געהאַלטן, אַז מ׳קען אַנטרויען די מאַכט צו פריי־ווילעגירטע יחידים און איז אפילו ניט געווען קעגן דעם, אַז מלכים זאָלן זיך טראָגן זייערע קרוינען, אויב זיי וועלן זיך נאָר מתחיב זיין ניט צו שטערן דעם וואוילשטאַנד פונם פאָלק. אַזאַ מיין קען מען ניט נעמען פאַר איבל סען־סימאָנען, ווייל אין דער איבערגרופּירונג פון די מאַכט־פאַרהעלטענישן האָט ער נאָך ניט געזען די דיפערענציאַציע פון די סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע וועט מוזן קומען מיטן ווייטערן פראָצעס פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג. פאַר אים זיינען געווען צוויי קעמפנדיקע צדדים, — די אָפּשטאַרבנדיקע פעאָדאַליסטישע רעאַקציע און איר כנגד — די רעוואָלוציאָנער־געשטימטע און פאַר דער מאַכט־קעמפנדיקע בורזשואַזיע. סען־סימאָן האָט געשטיצט דעם צווייטן צד, באַטראַכטנדיק אים ווי אַזאַ סאָציאַלע טראַנספאָרמאַציע פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, באַ וועלכע אַן אומבאַגרענעצטער און אַלגעמיינער וואוילשטאַנד וועט ווערן אַ געשעענער פאַקט. אגב, האָט דאָס אויך געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל ווערן דער וואָרטפירער פון דער בורזשואַזיע און איר טעאָרעטישער אינספּירירער.

אננעמען סען־סימאָנס קאַנסטרוקציע פון דער מאַכט, הייסט, — פון לכתחלה אָן גיין אויף אַ געפערלעכן וועג, — ווייל דאָס שאַפט אַ דירעקטע מעגלעכקייט, אַז יחידים זאָלן אוזורפירן די מאַכט, אָבער מ׳קען אים ניט חושד זיין, אַז ער האָט עס געטון פון בייזן ווילן וועגן. זיינע טעותים דאַרף מען זוכן אין די צייט-פאַרהעלטענישן, אין דער עקאָנאָמיק, וואָס האָט נאָך ניט געגעבן דעם קאַפּיטאַליזם קיינע מעגלעכקייטן זיך אויסצו־וויקלען אין אַ מעכטיקן פאַקטאָר און אויסער דעם, איז די בורזשואַזיע

דאָן בכלל נאָך געווען אַ רעוואָלוציאָנער־קעמפנדיקער קלאַס, און סען־סימאָן האָט אין זיין תמימות געגלויבט, אַז דער רעוואָלוציאָנערער גייסט וועט זיך קיינמאָל ניט אָפּטון פון דער בורזשואַזיע. אַ צווייטע סבה, וואָס האָט געווירקט אויף זיין קאָנסטרוקציע פון דער מאַכט, איז געווען זיין באַגריף וועגן דערוואַרבענע רייכטימער. רייכטום איז פאַר אים געווען אַ מאַסשטאַב פון מענטשלעכער לייסטונגס־פעאיקייט און צוליב דעם האָט ער באַרעכטיקט אפילו אַזעלכע רייכטימער, וואָס גייען איבער בירושה. אָבער דערפאַר האָט ער זיך קלאָר פאַרגעשטעלט, אַז פאַרמעגנס קענען מענטשן דערגרייכן בלויז אויף צוויי אופנים: אָדער דורך סאָציאַל־נוצלעכער אַרבעט, אָדער דורך ווירטשאַפטלעכע ספּעקולאַציעס, וועלכע ער האָט אָנגערופן מיטן פשוטן וואָרט — שווינדלעריי, און אין אַזאַ דיפערענצירן דאָס סיסטעם פון דערוואַרבענע רייכטימער האָט ער אויסגעפונען, אַז די פּאָליטישע מאַכט מוז איבערגיין צו די אינדוסטריעלער, ווי צו אַ קלאַס, וואָס טוט אַ סאָציאַל־נוצלעכע אַרבעט, בעת די פעאָדאַלן זיינען פאַר אים געווען דער אויסדרוק פון ווירטשאַפטלעכע ספּעקולאַציעס. די אינדוסטריעלער האָט ער באַטראַכט, ווי טרעגער פון אַ נייער קולטור, וואָס וועט אים בערבויען דאָס לעבן אויף נייע און יושרדיקע סאָציאַלע יסודות.

אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט זיך סען־סימאָן פאָרגעשטעלט די רעקאָנסטרוקציע פון דער געזעלשאַפט?

סען סימאָן איז געווען דער דורכויסעדיקער אָנהענגער פונם פאַרלאַמענטאַריזם; ער האָט געהאַלטן, אַז מיטן כוח פונם פאַרלאַמענטאַריזם קען מען דערגרייכן אַ נייעם אויפבלי פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אָבער דער פאַרלאַמענטאַריזם גופא דאַרף אויסגעדריקט ווערן אין דריי פאַרשיידענע פאָרמען. ערשטנס, דאַרף געגרינדעט ווערן אַ ספּעציעלער פאַרלאַמענט, וואָס אַרבעט אויס פאַרשלאַגן. אָט דער ערשטער פאַרלאַמענט באַשטייט פון דריי הונדערט מיטגלידער און דאַרף זיין איינגעטיילט אין דריי סעקציעס. אין דער ערשטער סעקציע גייען אַריין צוויי הונדערט ציווילע אינזשינירן, די צווייטע סעקציע באַשטייט פון פופציק דיכטער און ליטעראַטן און ענדלעך די דריטע סעקציע, אין וועלכער עס גייען אַריין פונף־און־צוואַנציק מאָלער, פופצן סקולפּטאָרן און אַרכיטעקטאָרן און צען מוזיקער.

די אויפגאבע פונם ערשטן פארלאמענט דארף באשטיין אינם אויסארבעטן א פלאן, ווי אזוי צו פארגרעסערן דאס נאציאנאלע רייכטום און פארבעסערן דעם גורל פונם פאלק; ווידער דארף ער בויען וועגן און קאנאלן, אבער דערביי דארף אויך אפגעהיט ווערן די עסטעטישע זייט. און ניט מיט דעם אליין שעפט זיך אויס סען־סימאנס רייכע פאנטאזיע. ער האט צוגעגעבן, אז אין די טיילן פון די געגנטן, וואו עס וועלן דורכגיין די קאנאלן און וועגן, דארפן פארן דורכרייזנדיקן מענטשן אויפגעשטעלט ווערן ספעציעלע רו־פלעצער און פארגעניגן־ערטער. בא די זייטן פון די וועגן און קאנאלן דארפן פארפלאנצט ווערן גארטנס, וואו עס זאלן זיך געפונען מוזייאומס פאר די אינדוסטריע־פראדוקטן. אין די זעלבע גערטנער און פלעצער דארפן אויך אויסגעבויט ווערן קינסטלער־הייזער, וואו מוזיקער זאלן מיט זייער מוזיק באגייסטערן דאס פאלק פארן פאטערלאנד. סען־סימאן האט געפרייידיקט די אידייע פון פארוואנדלען גאנץ פראנקרייך אין איין גרויסן פרעכטיקן גארטן; ער איז געווען איבערצייגט, אז פארשוואונדן זיינען שוין די צייטן, ווען לוקסוס איז געווען א פריווילעגיע פון יחידים, נייערט אויך די פאלקסמאסן האבן א פאלקאמען רעכט צו געניסן פונם זעלבן לוקסוס. דער לוקסוס האט באדארפט ווערן א נאציאנאלער ענין און דינען צום וואויל פון דער מענטשלעכער קולטור, פאר איר נוצלעכקייט און מאראלישקייט.

דער צווייטער פארלאמענט שטודירט די פארשלאגן פונם ערשטן. דער צווייטער פארלאמענט באשטייט פון דריי הונדערט מיטגלידער, פון זיי הונדערט פיזיקער, הונדערט פיזיאלאגן און הונדערט מאטעמאטיקער. דער צווייטער פארלאמענט, וואס הייסט פרואוואונגס־קאמער, האט אויף זיך דרייערליי אויפגאבן: קודם כל שטודירט ער די פארשלאגן פונם ערשטן פארלאמענט, דארף רעארגאניזירן די עפנטלעכע דערציאונג און ארגאניזירן יום־טובים לכבוד דער רעוואלוציע. די ימים־טובים טראגן א כאראקטער פון א דערמאנונג, אז יעדער מענטש האט אף זיך געוויסע סאציאלע פליכטן. דערזעלבער פארלאמענט פירט אויך אן מיטן עפנטלעכן שולוועזן, וואו דער עיקר אויפמערקזאמקייט דארף זיין געווענדעט אף די פאזיטיווע וויסנשאפטן.

דער דריטער פּאַרלאַמענט איז אַן אויספירונגס-קאַמער. אין דעם פּאַרלאַמענט גייען אריין פאַרטרעטער פון אַלע אינדוסטריע־צווייגן. סען־סימאָן האָט פאַר דעם פּאַרלאַמענט געגומען אין באַטראַכט אויסשליסלעך די רייכע לייט, און אָט זיי זיינען עס מחויב צו פאַרווירקלעכן אין לעבן אַלע געזעצן.

סען סימאָנס עיקרדיקע אידייע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אַלע געזעצן מוזן רעפאַרמירט ווערן און זיין צוגעפּאַסט צו דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. אין דערזעלבער צייט דאַרף אויך רעפאַרמירט ווערן דאָס מיליטער־וועזן דורכן באַגרענעצן די מיליטער־קאַדרען, וועלכע פאַר־ברויכן אומנוצלעך פּאָלקס־געלט. סען־סימאָן האָט געהאַלטן, אַז מיליטער וועט בכלל ווערן איבריק, ווען די וועלט וועט אננעמען דאָס סיסטעם, וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגן פאַר פראַנקרייך.

רעאָרגאַניזירן די מענטששלעכע געזעלשאַפט אויף אינדוסטריעלע יסודות,— צו דעם האָט געשטרעבט און געפירט סען־סימאָנס געדאַנק און אידייען, אבער ער גופא האָט זיך סקעפּטיש באַצויגן, אַז זיינע פּלענער און אידייען וועלן אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן. פון דעם נעמט זיך אויך, פאַרוואָס זיינע פּלענער צייכענען זיך ניט אויס מיט אַ באַזונדערער שטאַנדהאַפטיקייט און זיינע אידייען האָבן געוואַנדלט פון איין טראַנספאַר־מאַציע צו אַ צווייטער.

אָבער סען־סימאָן איז געוועזן דער מענטש פון אויפריכטיקע כונות און אַ פאַרפאָלגטער פונם ווילן אויסציגעפינען די ריכטיקע הייל־מיטלען צום אויסבעסערן די מענטשלעכע געזעלשאַפט. דער פּונקט פון זיין הייל־מיטל איז געווען די אינדוסטריע אין איר כוללתדיקן דערשיינען און מיט איר האָט ער ניט בלויז געוואָלט אָנפילן דעם גייסט פונם פּאַרלאַמענטאַ־ריזם, נייערט ער האָט געוואָלט מיט איר גייסט דורכדרינגען די אויספיר־אָרגאַנען און זייערע מענטשן. אפילו די מענטשן, וואָס וועלן באַהויפּטראַגט צו פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה, דאַרפן שטאַמען פון דער אינדוסטריע. אויס־סער די פּאַרלאַמענטן, דאַרף געגרינדעט ווערן אַן אינדוסטריע-קאַמער, אין וועלכער עס זיינען פאַרטראַטן די אָנגעזעענסטע לאַנדווירטן, סוחרים, פאַב־ריקאַנטן און באַנקירער. די אינדוסטריע־קאַמער שטעלט צוזאַמען די מלוכה־

ביודזשעטן און רעגולירט די סאציאל־פּאָליטישע אנגעלעגנהייטן. אויך דארף עקזיסטירן אן אינדוסטריעל־וויסנשאפטלעכער קאלעגיום, וואס באַשטייט פון זיבן לאַנדווירטן, דריי סוחרים, דריי פאבריקאנטן, צוויי פיזיקער, דריי כימיקער, דריי פיזיאלאגן, וואס געהערן צו דער וויסנשאפטלעכער אַקאַדע־מיע און דריי אינזשינירן.

אויסער דעם אַלעמען דארף געשאפן ווערן אן אינדוסטריע־ראַט, וואס באשטייט פון א האנדלס־קאַמער, אַ קאַמער פאר פראדוקציעס און באנק־ענינים און א לאַנדווירטשאפטלעכע קאַמער. דער אינדוסטריע־ראט האָט די אויפגאבע צו אנטוויקלען די אינדוסטריע און דורך זיינע סאציאלע מיטלען און אונטעררריכט דערהויבן דעם וואוילשטאַנד פונם פאלק. סען־סימאן האָט דערביי אויך ניט פארגעסן אין א קעניג און אַדעל. אָבער, אויב ער האָט נאָך באַרעכטיקט די עקזיסטענץ פון א קעניג, ווייל ער האָט בכלל ניט געלייגט קיין אַכט אף אזאַ פיגור אינם פּאָליטישן לעבן פון אַ לאַנד, האָט ער געפּאָ־דערט, אז דער קעניג זאל זיך צופאסן צו די נייע באדינגונגען, ווידער דער אַדל, ווי אַ טרעגער פון רעאַקציע, דארף לחלוטין באזייטיקט און אונ־טערדריקט ווערן.

אַ וויכטיקער פונקט פאַרן רעאָרגאַניזירן די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז פאַר סען־סימאָנען געווען די פראגע פון דערציאונג און פּאָלקס־אונ־טעריכט. אָט דער געביט פון סאָציאַלן איבערבוי פּאָדערט קארדינאַלע רע־פארמען, און אף די לערער ליגט א התחיבות צו דערציען דאס פאלק צו אַ פּאָליטישן און מאָראלישן באוואוסטזיין. סען-סימאן האָט פארגעשלאגן, אז פאַר אזא צוועק זאל געשאפן ווערן אן אקאדעמיע פון פּאָזיטיווע וויסנ-שאפטן, און א צענטראלער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט, וואס זאל סיס־טעמאַטיזירן און פאראיינהייטלעכן די וויסנשאפט. די אקאדעמיע דארף טראגן א כאראקטער פון א סאציאלער קערפערשאפט און האָבן אין אירע הענט די לייטונג פון דער געזעלשאפט. די וויסנשאפטלער דארפן ארבעטן צוזאמען מיט די געזעצגעבער אפן איבעראנדערשן די אלגעמיין־פארמולירטע יסודות פון די איינצלנע סאציאלע צוועקן, דאַקעגן די פראקטישע פּאָ־ליטיקער דארפן מיט זייערע עצות דינען דער צענטראלער אינטעלעקטוע־לער מאַכט.

סען סימאָן האָט געהאַלטן, אַז אַזעלכע פאַרשלאָגן זיינען - אַ באַזיס פאַר אַ סאָציאַלן רעאָרגאַניזירן די געזעלשאַפט. די פאַרשלאָגן טראָגן אין זייער גרעסטן טייל אַן אוטאָפּיסטישן כאַראַקטער. אָבער דאָך זיינען זיי אינטערעסאַנט און פאָדרינען אויפמערקזאַמקייט, ווייל זיי זיינען זיך דירעקט סומך אויף די היסטאָריש געגעבענע פאַרהעלטנישן פון אַ באַשטימטער עפּאָכע, — אויף די יסודות פון אַן אינדוסטריע און וויסנשאַפט, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען און טראַנספאָרמירן. סען־סימאָנס פּלענער און פאַרשלאָגן שטעלן מיט זיך אויך פאַר אַ געוויסן קולטור פּסיכאָלאָגישן אינטערעס, ווייל זיי האָבן אין זיך אַ געזונטן קערנדל פון אַן ענטוזיאַסטישן גלויבן און אָפּטימיזם. און אַגב האָט ער באַזירט זיין אָפּטימיזם אויף אַ געשיכטלעכן יסוד, — זיין אָפּטימיזם איז געווען אַ פּועל־יוצא פון זיין שטרעבן אויסצוגעפונען אַ נייע קולטורעלע סיסטעם, וועלכעס ער האָט געזען זיך אויסקריסטאַליזירן אויפן שוים פון דער אַלטער אָפּלעבנדיקער געזעלשאַפט. סען־סימאָן האָט ניט געלייקנט, אַז צווישן די פאַרשידענע פאָלקסשיכטן זיינען פאַראַן שטרייט־פראַגן, אָבער ער איז געווען איבערצייגט, אַז אַ קאַמף קעגן אַן אַלגעמיינעם שונא קען ברענגען צו אַ פאַראייניקונג צווישן די שטרייטנדיקע שיכטן. אַמשאַרפסטן האָט ער אָנגעוויזן אויפן אַנטאַגאָניזם צווישן די לאַנדווירטשאַפטלער מיט אַלע אַנדערע שיכטן: ער האָט אָנגעוויזן אויפן אונטערשיד צווישן דעם פעאָדאַלן און אינדוסטריעלן אייגנטום און פון אַזאַ שטאַנדפּונקט אַרויסגייענדיק האָט ער געפאָדערט צו רעפאָרמירן די אַגראַר־פאַרהעלטענישן אין דער געגעבענער סאָציאַלער געזעלשאַפט.

אין דער אינדוסטריע־פראַגע האָט סען־סימאָן אָנגעווענדעט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויפן אונטערנעמער, אויפן קאַפּיטאַליסט. דער קאַפּיטאַליסט האָט פאַר אים געהאַט אַ גרעסערן ווערט, ווי דער אַרבעטנדיקער, אָבער דערפאַר האָט ער אין דער לאַנדווירטשאַפט אָפּגעגעבן דעם אויוונאָן ניט דעם אייגנטימער פונם באָדן, נאָר דעם פּראָדוצירער פון פּראָדוקטן. אַזאַ אונטערשיד האָט ער באַגרינדעט דורכן אַנטשטיין פונם פעאָדאַלן און אינדוסטריעלן אייגנטום: „די רעכט פון די אינדוסטריעלער אין דער פאַבריקאַציע און האַנדל, זיינען אַנטשטאַנען אויפן סמך פון אַ פרייעם אָפּמאַך,

וואס האָט זיך אויסגעדריקט אינם אויסקויפן דאס, וואס געהערט יערן, יעדער די רעכט אפן באָדן נעמען זייער התחלה אינם דעראבערן, דאס הייסט, — אינם רעכט פונם שטאַרקערן". און דאס איז די סבה, פארוואָס סען־סימאָן האָט געפאדערט א רעפארם אין די אגראר־פארהעלטנישן: די לאנדווירטשאפט־פּראדוצענטן, וואס פּראדוקטיוויזירן מיט זייער אייגענער ארבעט דאס אייגנטום, דארפן געניסן פונם רעכט צו ווײלן אין די פּאָלי־טישע אינסטיטוציעס, אויך דארף נאָך א געוויסער צייט איבערגעשאצט ווערן דער ווערט פונם באָדן און די רווחים דארפן געטיילט ווערן להצאין צווישן דעם באָדן־אייגנטימער און פּראדוצענט. אגב, האָט סען־סימאָן גע־האלטן, אז די לאנדווירטשאפט דארף פארנעמען א דאמינירנדיקן ארט אינם ווירטשאפטלעכן לעבן פון יעדער מלוכה, אדער געזעלשאפט. צו דעם צוועק דארפן עקזיסטירן ספּעציעלע לאנדווירטשאפטלעכע בענק, וואס זאָלן שטיצן די לאנדווירטשאפט און מיטווירקן, אז זי זאָל דערפילן די אויפגאבן, וואס זי האָט אויסצופירן אינם אלגעמיינעם קרייז פון דער עקאָ־נאָמישער אנטוויקלונג און טעטיקייט.

קאַפּיטל זעקס

די אידייע וועגן עקאָנאָמישע אַסאָציאַציעס

באַם רעאָרגאַניזירן די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט סען־סימאָן אָפּ־געגעבן אַ בכבודיקן אָרט דער אינדיווידועלער התחלה, — דער מענטשלע־כער פּערזענלעכקייט און דעם אייגנטום. די צוויי פּרינציפּן זיינען באַ אים געווען פארבונדן איינער מיטן צווייטן און ווען עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן די סאָציאַלע עקאָנאָמיע, האָט סען־סימאָן אָנגע־האלטן אַ שטאַנדפּונקט, אַז די פּאָליטישע מאַכט קען ניט זיין די הערשערן איבער דער ווירטשאַפט. דער געביט פון ווירטשאַפט דאַרף זיך געפונען אויסער יעדער מלוכהשער ווירקונג און אפּוטרופּסות, ווייל די ווירטשאַפט אַנטוויקלט זיך לויט אירע אייגענע און אייגנאַרטיקע באַוועגונגס־געזעצן און דאס איז די סבה, פּאַרוואָס סען־סימאָן האָט זיך באַצויגן מיט גרויס יראת־הכבוד און אויפמערקזאַמקייט צו די אונטערנעמער. פאַרשטענדלעך,

אַז אַזאַ שטאַנדפּונקט איז געווען דורכאויס אַ פאַלשער, אָבער ער האָט אים איינגעהילט אין אַזאַ דיאַלעקטישער פאָרם, אַז קוים האָט מען געקענט באַמערקן די אומבאַגרינדלעכקייט פון אַזאַ פּרינציפּ. די פּאָליטיק דאַרף זיך שטעלן אַן אויפגאַבע אויפצוהאַלטן דאָס אייגנטום און דורך אַ ניי־געשאַפענער מאָראַלישער סיסטעם זאָלן די פאַרמעגלעכע קלאַסן באַקומען אַ רעכט צו באַשיצן זיך קעגן די, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין אייגנטום, — צו אַזעלכע אויספירן איז סען־סימאָן געקומען, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז פון דער אומבאַרירלעכקייט פונם אייגנטום איז אָפּהענגיק די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט און אַז די אינדוסטריעלער זיינען דער יסוד פון אַ נאַציאָנאַלן וואוילשטאַנד. אַזאַ שטאַנדפּונקט האָט אים געבראַכט צו דער איידייע וועגן נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציעס, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אונטערנעמונג און זייער צוועק דאַרף באַשטיין אינם פאַרשאַפן יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט דעם גרעסטן וואוילשטאַנד פּראָפּאָרציאָנעל דער פאַרברויכטער ענערגיע און פעאיקייטן.

אין אַלגעמיין גענומען איז זיין סיסטעם געווען אַ מערקווירדיקער צונויפמיש פון סתירות. פון איין זייט האָט ער פאַרטיידיקט דעם ווירטשאַפטלעכן סוביעקטיוויזם און פון אַ צווייטער זייט האָט ער פאַראורטיילט די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטלעכע אָרדנונג, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט אַזאַ שאַרפער קריטיק, אַז זיינע אַנשויאונגען האָבן אָנגענומען אַ ריין־סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. ער איז אַ היסטאָריש־מערקווירדיקע דערשיינונג: אין סען־סימאָנס געדאַנק האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ מין צונויפשמעלצונג פון צוויי סתירותדיקע פּרינציפּן, — פון קאַפּיטאַל און אַרבעט, — צוויי פּרינציפּן, וואָס אין סען־סימאָנס צייטן זיינען זיי נאָך געווען אין אַן עמבריאָנאַלן צושטאַנד און ערשט אין די ווייטערע צייטן האָבן זיי זיך אויסגעווירקט און אויסגעקריסטאַליזירט אין זייערע קעגנזייטיקע סתירות און שטרייטן.

די עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן האָבן ניט געגעבן סען־סימאָנען קיין מעגלעכקייט צו קענען פאָרמולירן קלאָר דעם עקר פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך באַגעגנט אינם שטרייט צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, אָבער, אָפּשאַצנדיק די סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָליטיש־

געזעלשאַפטלעכע און געשיכטלעכע פּאַרהעלטענישן, אַריינדרינגנדיק אין זייער מהות און אינהאַלט, איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט גע־שטרעבט אויפצוקלערן דעם אופן, ווי אַזוי עס איז מעגלעך צו האַרמאָניזירן דעם עקאָנאָמישן פּאָרשריט מיטן וואוילשטאַנד פון די, וואָס פאַרפעסטיקן מיט אייגענער פּראַצע די פונדאַמענטן פון דער קולטור און עס איז כאַ־ראַקטעריסטיש, ווי אַזוי ער האָט זיך בהדרגהדיק באַפרייט פונם סוביעק־טיוון פּרינציפּ און איז אַריבער צום סאָציאַלן, וועלכעס איז נאָכהער גע־וואָרן דער הויפּטשטריך פון זיין גאַנצן סיסטעם. אבער דיזעלבע סאָציאַלע פּרינציפּן האָבן בא אים ניט באַקומען זייער פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג; ער האָט ניט אויסגעפונען דעם יסוד, ווי אַזוי אינדיווידועל צו קאָנ־צענטרירן די סאָציאַלע פּרינציפּן און די שולד דאַרף מען זוכן אין דעם, וואָס סען־סימאָן האָט געוואָלט פאַרענטפערן זיך אַליין די סתירות פון זיין אייגענעם דענקען, — פון דעם איז אויך געגאַנגען דער וועג, וואָס האָט אים געפירט צו זיין שפּיץ־שאַרפער דיאַלעקטיק.

פאַר סען־סימאָנען האָט די מלוכה געהאַט איין אויפגאַבע: אָפּצוהיטן די אָרדנונג. אַזאַ באַגרענעצן די רעכט פון דער מלוכה איז בא אים אַ רעזולטאַט ניט פון אַ נעגאַטיווער שטעלונג צו מלוכה בכלל, נייערט ווייל די רעגירונגען זיינען פּשוט ניט ביכולת צו לייסטן גרעסערע נוצן פאַר די סאָציאַלע באַדערפעניש, — דערפאַר טאָקע דאַרפן ניט די רעגירונגען זיך אַריינמישן אין די סאָציאַלע אנגעלעגנהייטן און זאָל עס אַזוי זיין וועט זיך שאַפן דער נויטיקער פאָרבאַדינג פאַרן סאָציאַלן וואוילשטאַנד.

סען־סימאָן האָט געהאַלטן, אַז די מיטלען פון דער רעגירונג אָפּצוהיטן די עפנטלעכע אָרדנונג האָבן אַ זינען אַזוי לאַנג, ביז עס פעלן פעסטע סאָציאַלע פּרינציפּן, ווי אַ נאָרם פון מלוכה־טעטיקייט. אבער ווען אַזאַ נאָרם איז געשאַפן און רעגולירט די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, דאַן האָט די רעגירונג אויסצואיבן אַן אונטערגעאָרדנטע פונקציע אין דער מלוכה. די רעגירונגען היטן אָפּ די אָרדנונג און געבן אַרויס פאַראָרדנונגען, אָבער זייער טעטיקייט טראָגט ניט אַ כאַראַקטער פון אַ סאָציאַלער אַקציע.

אין אַלע עפּאָכן פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט האָט זיך געלאָזט הערן דער לאָזונג פון פרייהייט, ווי אַ מיטל, וואָס קען פירן צום

כאַציאַלן גליק. פאַר סען־סימאָנען איז אַזאַ רוף געווען אַן אבסטראַקציע, אַ באַדינגונג פאַר דענקען און ניט פאַר טאַט. פאַר אַ קלאַסישן ביישפּיל האָט ער גענומען די אנטשטייאונגס־געשיכטע פון די מענטשלעכע רעכט, וועלכע זיינען דער גרעסטער באַשטאַנדטייל פונם אַלגעמיינעם קאמפּלעקס סאָציאַלע פראַגן, — די מענטשלעכע רעכט זיינען אנטשטאַנען און צוזאַמען מיט דעם איז נאָר אַוועקגעשטעלט געוואָרן דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם, אָבער ניט פאַרענטפערט געוואָרן. דיזעלבע מענטשלעכע רעכט זיינען בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געווען דער אויסגאַנגספּונקט פון יעדן פּאָליטישן האַנדלען און דאָס איז בלויז געווען אַ צופּאַסן זיך צו די מעטאַפיזישע פאָרמולן פון דער עקזיסטירנדיקער יוריספּרודענץ. דער רוף צום קאַמף פאַרן אָפּהיטן די פרייהייט האָט געהאַט אַ טעם, ווען דאָס טעאָלאָגישע און פעאָדאַלע סיסטעם האָבן נאָך פאַרמאָגט אין זיך אַ כוח פון ווידערשטאַנד קעגן דער אינדוסטריע און וויסנשאַפט און בכלל האָט סען־סימאָן געהאַלטן, אַז די פרייהייט איז אַ קאָנסעקווענץ פון דער ציוויליזאַציע, אבער ניט איר צוועק. די אמתע פרייהייט איז אַ פועל־יוצא פון די סאַכאַקלען, וועלכע עס וועט ברענגען די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון די גייסטיקע און מאַטעריעלע כוחות, — איז, אויב אַ ריכטונג שטעלט זיך קעגן אַזאַ אַנטוויקלונג, דאַרף זי, — די ריכטונג, — אומברחמנותדיק אונטערגעדריקט ווערן, — אָבער אַזאַ ציל איז שווער צו דערגרייכן, כל־זמן די מעטאַפיזישע אידייע וועגן פרייהייט וועט דינען ווי אַ סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ. אַ צווייטער פאַקטאָר איז די צוטיילונג פון דער אַרבעט; צוליב אַזאַ צוטיילונג זיינען די מענטשן אין אינדיווידועלן זין אפילו וויניקער אפּהענגיק איינער פון צווייטן, דאַקעגן ווערט דער יחיד אָפּהענגיק פון די מאַסן־דערשיינונגען און ווי אַ רעזולטאַט שאַפט זיך אַ סאָציאַלע אָפּגעזונדערטקייט. אבער אַ סאָציאַלע סיסטעם האָט ניט די אייגנאַרט פון צושפּליטערן, — יעדער סאציאַלעם סיסטעם שטרעבט צוזאַמענצושליסן די כוחות, ווייל דאס גיט אַ מעגלעכקייט צום קענען באַהערשן די געזעלשאַפטלעך־נוצלעכע אויפגאבן. אַף אַזאַ אופן האָט סען־סימאָן געהאַלטן, אַז דאָס אינדוסטריעלע און וויסנשאַפטלעכע סיסטעם, איז ביכולת צו פאַרענטפערן אַלע פּראָבלעמען און קען ברענגען די סאָציאַלע פרייהייט.

וועלכע וועט, אין סתירה צו דער אינדיווידועלער פרייהייט, — זיין דער גורם פונם אמתן און ריכטיקן סאָציאַלן גליק.

און דאָס גופא איז שוין אַ שליסל צום קענען פאַרשטיין זיין אויפפאַסן דעם עקאָנאָמישן סוביעקטיוויזם. דער עקאָנאָמישער סוביעקטיוויזם נעמט זיין יסוד אין דער אינדיווידועלער פרייהייט, אָבער סען-סימאָן האָט אים ניט פאַרבינדן, ווי די אַנדערע אוטאָפּיסטן, מיט די אומוואַנדלבאַרע געזעצן פון דער נאַטור, — פאַר אים איז דער עקאָנאָמישער סוביעקטיוויזם געווען אַ נויטווענדיקער גליד פון אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך דערצאבערט זיינע רעכט אינם קאַמף מיטן פעאָדאַליסטישןווירטשאַפטלעכן סיסטעם. דער אויפבלי פון דער אינדוסטריע האָט צושטערט דעם פעאָדאַליזם, אבער דאס האָט נאָך ניט געהייסן, אַז מיט אַזאַ נייעם צושטאַנד ווערט שוין פאַרווירקלעכט דער סאָציאַלער אידעאַל. דאָס פּראָקלאַמירן די אינדיווידועלע פרייהייט האָט געהאַט אַ ריין־אגיטאַטאָרישן באַטייט: „די דיסקוסיעס וועגן פרייהייט, געגומענע אין באַטראַכט פון די מיטעלע קלאַסן, זיינען פאַר די נידריקערע קלאַסן געבליבן אַ גלייכגילטיקייט". די נידריקערע שיכטן האָבן זיך ניט געניטיקט אין דיסקוסיעס, — זיי האָבן זיך גענויטיקט אינם פאַרבעסערן זייער לעבנסלאַגע און דאָס האָט געקענט דערגרייכט ווערן דורך אַ געזעלשאַפטלעכער אַסאָציאַציע, וואָס זאָל אַלע געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן אַריבערפירן פון אַ כאַאָטישן צושטאַנד אין אַ צושטאַנד פון אַלגעמיינער פאַרבינדנקייט. אַזאַ אַסאָציאַציע איז אַ יסוד פון סאָציאַלער פרייהייט, אויסגעדריקט אין אַ פאָרם, וואו יעדער זאָל דורך זיין אַרבעט באַקומען אַ מעגלעכקייט צו דערגרייכן די געוואונטשענע סאָציאַלע שטופע.

פאַרענדיקט מיט דער אינדיווידועלער פרייהייט אַנאַליזירט סען־סימאָן דאָס פּראָבלעם און כאַראַקטער פון אייגנטום. דער געזעץ פון אייגנטום איז פאַר אים אַ פונדאַמענטאַלסטע דערשיינונג, אָבער דאָס הייסט ניט, אַז דער געזעץ בלייבט אַן אומבאַרידלעכע פעסטקייט און טאָר קיינמאָל ניט געענדערט ווערן. ער איז געווען איבערצייגט, אַז דאס רעכט פון אייגנטום איז דער יסוד און די עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט, אבער דאָס מיינט ניט דעם געזעץ אין זיין פּרימיטיוון אורשפּרינגלעכן צושטאַנד. אויב אַלע סאָ־

ציאלע דערשיינונגען וואנדלען און ענדערן זיך, איז אויך דאס אייגנטום ניט קיין אויסנאם פונם אלגעמיינעם אנטוויקלונגס־קרייז. אפהענגיק פון דער פארשריטלעכער אנטוויקלונג, שאפט די געזעלשאפט די פארמען פארן געזעלשאפטלעכן רעכט, צוגעפאסטע צו די אינסטיטוציעס, וועלכע שטאמען ארויס פון די באדערפענישן פון דער צייט. אויך דאס רעכט אף אייגנטום דארף געשאפן און איבערשאפן ווערן אף אזא אופן; דאס רעכט אף אייגנטום דארף דינען לטובת דעם אלגעמיינעם וואויל, אבער בשום אופן ניט פאר די רווחים פון יחידים און איינצלנע געזעלשאפטלעכע קלאסן.

דאס אלטע סאציאלע סיסטעם האט באנקראטירט און נאר א גענערט סיסטעם, ראציאנאל און יושרדיק קאנסטרואירט, איז ביכולת צו באזייטיקן דעם געזעלשאפטלעכן ווירוואר און סאציאלע מיספארשטענדענישן. אבער איין זאך איז קאנסטרואירן א סיסטעם, א צווייטער ענין איז דאס סיסטעם פארווירקלעכן. און סען־סימאן האט אף זיין אופן אנגעוויזן די וועגן, וואס קענען פירן צום מאכן פון זיין סיסטעם א סאציאלן יש. ראשית, דארף מען יעדעם פאלק באזונדער פארייניקן אין אינדוסטריעלע אסאציאציעס, וועלכע זאלן זיין צווישן זיך געבונדן עקאנאמיש. אזא פארייניקונג וועט שאפן א מעגלעכקייט צו בילדן איין אלגעמיין סיסטעם, — א סיסטעם פון אן איינהייטלעכער אינדוסטריעלער אסאציאציע מיט איינהייטלעכע עקאנאמישע צוועקן, וואו יעדער אינדיווידואום וועט זיין א פראדוקטיווער עלעמענט אין א געזעלשאפט פון ארבעטנדיקע. די הויפטאויפגאבע פון א נייעם סיסטעם דארף באשטיין אינם אויסבעסערן די לאגע פון דעם קלאס, וואס לעבט פון אייגענער פראצע און פארמאגט ניט קיינע אנדערע מיטלען פאר זיין עקזיסטענץ. די ציוויליזאציע איז מיט ריזיקע שריט אוועק פאראויס, אבער קיינער קימערט זיך ניט וועגן דעם גורל פון דער גרויסער מאסע, וואס לעבט אין נויט און דחקות, — דאך פאדערט מען, אז די מאסן זאלן זיין געהארכזאם, אונטערטעניק. און קוקט מען זיך איין אינם ליף פון דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג בכלל, זעט מען, ווי די מענטשהייט איז איינגעטיילט אין צוויי קלאסן, פון וועלכע די מינדערהייט־קלאס הערשט און דער מערהייט־קלאס איז באהערשט. דער מערהייט־קלאס זיינען די גרויסע פאלקס־מאסן, געצוואונגענע פארווענדן דעם גרעסטן טייל פון

זייערע כוחות און ענערגיע פאַרן קאַמף מיט דער הערשנדיקער און אויסניצערישער מינדערהייט. אַזאַ קאַמף איז נויטווענדיק, ווייל דאַס איז דער איינציקער וועג די מאַסן זאָלן קענען דערגרייכן אַ שטופּע פון וואוילשטאַנד; מ׳קען משער זיין, צו וואָס פאַר אַ קולטור־מדרגה מ׳וואָלט דערגרייכט, ווען עס זאָל פאַרשווינדן דאַס הערשן און באַהערשן און אַלע, אָן אַ שום קלאַסן־צוטיילונג, זאָלן זיך פאַרייניקן צום עקספּלואַטירן די געגעבענע נאַטירלעכע רייכטימער לטובת דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד. כּען־סימאָן איז געווען איבערצייגט, אַז זיין סיסטעם וועט פירן צו אַזאַ קולטור־פאָרשריט: קאַנסטרואירט אַפן פּרינציפּ פון פאָלקאָמער פרייהייט, וואָס שליסט אויס אַלע בירושה איבערגייענדיקע פּריווילעגיעס, וועלן די ניט־פאַרמעגלעכע קלאַסן באַפרייט ווערן פונם יאָך און באַטראַכט ווערן, ווי גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט. דאָס נייע סיסטעם דאַרף דינען דער מערהייט, און ניט דער מינדערהייט, וואָס האָט אנגעטון אַן אומרעכט דער מענטשהייט, פאַרפאָלגנדיק פּערזענלעכע צוועקן און אייגענע אינטערעסן.

וואָס שייך דעם סאָציאַלן פאַרוואַלטן, וועלן די סאָציאַלע באַציאונגען באַשטימט ווערן ניט דורכן סוביעקטיוון אָפּשאַצן פונם יחיד, נייערט פעסטע פּרינציפּן, ווי אַ פּועל־יוצא פון די באַוועגונגס־געזעצן פונם סאָציאַלן לעבן, וועלן באַשטימען, אין וואָס פאַר אַ ריכטונגען די סאָציאַלע באַציאונגען דאַרפן גיין. אין אַ געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, אָרגאַניזירט אויף די יסודות פון אינדוסטריע, וויסנשאַפט און קונסט, וועט דער העכסטער אַקט באַשטיין אינם פיקסירן די ריכטונגען פון די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. מיט דעם וועלן זיך ניט פאַרנעמען יחידים, נייערט דאָס וועט זיין אַן אַלגעמיין ווערק פונם גאַנצן סאָציאַלן אָרגאַניזם. די געזעלשאַפט גופא וועט שטענדיק בלייבן באַ אירע רעכט און זי אַליין באַשטימט די ריכטונגס־פּרינציפּן, וואָס דרינגען אַרויס פונם כאַראַקטער פון די באַדינגונגען. באַ אַזאַ סאָציאַלער אָרדנונג, וועלן די פּערזאָנען, וועמען עס איז אַנגעטרויט די מאַכט, פאַרנעמען גאָר אַ קליינעם אָרט, ווייל זיי וועלן ניט ווירקן אויס אייגענער איניציאַטיוו, — זיי וועלן האָבן אויסצופירן בלויז די אָנגעלעגנהייטן, וועלכע וועלן זיי פאָרגעשריבן ווערן. אַלע וויכטיקע סאָציאַלע אנט־

שיידונגען דארפן זיין אַ רעזולטאַט פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, פון אַנאַליזירן און דער עקר פון דער סאָציאַלער אַקציע דאַרף באַשטיין אינם פאַרווירקלעכן די פּרינציפּן, וועלכע די וויסנשאַפט וועט פעסטשטעלן, און אַף וויפיל די ציוויליזאַציע וועט דערלויבן, וועט די נייע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע גאַראַנטירן יעדן יחיד באַזונדער די העכסטע שטופע פון פרייהייט.

נאַטירלעך איז, אַז אַזאַ סאָציאַלע אָרדנונג קען ניט פאַרווירקלעכט ווערן פון דער הוילער הויט, — עס מוז זיין אַ כוח, וואָס זאָל דערצו געבן אַ שטויס. סען־סימאָן האָט געגלויבט, אַז אַזאַ שטויס קען קומען מצד אַן אַלגעמיינעם בונד פון אינדוסטריעלער, וועלכער איז אין זיך כולל סיי דעם באַזיצער פון רייכטימער, סיי דעם אַרבעטער, וואָס לעבט פונם עקספּלואַטירן זיין פיזישן כוח. און גראַדע אין דעם איז באַשטאַנען סען־סימאָנס געשיכטלעכער טעות: ער האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן אַז, האָבנדיק די מאַכט אין זייערע הענט, וועלן די רייכע אינדוסטריעלער זיך אויפפירן ניט בעסער און אפשר נאָך פיל ערגער פון די פעאָדאַלן, — ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן, אַז, האָבנדיק די העגעמאָניע איבער דער געזעלשאַפט, וועלן די רייכע אינדוסטריעלער אַוועקפירן די מאַכט און פאַרקנעכטן די אָרימע שיכטן נאָך מער געשיקט, ווי די פעאָדאַלן האָבן געטון מיט די לייב־אייגענע.

אַז, אַזוי וועלן האַנדלען די אינדוסטריעלער, איז סען־סימאָנען אפילו אפן געדאַנק ניט געקומען און אגב, האָבן אַזאַ באַציאונג און גלויבן זייערע פּסיכאָלאָגישע און היסטאָרישע יסודות. ראשית, איז עס געווען אַ ווירקונג פון זיין דורכאויס אַריסטאָקראַטישער נאַטור, און צווייטנס האָט אים שטענדיק פאַרפאָלגט דער געשפּענסט פון דער הערשאַפט, ווען באַם פראַנצויזישן פאָלק איז דאָס מויל געווען געשלאָסן. אמשארפסטן האָט סען־סימאָן באַקעמפט די פּאָליטישע קאָנסטיטוציע, און גלייכצייטיק האָט ער אויך געטאָדלט דאָס דעמאָקראַטישע רעגירן פונם קאָנווענט בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אויך האָט סען־סימאָן אָנגעוויזן, אַז מ׳האָט דעם פאָלק אָנגעהאָנגען אַ מעטאַפיזישע קאָנצעפּציע וועגן דעם פּויפּסטלעכן הכרח און אַזוי אַרום האָט מען אוועקגערויבט באַם פאָלק זיין סואווערעניטעט. מ׳האָט געוואָלט,

אַז דורך דעם זאָל קומען די ישועה, ניט־וועלנדיק לחלוטין פאַרשטיין, אַז אַזאַ מעטאַפיזישע קאָנצעפּציע איז בשום אופן ניט קיין צוועק פון אַ סאָ־ציאַלער אַסאָציאַציע. אפן סדר־היום זיינען געקומען פיל וויכטיקערע פּראָבלעמען, עס האָט באַדאַרפט קלאָר ווערן די באַציאונג צווישן די אונ־טערנעמער און דער אַרבעטערשאַפט און די לאַגע פון די נידריקערע שיכטן האָט געמוזט פאַרבעסערט ווערן, — אַזעלכע פראַגן האָט סען־סימאָן אַרויס־געשטעלט אין דער פּעדערשטער רייע פון זיינע סאָציאַלע באַטראַכטונגען און פון דעם קען מען דרינגען, אַז, אַפילו גאַנץ אומדייטלעך, אבער דאָך האָט ער שוין אַנגעמערקט די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט. זיין טעות איז בלויז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז די באַרופענע פאַר דעם צוועק זיינען די אריסטאָקראַטן פון דער אינדוסטריע, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר די באַשיצער פונם אַרבעטער־קלאַס. סען־סימאָן האָט באַטראַכטן אַ שטאַנדפּונקט, אַז צוליב דער פעסטקייט פון דער סאָציאַלער אָרדנונג, מוז זיין אַן אַנפּירנדיקער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט און אויב מיטן כוח פון באַגנעטן האַלט מען די מאַסן אין אייביקן פּחד, מוז עס אָפּגעשאַפט ווערן, אבער דאָס שליסט ניט אויס, אַז די מאַסן דאַרפן זיין עקאָנאָמיש און אינטעלעקטועל באַוואוסטזיניק און זיך אונטערוואַרפן דעם אַנפּירנדיקן עלעמענט. עס דאַרף ניט פאַרשטאַנען ווערן אין זין פון אונ־טערדריקער און אונטערדריקטע, — עס איז אַ פרייער ווילן פון קעגנזיי־טיקע באַציאונגען. פאַלגנדיקע ווערטער, צו די רייכע אינדוסטריעלער, האָט סען־סימאָן אַריינגעלייגט די אַרבעטער אין מויל:

„איר זענט רייך, מיר זיינען אָרים; איר אַרבעט מיטן קאָפּ,
מיר מיט די הענט, — און פון אָט די צוויי פונדאַמענטאַלע אונ־
טערשיידן איז געדרינגען, אַז מיר דאַרפן אייך זיין אונטערטעניק;
אבער ניט, אַלס פליכט, נייערט ווי אַ באַוואוסטזיין".

סען־סימאָן האָט געהאַט באַזונדערע סענטימענטן צו די אונטערנעמער, אבער ער האָט זיי ניט באַפרייט פון פליכטן. להיפּוך: ער האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע התחיבותן, — זיי האָבן באַ־דאַרפט אָפּהיטן די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן און זיין די פּאָליטישע פירער. די אונטערנעמער זיינען אַ טייל פונם פאָלקס־אָרגאַניזם און דאַרפן

מיטן לעצטן שאַפן איין אַלגעמיינע האַרמאָניע, — זיי פירן אָן, און ניט זיי הערשן.

די אינדוסטריע ווירקט עמאַנסיפּירנדיק, — אַזוי האָט סען־סימאָן גע־גלויבט און געהאָפט, אַז דיביידע סאָציאַלע גרופּן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, — די אינדוסטריע און אַרבעט, — וועלן שאַפן אַ גאַנצקייט. אין זיין פאַנטאַזיע, אין זיינע דמיונות האָט זיך געקריסטאַליזירט אַ בילד, ווי אַזוי עס וואַקסט דער וואוילשטאַנד פון די פאָלקס־מאַסן, אַלץ צוליב די פאָרשריטן פון דער אינדוסטריע; עס אַנטשטייט אַ געזעלשאַפט, דורכ־געדרינגען פון סאָציאַלן באַוואוסטזיין און קולטור, אַרבעטסלאָזיקייט פאַר־שווינדט, פון אַלע פאַרקריפּלענישן אינם סאָציאַלן לעבן וועט אַ זכר ניט בלייבן.

אַלס סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר האָט ער פאַרלאַנגט סאָציאַלע רעפאָר־מען, איבערהויפּט רעכט אויף אַרבעט און די מלוכה זאָל זאָרגן פאַר די אינ־וואַלידן. די אינדוסטריע־קאַמער, וועלכע ער האָט פאָרגעשלאָגן צו גרינדן, האָט באַדאַרפט האָבן אויף זיך אַ התחיבות

„צו זיכערן די עקזיסטענץ פון די ניט־פאַרמעגלעכע דורך דעם, וואָס זי וועט שאַפן אַרבעט פאַר אַרבעטספעאיקע און באַהילפיק זיין די ניט־אַרבעטספעאיקע".

אויסערדעם דאַרף אויך געזאָרגט ווערן, אַז פאַרגרעסערט זאָלן ווערן די אַרבעטס־מעגלעכקייטן; פאַרגרעסערן די אַרבעטס־מעגלעכקייטן איז גע־ווען פאַר סען־סימאָנען אַ סאָציאַל־פּאָליטישע פאָדערונג, וועלכע האָט אגב אין פראַנקרייך געהאַט אַ געוויסע פראַקטישע אויסווירקונג: אונטער אַזאַ ווירקונג האָט מען געשאַפן נאַציאָנאַלע ווערקשטאַטן, וואו אַ טייל פון דער פראַנצויזישער אַרבעטערשאַפט האָט געפונען באַשעפטיקונג. צוזאַמען מיט דעם האָט ער אויך געפאָרשט די קאָלאָניזאַציע־פראַגע, ווי אַ מיטל אריינ־צוציען דעם עודף פון די פאָלקס־מאַסן אין נוצלעך־פּראָדוקטיווער אַרבעט.

אין אַלגעמיין האָבן ניט געפעלט סען־סימאָנען פּראַקטישע מאָמענטן; און צווישן אַלע זיינע אילוזיעס און אוטאָפּיעס איז ער געווען דער גרויסער אָפּטימיסט, וואָס האָט אומבאַגרענעצט געגלויבט אין אַ סאָציאַל־יושרדיקן איבערבוי פון דער וועלט. דערביי איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דער גלייכבאַרטי־

קער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג און קולטורעלן פּאָרשריט. ער האָט אָפּגע־שאַצט, אַז אין דער הינזיכט פון פּאָליטישע באַציאונגען האָט זיך יעדע־לאַנד אירע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן און באַזונדערקייטן, אָבער ער־האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט קיין שטערונג צום פאַרייניקן אַלע נאַציאָנאַ־לע אינדוסטריעס, וואָס דאַרף פּאָרקומען דורך אַן אַלגעמיינער אינטערנאַציאָ־נאַל־פּאָליטישער אַקציע. סען־סימאָן האָט אינטואיטיוו באַגריפן צו וואָס די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג און סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען מיזן פירן, אבער ער איז נאָך ניט געווען ביכולת צו דערגרונטעווען זיינע אידייע־און געדאַנקען, ווייל די צייט, די עפּאָכע האָט אים ניט געגעבן די גענוגנ־דיקע דערפאַרונג. האָט ער זיך געווענדן צו די אינדוסטריעלער פון אַלע לענדער, אַז זיי זאָלן זיך פאַרייניקן אין איין גרויסער קערפּערשאַפט צו פאַרווירקלעכן די גרויסע וועלט־געשיכטלעכע שליחות, וועלכע איז אַף זיי־ארויפגעלייגט מיטן אויפבויען דעם סאָציאַלן בנין.

אַזאַ פאַרייניקונג האָט לויט זיין איינזען באַדאַרפט פירן צו אַ נייעם פּעריאָד אין דער וועלט־געשיכטע, אין וועלכן עס וועט פאַרשווינדן יעדער מלחמה־סכנה און די פאָלקס־מאַסן וועלן ענדלעך באַקומען זייער ריכטיקע און פּאָלקאָמע באַפרייאונג.

קאַפּיטל זיבן

אוטאָפּיסטישע און סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישע עלעמענטן אין סען־סימאָנס אידייען

ווייל מען אויסגעפונען דאָס אוטאָפּיסטישע און סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָ־רישע אין סען־סימאָנס אידייען, איז נויטווענדיק צו וואַרפן אַ בליק אַף דער־געשיכטלעכער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט, און, פאַרגלייכנדיק זיינע אידייען מיט די אידייען פון זיינע צייט־חברים, קען מען זיך ערשט־דאַן שאַפן דעם ריכטיקן באַגריף פון דער נייער תורה, וועלכע ער, סען־סימאָן, האָט געוואָלט מאַכן גילטיק פאַר אַ נייעם מער־יושרדיקן לעבן.

סען־סימאָן האָט געלעבט אין די צייטן פון בואַסעל און באַבעף, —ביידע פאַרטרעטער פונם סאָציאַליזם אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע־

צייט; אין דערזעלבער צייט האָבן אויך געבליט די סאָציאַל־טעאָרעטישע סיסטעמען פון שאַרל פוריע און ראָבערט אָוועןן און ניט ווייניקער איז אויך געווען פּאָפּולער דער סאָציאַל־עטישער קאָנסערוואַטיזם פונם עקאָנאָמיסט סיסמאָנדי. עס איז געווען די צייט פונם פראַנצויזישן קאָנוועגט, בעת די טעאָרעטישע און פּאָליטישע אַנשויאונגען זיינען אויסגעוואַקסן אױפן באָדן פון פאָלקסנויט און דער פאַרגעשריטענער געדאַנק האָט געזוכט אַ פאָרמול פאַרן אויפבויען אַזאַ סאָציאַלן לעבן, וואָס זאָל ברענגען גליק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

די אַנטוויקלונג פונם סאָציאַליסטישן געדאַנק ווערט איינגעטיילט אין צוויי פאַזן: די ערשטע פאַזע איז דער פאָרמאַרקסיסטישער, אָדער אוטאָ־פּיסטישער סאָציאַליזם, און די צווייטע פאַזע איז דער מאַרקסיסטישער, אָדער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם. סען־סימאָן געהער צו דער ערשטער פאַזע, אָבער ניט אינגאַנצן איז עס ריכטיק. עס איז אמת, אַז דער אופן פון זיין סאָציאַליסטישן דענקען איז אַן אומקלאָרער און פאַרנעפּלטער, זיין סאָציאַליזם איז נאָך גאַנץ ווייט פון צו זיין אַ רעאַליסטישער און דאָך קען מען אים ניט איינראַמען צווישן די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן, — סען־סימאָן פאַרנעמט לחלוטין אַ באַזונדערן אָרט צווישן די אוטאָפּיסטן און שאַפט אַ צווישנשטופע פונם אוטאָפּיסטישן צום וויסנשאַפטלעכן סאָציאַ־ליזם, ווייל זיין טעאָריע וועגן געזעלשאַפטלעכן איבערבוי האָט ניט צוטון אויסשליסלעך מיטן אוטאָפּיסטישן, נייערט אויך מיטן פּראַקטישן סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישן.

כדי דאָס זאָל קלאָר ווערן, דאַרף מען נעמען פאַר אַ קריטעריום פרידריך ענגעלסעס אָפּשאַצונג וועגן די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן. פרידריך ענגעלס האָט געהאַלטן, אַז דער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם איז ריינע מעטאַפיזיק, וואָס אַנערקענט גלייכצייטיק מיט דער סאָציאַל־געשיכט־לעכער ווירקלעכקייט אויך די נאַטירלעכע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג; די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן זיינען אין זייער געדאַנקן־גאַנג געווען געפירט פון אַ ריין־סוביעקטיוון ווילקיר און זייערע סאָציאַלע אידעאַלן זיינען אידעאַלן פון געניאַלע יחידים. די אוטאָפּיסטישע ריכטונג איז אַנטשטאַנען אינם אכצנטן יאָרהונדערט און גורם געווען צו דעם האָט דער אומגע־

שיכטלעכער אופן פון דענקען; דיזעלבע ריכטונג האָט צושטערט די היסטאָריש־געוואָרענע פאַרהעלטעניש, ווייל זיי זיינען געשטאַנען אין אַ דירעקטער סתירה צו די אידייען פונם שכל. די ריכטונג האָט אויפגעשטעלט אַ געזעלשאַפטלעכעס סיסטעם אַפן יסוד פונם שכל און דאָס סיסטעם האָט באַדאַרפט שאַפן דאָס אידעאַלע בילד פונם מענטשלעך־געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן. די אנהענגער פונם סיסטעם זיינען געקומען צו פאַרשידנאַרטיקע אויספירן און רעזולטאַטן, אָבער אַלע האָבן זיי פאַרפאָלגט איין ציל און צוועק: דאָס גליק פון דער מענטשהייט. און ווי די אויספירן און רעזולטאַטן, אַזוי זיינען אויך די מיטלען, מיט וועלכע זיי האָבן געוואָלט שאַפן דעם גן־עדן אַף דר׳ערד, געווען באַ יעדן פון זיי דורכאויס אינדיווידועל און פאַרשידנאַרטיק. לויט בואַסעלן דאַרפן אַלע מענטשן אָן אויסנאַם און אונטערשייד געניסן אין אַ גלייכער מאָס פונם אַלגעמיינעם רעכט אַף פרייהייט און גלייכהייט און היות אַזאַ מדרגה איז נאָך ניט דערגרייכט געוואָרן איז ער געקומען צום אויספיר, אַז מ׳דאַרף אָפשאַפן דאָס פריוואַט־אייגנטום, וועלכעס האָט גורם געווען צו דער מענטשלעכער אומגלייכהייט. באַם זעלבן שטאַנדפונקט פונם נאַטירלעכן רעכט אַף פרייהייט און גלייכהייט האָט זיך אויך געהאַלטן באַבעף; פון די צוויי באַגריפן פרייהייט און גלייכהייט אין זייער נאַטירלעכן רעכט האָט ער געשאַפן זיינע עקאָנאָמישע פּאָסטולאַטן פון ראַדיקאַליסטישן כאַראַקטער און האָט געשטרעבט איבערצובויען די געזעלשאַפט אַף קאָמוניסטישע יסודות. דער עקר פון זיינע עקאָנאָמישע פּאָסטולאַטן האָט געאַנקערט אין דער לאַנדווירטשאַפט, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דורך דעם, וואָס אַלע מענטשן וועלן געניסן פונם רעכט אַף אַרבעט, וועט עס סוף כל סוף אויסוואָרצלען די געזעלשאַפטלעכע און מענטשלעכע פאַרדאָרבנקייט און דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע גליק וועט ווערן אַ ממשותדיקע דערשיינונג.

וואָס שייך דעם אוטאָפּיסט שאַרל פּוריע האָט ער געזוכט די פאַרבינדנקייט צווישן מענטש און גאָט. פּוריע האָט אויסגעפונען, אַז דער מענטש איז אַראָפּ פונם דרך־הישר און ער איז געווען באַרופן אנצואווייזן דער מענטשהייט די וועגן צו דער גאולה. כדי צו דערגרייכן די גאולה דאַרפן

מענטשן זיך פארייניקן אין אזעלכע געזעלשאפטן, וואס הייסן פאלאנגעס און אט די פאלאנגעס וועלן שוין ברענגען די אויסלייזונג.

פוריעס פאלאנגעס זיינען געווען א רעזולטאט פון זיין מעטאפיזיש; דענקען, און באם זעלבן אופן פון מעטאפיזישן דענקען האט זיך אויך גע־האלטן דער גרויסער אוטאפיסט פון סוף אכצנטן און אנהויב נײנצנטן יארהונדערט, ראבערט אווען. אווען האט דורכגעמאכט פארשידענע פאזן פון אידייען־וואנדלונגען און אלץ זיך ניט געקענט באפרייען פון זיין אוטאפיסטישן שטייגער דענקען. זיין סאציאלע ארדנונג האט ער באַ־זירט אף א ראציאנעלן סיסטעם און אלע זיינע עקספערימענטן האט ער געווענדעט אף צו דערווייזן די צוועקמעסיקייט פון די קאמוניסטישע קאָ־לאָניעס, וועלכע ער גופא האט געגרינדעט.

און גאנץ פארשידן פון די אלע אוטאפיסטן איז געווען סען־סימאן. סען-סימאן האט לחלוטין אפגעווארפן די מעטאפיזישע קאנצעפציע; ער האט בכלל ניט געהאלטן פון אבסאלוטע אקסיאמען. פרייהייט און גלייכ־הייט זיינען פאר אים געווען א רעזולטאט פון א געשיכטלעכער אנטוויק־לונג, וואס הערט קיינמאל ניט אויף. פארשידענע סאציאלע דערשיינונגען קענען פארשטאנען ווערן אין זייער שטענדיקן זיך וואנדלען און ענדערן; צו אזעלכע דערשיינונגען געערן ווירטשאפט, רעכט, מאראל, רעליגיע, — און די אויפגאבע פון דער סאציאלער פילאזאפיע איז נאכצוגיין דער גע־שיכטלעכער אנטוויקלונג. און נאר בא אזא באציאונג צו דערשיינונגען וועט אויך פאליטיק ווערן א רעאלע טאטזאך. זי וועט זיך באפרייען פון יעדן אבסטראקטן, מעטאפיזישן לבוש, — אירע יסודות און פאדערונגען וועט די פאליטיק דאן נעמען אין די שטרעמונגען פון דער צייט. דאס הייסט, אז אירע פאסטולאטן וועלן אנהויבן טראגן א ריין־וויסנשאפטלעכן כאראק־טער, זיי וועלן זיך געפונען אין א פאלקאמענעם הסכם מיט די היסטאריש־געווארענע טאטזאכן און אנשטאט צו לעבן אין פאנטאסטישע וועלטן וועט זי, די פאליטיק, ווערן א נוצלעכע באאבאכטונגס־וויסנשאפט.

פון אזא שטאנדפונקט ארויסגייענדיק, האט סען־סימאן ניט געהאט בדעה, אז די אלטע פארמען פונם געזעלשאפטלעכן לעבן זאל אנטגילטיק פארניכטעט ווערן, ער האט בלויז געשטרעבט, די פארמען זאלן אף א

פֿאַרשריטלעכן אופֿן איבערגעבויט ווערן. געשיכטע איז פֿאַר אים געווען אַ
ענין פֿון פֿאַרטיפֿן זיך און אין די טיפֿקייטן פֿון דער געשיכטע האָט סע־
סימאָן אויסגעפֿונען, אַז די אינדוסטריע מוז זיין דער יסוד פֿון דער סאָ־
ציאַלער אָרגאַניזאַציע, ווייל די צייטן פֿון אינדיווידועלער פֿרייהייט, וועל־
כע האָט גענומען איר אָפּשטאַם אין דער רעאַקציע פֿונם פֿעאָדאַליזם, האָבן
געשאַפֿן בלויז אַ פֿאַראיבערגייענדיקע עפּאָכע און דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם
באַשטייט אין דעם, וואָס די צוזאַמען־צובליטע כוחות הארמאניזירן זיך
צוזאַמען און קאָנגזייטיק. סען־סימאָנס אידעאַל פֿון סאָציאַלער פּאָליטיק איז
געווען: די צוויי קולטור־מאַכטן, — די וויסנשאַפֿט און אינדוסטריע, —
זיינען די איינציקע, וואָס קענען פֿירן צו דער העכסטער מדרגה פֿון אַנט־
וויקלונג און די אַנטוויקלונג וועט שוין דינען לטובֿת־הכּלל; און אַזאַ אויב־
פֿיר האָט סען־סימאָן וויסנשאַפֿטלעך באַגרינדעט אויפֿן סמך פֿון געשיכטע־
באַאָבאַכטונגען.

צווישן סען־סימאָנס אינדוסטריעלן און דעם אַזוי־גערופֿענעם אוטאָ־
פּיסטישן סיסטעם איז פֿאַראַן אַ גרונדלעכער אונטערשייד. דאָס אוטאָפּיס־
טישע סיסטעם איז פֿאַרבונדן מיט ליבעראַליזם, און דער לעצטער האָט גע־
האַט בטחון, אַז סוף כּל סוף וועט אין די סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן כּכּצה
זיין די נאַטירלעכע אָרדנונג. און סען־סימאָן גראַדע האָט מיט זיין אינדוס־
טריעלן סיסטעם אויסען געווען זיך צו באַפֿרייען פֿון אַזאַ הוילן אוטאָפּיזם.
זיין עיקר איז געווען, אַז די פּאָליטיק זאָל ווערן אַ וויסנשאַפֿט און אָט די
וויסנשאַפֿטלעכע פּאָליטיק דאַרף אויסשליסלעך זיך סומך זיין אויף די אַל־
געמיינע היסטאָרישע טאַטזאַכן און זיך באַפֿרייען פֿון דער מעטאַפֿיזיק, וואָס
ציט איר יניקה פֿון אַבסטראַקטע און אומבאַגרינדעטע השערות.

עס איז אויסער שום ספֿק, אַז פֿוריע, אווען און דער נאַציאָנאַל־
עקאָנאָם סיסמאָנדי האָבן געקענט אַלזייטיק דעם ווירטשאַפֿטלעכן פּראָצעס
און אַלס קריטיקער פֿונם קאַפּיטאַליזם האָבן זיי פֿיל אויפֿגעטון, — אין
דאָך קען מען זיי ניט פֿאַרגלייכן און ניט צוגלייכן צו. סען־סימאָנען.
סיסמאַנדי האָט בשום אופֿן ניט געקענט באַגרייפֿן די גרויסע שליחות,
וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט צו מתקן זיין אינם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.
זיינע טעאָריעס צו פֿאַרקלענערן די סאָציאַלע נויט זיינען אַ שריט צוריק:

ער איז געווען קעגן דער אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע; די אינדוסטריע, אפילו דאס פשוטע האנטווערקעריי, האָט ער באטראכט ווי פאַקטאָרן פונם געזעלשאפטלעכן און מענטשלעכן שלעכטס, — און בלויז אין דער לאנד־ווירטשאפט האָט ער געזען אַ מיטל צום פאַרענטפערן די סאציאלע אומ־גרעכטיקייט. און ווי סיסמאנדי, אזוי זיינען אויך פוריע און אווען ניט געווען ביכולת צו מאַכן די אינדוסטריע, פאר א באשטאנדטייל פון זייערע סיסטעמען. און באַבעפס קאָמוניזם האָט בכלל באטראכט די אינדוסטריע, ווי דעם שעדלעכסטן עלעמענט פאר דער ציוויליזאציע. אָט קעגן די אלע טעאָריעס איז סען־סימאָן געווען דער ערשטער אנזאגער פון א נייעם ווירט־שאַפטלעכן סיסטעם, — ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אנגע־וויזן, אַז עס הויבט זיך אָן די הערשאפט פון אַ מעכטיקער אינדוסטריע, צו וועלכער עס וועלן זיין אונטערטעניק די נאַטור, פעלקער און מענטשן און וועלכע וועט גלייכצייטיק צווינגען, אַז מענטשן זאלן זיך אָרגאַניזירן און פאראייניקן צו קעגנזייטיקער מיטארבעט און מיטהילף.

פון אלעמען, פון דעם, ווי סען־סימאָן האָט געדענקט און געפילט איז קלאָר, אז ער איז ניט דער הונדערט־פּראָצענטיקער אוטאָפּיסט, ווי אים באטיטלט דער וויסנשאפטלעכער סאָציאַליזם, — סען־סימאָן איז דער סאָ־ציאלער רעפאָרמאַטאָר. עס איז בלויז אַ פראַגע, צו וועלכן מין סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרן געער ער? סען־סימאָן האָט געהאלטן, אז יעדע סאציאלע אָרגאַניזאַציע, אויב זי וויל נאָר אונטער זיך האָבן אַ פעסטן יסוד, מוז זי זיך בויען אף די עלעמענטן פון דער קולטור, און פאַר אזעלכע עלעמענטן האָט ער געהאלטן די וויסנשאפט און די אינדוסטריע, — אבערביידע דארפן זיי אנטוויקלט ווערן אין אַזאַ אופן, אז זיי זאָלן ווערן צוגעגנגלעך פאַר די פּאָליטיש־אונטערדריקטע מאַסן און פאַר די נידריקערע שיכטן.

גאנץ ריכטיק זיינען געווען סען־סימאָנס השערות, — ער האָט בלויז ניט געקענט באווייזן די אויבערמאכט פון דער אינדוסטריע אינם געזעל־שאפטלעכן לעבן און איז געווען נאַיוו, גלויבנדיק, אַז מ׳קען די גרויסע אינ־דוסטריעלער אנטרויען די רעאָרגאַניזאציע און הנהגה פון דער געזעלשאפט אף אזעלכע יסודות, וואו אלעס זאָל גיין און געטון ווערן לטובת דעם אלגע־מיינעם וואויל.

אָן שום ספק, אַז סען־סימאָן האָט ריכטיק אויסגעטייטשט די סאָציאַלע אַנטוויקלונגס־טענדענצן, ווי זיי האָבן אויסגעזען אין דער עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געלעבט; ער האָט פאָרויסגעזען דעם צונעמענדיקן וואוקס און פאַרברייטערטע הערשאַפט פון דער אינדוסטריע און ווי די אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט דרינגט דורך מיט איר גייסט אַלע געביטן פונם מענטשלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. און דאָס איז אויך אַ גרויסע אייגנשאַפט, וואָס טיילט אים אויס פונם אַלגעמיינעם קרייז אוטאָפּיסטן; די אוטאָפּיסטן האָבן געלעבט מיט דער פאַנטאַסטיק פון דעם, ווי עס וואָלט געקענט זיין, דאַקעגן סען־סימאָן האָט געזוכט דאָס רעאַליסטישע; ער איז מער רעאַליסט, ווי אוטאָפּיסט און דאָס אוטאָפּיסטישע אין אים איז אַ רעזולטאַט פונם ניט־ריכטיקן אינטערפּרעטירן די שוין־אָפּגעלאָפענע היסטאָרישע טאַטזאַכן, כאָטש ער האָט געהאַט די ריכטיקע פאַרשטענדעניש פאַרן סאָציאַלן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. אין זיין דענקען האָבן זיך געקרייצט פאַרשידענע עלעמענטן און פון זייערע צוזאַמענשטויסן זיינען באַ אים געבוירן געוואָרן צוויי ריכטונגען, פון וועלכע די איינע האָט אים געפירט צום ריכטיקן באַנעמען דעם סאָציאַל־רעאַליסטישן פּראָצעס און די צווייטע האָט אים געפירט אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס, צום אוטאָפּיזם, וועלכער האָט זיך באַ אים אויסגעוויקלט אין אַ נייער רעליגיע, אין אַ נייעם גלויבן, — אין אַ ניי קריסטנטום, וואָס האָט באַדאַרפט, לויט סען־סימאָנס איבערצייגונג, ברענגען דיווירקלעכע משיח־גאולה פאַר דער מענטשהייט.

ניט־רעאַל איז אויך געווען סען־סימאָנס איבערצייגונג, אַז די אונטערנעמער זיינען סאָציאַל־באַשטימט צום אויסדערלייזן די מאַסן פון זייער סאָציאַלער נויט און דחקות; די געשיכטע פון אַלע צייטן האָט אים געליפערט גענוג ביישפּילן, ווי די פאַרמעגלעכע קלאַסן זאָרגן וועגן דעם עלנט פון די מאַסן; מעגלעך, אַז סען־סימאָן האָט דאָס לעצטע אפילו געהאַט אפן אויג, און האָט גערעכנט, אַז אַזאַ צושטאַנד קען אויסגעבעסערט ווערן, ווען מ׳וועט באַ די אונטערנעמער צונעמען זייערע האָפנונגען אַף גרויסע רווחים, — האָט דאָך סען־סימאָן דער ערשטער געשטעלט די פאָדערונג, אַז דער מערווערט פון דער פּראָדוקציע זאָל פאַרווענדעט ווערן אויסשליסלעך פאַרן וואוילשטאַנד פון די מאַסן.

און טראַצדעם אַלעמען, קען מען ניט אַריינרעכענען סען-סימאָנען אין דער קאַטעגאָריע פון סאָציאַליסטן. זיין סיסטעם צייכנט זיך טאַקע אויס מיט אַ קאָנסטרוקטיוו־סאָציאַלן כאַראַקטער, אָבער ער בלייבט דורכאויס דער מענטש פונם בורג־פרידן, פונם שלום־בית: די גרויסע אונטערנעמער און אַרבעטער־מאַסן האָט ער סינטעזירט אין איין באַגריף אינדוסטריעלער, זוערנדיק דער פאַרטרעטער און וואָרטפירער פון דער בורזשואַזיע, גלייכ־צייטיק בלייבנדיק אויך דער באַשיצער פון די אונטערדריקטע שיכטן. און מעגלעך איז, אַז דאָס איז געלעגן מער אינם גייסט פון דער צייט, ווי אינם דענקען און אַנשויאונגען פון די אַלע, וואָס האָבן געשטרעבט צוצואייַלן דעם סאָציאַלן פּראָצעס, וואָס דאַרף ענדערן און רעאָרגאַניזירן די יסודות און פאָרמען פונם געזעלשאַפטלעכן און מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. אין דעם זין, איז סען־סימאָן געווען דער אַנגעשטעקטער פונם אוטאָפּיזם.

עס וועט זיין אַן אומדערלויבלעכער טעות מאַכן פון סען־סימאָנען אַ סאָציאַליסט, אָבער אַלס סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר פאַרמאָגט זיין סיסטעם ערטערווייס אַ סאָציאַליסטישע באַאַרבונג. אין זיינע אויפגעשטעלטע פאָר־מולן געפינט מען שוין, אַפילו נאָך ניט אינגאַנצן קלאָר, טענער פון שטרעבונג און אַ נויטווענדיקייט צו קעמפן פאַר אַ בעסערער סאָציאַלער אָרדנונג, און דאָס גופא האָט פון אים געמאַכט דעם גרויסן אָנזאָגער פון אַ נייער פּאָזע און ריכטונג, אין וועלכער עס דאַרף אַריין דער אייביק־וואַנדלענדיקער זיך פּראָצעס פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג: סען־סימאָן איז געווען דער איבערגאַנגס־פּונקט פונם אוטאָפּיסטיש־פאַנטאַסטישן צום סאָציאַל־פּאָליטישן, — דער איבערגאַנג פונם סאָציאַלן אוטאָפּיזם צום וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

עמפּיריאָ־מאָניזם און דער וויסנשאַפטלעכער
סאָציאַליזם.

קאַפּיטל איינס

סען־סימאָנס איינפֿלוס אויף קאַרל מאַרקס מאַטעריאַליסטישן אויפֿפֿאַסן די געשיכטע

קאַרל מאַרקס, דער באַגרינדער פֿון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטע־אויפֿפֿאַסונג האָט באַטראַכט די ווירטשאַפֿטלעכע, מאָראַלישע און רעליגיעזע פֿענאָמענען דורך דער פּריזמע פֿון אַן אַנטוויקלונגס־געשיכטלעכן אויפֿפֿאַסן די קולטור־דערשיינונגען. דאָס אַנווענדן אַזאַ מעטאָד איז געווען אַ מין באַזונדער סיבותדיקע אויסטייטשן די געשיכטלעכע ווירקלעכקייט און האָט באַקומען אַ גרויסע וויכטיקייט. עס האָט געשאַפֿן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע, ווייל מיטן אַריינפֿירן דעם עקאָנאָמישן מאָמענט, ווי אַ טרייב־כוח פֿון די היסטאָרישע געשעענישן, איז געקומען צו אַ ווענדפּונקט אינם אויפֿפֿאַסן און געשיכטע־שרייבן און אַ דאַנק דעם האָט מען אויך באַקומען אַ מעגלעכקייט צו קענען קלאָר פֿאָרמולירן די געשיכטלעך־פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען פֿונעם וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשן. דער אַנטדעקער פֿון אַזאַ טעאָריע פֿונעם געשיכטלעכן פֿאָרשן איז געווען קאַרל מאַרקס, אָבער שוין ביז אים האָט מען געקענט געפֿונען אַזעלכע שפּליטער־געדאַנקען בײַ פֿיל אַנדערע דענקער, איבערהויפּט בײַ סען־סימאָן. דער אויסשליסלעכער פֿאַרדינסט פֿון קאַרל מאַרקס באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט די אַלע שפּליטער־געדאַנקען צונויפֿגענומען, זיי סיסטעמאַטיזירט, פֿאַרטיפֿערט און

געשאַפן פון זיי דעם אומשטערבלעכן בנין, וואָס הייסט מאַטעריאַליסטישע געשיכטע־אויפפאַסונג.

פאַר דער וויסנשאַפט און פאַרן וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם האָט סען־סימאָן צוויי גרויסע פאַרדינסטן: זיין אידייע וועגן דער געשיכטע־אַנטוויקלונג האָבן באַאיינפלוסט דעם פילאָזאָף און סאָציאָלאָג אויגוסט קאָנט, — סען־סימאָנס אַ שילער, צום באַגרינדן דעם מעטאָד פונם אינטעלעקטואַליסטישן אויפפאַסן די געשיכטע און זיין צווייטער פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער אָנגעמערקט די שטריכן פון אַן עקאָנאָמישער געשיכטע־פילאָזאָפיע, וועלכע האָבן געשאַפן דעם נויטיקן שטאָף פאַרן עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם.

סען־סימאָן האָט געהאַלטן, אַז די פאַרלויפער פון יעדער נייער עפּאָכע אין דער געשיכטע זיינען די פילאָזאָפישע אידייען, און די עפּאָכע גופא קריסטאַליזירט זיך אויס, ווי אַ רעזולטאַט פון באַשטימטע ווירטשאַפטלעכע טאַטזאַכן, פון אַ באַשטימטן טעכניש־עקאָנאָמישן צושטאַנד, וועלכער בילדעט דעם יסוד פון דער סאָציאַלער אָרדנונג. דאָס פונדאַמענטאַלסטע דערביי זיינען די אינדוסטריעלע פאַרשריטן, וועלכע באַווירקן און פאַראורזאַכן אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאַרשריטן. פון אַזאַ שטאַנדפּונקט אַרויסגייענדיק, האָט ער באַטראַכט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ווי אַן אונטערזוכונגס־אָביעקט, פון וועלכן עס בילדן זיך אַרויס די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וואָס שאַפן דעם יסוד פון דער פּאָליטיק. דאָסזעלבע טראָגט ער אויך איבער אויפן פּראָבלעם פון אייגנטום. סען־סימאָן איז געווען באַ דער מיינונג, אַז דער געזעץ וועגן אייגנטום שאַפט דעם יסוד פונם סאָציאַלן בנין, אָבער אינם סאָציאַלן בנין גופא זיינען אַלץ געבליבן נישט קלאָר די באַציאונג־פאַרהעלטענישן צווישן אייגנטום און פּראָדוקציע.

פאַרן צענטער פון זיינע באַהויפּטונגען און פאָרשונגען האָט סען־סימאָן גענומען די געשיכטע פון פראַנקרייך און פון איר האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז גלייך נאָך די פראַנקישע דעראָבערונגען אין גאַליען האָט זיך דאָס אייגנטום־רעכט אָנגעהויבן געשטאַלטן אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן און צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַנדערש געשטאַלטן די סאָציאַלע אַנטוויקלונג. סען־סימאָנען האָט אינטערעסירט אויסצוגעפינען

די סבות, וואָס האָבן גורם געווען צו דער וואַנדלונג אין די געזעלשאַפט־לעכע געשעענישן און דערביי איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זינט די פראנקן האָבן געמאַכט זייער אנלויף אף פראַנקרייך, איז די געשיכטע פון פראנקרייך געוואָרן אַ געשיכטע פון קלאַסנקאמפן. גורם געווען צו דעם האָט דער טעכנישער פּאָרשריט און דערזעלבער האָט אויך געפירט, אַז אין די הענט פון פּראָדוצענטן־יחידים זאָלן זיך צונויפזאמלען גרויסע רייכטימער און היות רייכטום איז א יסוד פון פּאָליטישן איינפלוס, האָבן די פּראָדוצענטן געשטרעבט צוצולייגן א האנט אויך צו דער געזעצגעבונג. דער געזעץ ווידער איז אַן עגאיסטישער אויסדרוק פון זיין באַשאַפער, — האָט זיך פון דעם גענומען, וואָס די אינדוסטריעלער האָבן אנגעהויבן איגנאָרירן דעם קלאַס, פון וועמענס לעגיסלאטיון איינפלוס זיי האָבן זיך געוואָלט באַפרייען און אָט פון אַזאַ מאָמענט הויבט זיך אָן דער ווירקלעכער קלאַסנקאַמף.

דער קלאַסנקאמף איז אַן אפּשפּיגלונג פון די סאציאַלע מאַכט־פאַרהעלטענישן. אבער עס זיינען אויך פאראן אזעלכע סאָציאַלע קאנפליקטן צווישן עקזיסטירנדיקע סיסטעמען, פון וועלכע איין סיסטעם לייקנט לחלוטין אָפּ די באשטימענדיקע יסודות פון די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און שטרעבט צום אנטגילטיקן אַרויסשטויסן דאָס ערשטע סיסטעם. אַזוי איז געשען מיטן פעאדאלן סיסטעם, בעת דער אינדוסטריעלער אויפשוואונג האָט דעם ארויסגעוויזן ווידערשטאַנד און געלייגט אַ פונדאַמענט פאַר אַ נייער געזעלשאַפטלעכער ארדנונג. דער אינדוסטריעלער אויפשוואונג איז געווען ביכולת ארויסצואווייזן אַ ווידערשטאַנד, ווייל אנהויבנדיק פונם פופצנטן יארהונדערט האָט דאס פעאדאלע סיסטעם בהדרגהדיק זיך דעזאָרגאַניזירט, בעת די אינדוסטריע האָט געהאלטן אין אָרגאַניזירן און זיך פאַרפעסטיקט, און געקומען איז אַ מאָמענט, ווען עס איז געווען גענוג אַ קרעפטיקער אנגריף פון די אינדוסטריע־פאַרטרעטער צום אנטגילטיקן אראפּוואַרפן די חורבות פונם פעאדאליסטישן בנין, כדי אף זיין אָרט צו פאַרפונדעווען דאס אינדוסטריעלע סיסטעם.

סען־סימאָנס געשיכטע־פילאָזאָפישע אידייען האָבן געטראָגן אַ פּאָזיטיוו־וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער און געהאט א גרויסע ווירקונג אף אַ

גאַנצער רייע פון געשיכטע־פאָרשער און געשיכטע־שרייבער. דאָס רעוואָ־לוציאָנערע פון סען־סימאָנס געשיכטלעכן פאָרשן איז באַשטאַנען אין זיין אַראָפּרייסן די קרוין פון מלכים און איינצלנע הערשער; אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער אויפגעשטעלט די פאָרמול, אַז ניט די קעניגן און הערשער זיינען די גורמים און מאַכן געשיכטע, — סען־סימאָן האָט דער ערשטער אנגעוויזן, אַז די ריכטיק־באַוועגנדיקע כוחות פון די היסטאָרישע געשעענישן זיינען גאַנץ אַנדערע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, און ניט די טיטולירטע יחידים. די פראַנצויזישע געשיכטע־שרייבער אויגוסטין טיהערי, מיניע און גיזאָ זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אַנגענומען סען־סימאָנס קאַנצעפּציע וועגן קלאַסנקאַמף, אינם שפּיל פונם געשיכטלעכן קיום, וואָס האַלט אין שטענדיקן זיך ענדערן און וואַנדלען, האָבן זיי געזען אַ קאַמף פון קלאַסן און אינטערעסן און די געשאַפענע סאָציאַלע אינסטי־טוציעס האָבן זיי באַטראַכט, ווי אַ מיטל אָפּצוהיטן די אינדיווידועלע אינ־טערעסן. שוין דער געשיכטע־שרייבער מיניע האָט באַהויפּטעט, אַז די סאָ־ציאַלע באַוועגונג ווערט באַשטימט פון די הערשנדיקע אינטערעסן. די סאָ־ציאַלע באַוועגונג גייט צו אירע צילן דורך פאַרשידענע שטערונגען און האָט זי דערגרייכט איר צוועק, שאַפט זיך תיכף אָן אָרט פאַר אַ נייער סאָציאַלער באַוועגונג. לכתחלה באַמערקט מען ניט, ווי די נייע סאָציאַלע באַוועגונג שאַפט זיך און אנטשטייט, — אַף דער ליכטיקער שיין קומט זי אַרויס ערשט דאַן, ווען זי איז שוין פאָלקאָם אויסקריסטאַליזירט און נעמט אָן פאָרמען און אַ כאַראַקטער פון אַ געזעלשאַפטלעכער דינאַמיק. אַזאַ וועג מאַכן דורך אַלע סאָציאַלע באַוועגונגען און דיזעלבע אַנטוויקלונג האָט אויך דורכגעמאַכט דער פעאָדאַליזם. צוערשט האָט דער פעאָדאַליזם געלעבט אין די באַדערפענישן פונם מענטשן גופא, — ער איז געווען די בלויזע אידייע. דאָס איז געווען זיין ערשטע עפּאָכע. אין דער צווייטער עפּאָכע פאַרוואַנדלט זיך דער פעאָדאַליזם־אידייע אין פעאָדאַליזם־ווירקלעכקייט, אַבער ער הערט שוין אויף צו אנטשפּרעכן די עקזיסטירנדיקע הצטרכותן און מיט דעם ווערט צוגעגרייט דער קץ פון זיין טאַטזעכלעכער עקזיסטענץ. אַזוי שאַפן זיך די וועגן פון דער רעוואָלוציע.

די אַלע אויבנדערמאַנטע היסטאָריקער האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט

באַשטימונגען פֿון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. פֿאַר אַ יסוד פֿון זייערע געשיכטלעכע פֿאָרשונגען האָבן זיי טאַקע אָנגענומען די אידייע פֿון קלאַסנקאַמף, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט, נישט ווי אַ היפּאָטעזע־קאָנסטרוקציע, נאָר ווי אַ געגעבענע ווירקלעכקייט, אָבער די באַזע האָבן זיי אויסגעברייטערט. סען־סימאָן האָט די מאַטעריעלע פֿאַרהעלטענישן אָנגעווענדן בלויז אויף דעם, אַז די פּאָליטיק איז אָפּהענגיק פֿון די עקאָנאָמישע געשטאַלטונגען, ווידער די דערמאַנטע היסטאָריקער האָבן אינעם זעלבן אָפּהענגיקייט־קרייז אויך אַריינגענומען אַלע אַנדערע קולטור־דערשיינונגען, ווי רעליגיע, מאָראַל א. א. וו. — דיזעלבע געשיכטע־פֿאָרשער האָבן באַטאָנט, אַז אַלע אונטערגעשטראָכן, אַז די סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן איבן אויס אַ שטאַרקן קולטור־פֿאַקטאָרן זיינען און בלייבן אָפּהענגיק פֿון דער עקאָנאָמישער ווירקגעווען אָפּהענגיק פֿון דער עקאָנאָמישער דערוואַכונג. גיזאָ האָט באַזונדערס לעכקייט. אויגוסטין טיהערי האָט שוין אין 1817־טן יאָר אָנגעוויזן, אַז אין ענגלאַנד זיינען די רעליגיעזע פֿאַרהעלטענישן פֿונם זיבעצנטן יאָרהונדערט איינפֿלוס אויפֿן טעאַטער. אַלס ביישפּיל האָט ער גענומען דאָס אַלטע גריכנלאַנד, וואו די טעאַטער־אויפֿפֿירונגען זיינען געווען שטענדיק באַשטימט פֿאַרן כלל, בעת אינעם וואוקס פֿון די קאָמפּליקאַציעס אין די געזעלשאַפֿטלעכע באַציאונגען איז דאָס טעאַטער געוואָרן אַן אויסשליסלעכע אונטערהאַלטונג פֿאַר די פֿאַרמעגלעכסטע יחידים, און דערביי האָט גיזאָ צוגעגעבן, אַז דער גאַנצער טעאַטראַלער שטאָף שטרעבט זיך צוצופּאַסן אויסשליסלעך צום געשמאַק פֿון די העכערע קלאַסן, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר די אַזוי־גערופֿענע מלוכה־געזעלשאַפֿט.

גיזאָ איז אין זיינע באַטראַכטונגען געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט אָנגעוויזן, אַז אַפֿילו אידייען, טעאָריעס און קאָנסטיטוציעס שפּיגלען אין זיך אָפּ די אינטערעסן פֿון די מענטשן. פֿאַר אַ ביישפּיל האָט ער גענומען די פֿאַרהעלטענישן אין ענגלאַנד, וואו מ׳וויל איינפֿלאַנצן יעדן איינעם, אַז ער געניסט כלומרשט פֿון אַלע נויטיקע רעכט.

איינער פֿון סען־סימאָנס אָנגעזעענסטע שילער, באַזאַר האָט ער געהייסן, האָט פֿאַרטראַטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז אין יעדער עפּאָכע שפּיגלען זיך אָפּ דערשיינונגען פֿונם קלאַסנקאַמף־צוטיילונג, וואו עס זיינען פֿאַראַן

אויסנוצער און אויסגענוצטע, באלעבאטים און קנעכט, פּאטריציער און פּלייבייער, פּעאדאלן און לייב־אייגענע, אייגנטימער און ארבעטער. עס זיינען אלץ גרופּן און שיכטן, וואו די אינטערעסן פון איינע ווידערשפּרעכן די אינטערעסן פון די צווייטע. באַזאָרן איז נאָך געווען פרעמד די אויפ־פאַסונג, אַז דעם יסוד פונם היסטאָרישן פּארשריט דארף מען זוכן דוקא אינם קאמף פון קלאסן און שיכטן, אבער ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אפּן סמך פון דער געשיכטלעכער פאַרגאַנגענהייט געמאַכט אויס־פירן וועגן די פּאָליטישע ארדנונגען, באטראכטנדיק יעדע פּאָליטישע ארד־נונג, ווי אַ פּועל־יוצא פון אַ סאָציאַלער קלאסנדיפערענצירונג. באַזאַר האָט קלאָר און באַזונדערס בולט אונטערגעשטראכן, אַז די פּאָליטישע ארדנונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָך וועלכער ער האָט געלעבט זיינען ניט מער, ווי אַן אויסדרוק פון אַן עקספּלואטאציע, וואו אַ מינדערהייט נוצט אויס די מערהייט פאַר פּערזענלעכע צוועקן און אינטערעסן.

אַ צווייטער גרויסער אוטאָפּיסט פון סוף אכטצנטן און אנהויב נײַנ־צנטן יאָרהונדערט, סען־סימאנס א צייט־חבר, שאַרל פוריע האָט אויך באַ־גריפן די וויכטיקייט פונם עקאנאמישן מהות אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן. פאַר פוריען איז עס געווען אַ נאַטור־געזעץ, אַז אין דער ערשטער רייע דאַרף מען ארגאניזירן דאס מאַטעריעלע און ערשט, ווען די מאַטעריעלע יסודות וועלן שוין זיין גענוג פעסט אָרגאַניזירט, דאן וועט מען ערשט קע־נען דערגרייכן דאס געוואונטשענע אינטעלעקטועל־גייסטיקע.

אויך לוי בלאַנק, דער באַגרינדער פונם מלוכה־סאָציאַליזם האָט אנ־גענומען די רעאליסטישע ריכטונג פון דער געשיכטע־פּאָרשונג. אין זיין ווערק „די געשיכטע פון צען יאר”, — פאַרעפנטלעכט צווישן 1841־טן און 1844־טן יאָרן, — פּאַסט ער אויף דעם קלאסנקאמף, ווי דעם טרייב־כוח פונם געשיכטלעכן וועזן. לוי בלאנק האָט דערוויזן, אַז דאָס אראפּ־געוואָרפענע קייזערטום און לודוויק דעם אכצנטנס חשק ווידער אַריינצו־באַקומען די קרוין אין זיינע הענט זיינען געווען אויסשליסלעך אין די אינ־טערעסן פון דער בורזשואַזיע. און דער רעזולטאַט איז טאַקע געווען אַזעל־כער: די בורזשואַזיע האָט ארויפגעטון די קרוין אף לודוויק דעם אכצנטנס און די זעלבע בורזשואַזיע האָט גורם געווען צו דער רעסטאווראציע־עפּאָכע

מיטן צוועק מאַכן זיך אונטערטעניק דאָס קעניגטום און ניט כדי עס אָפּ־צושאַפן, אָדער פאַרניכטן.

לוי בלאַנק האָט אָנערקענט, אַז דער נצחון פון דער בורזשואַזיע איבערן פעאָדאַליזם איז געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. אויך האַלט ער, אַז עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל כלומרשט האָבן גע־שעדיקט וויי?יק אויפמערקזאַמקייט דער אינדוסטריע. אָפּן געביט פון האַנדל, אינדוסטריע און פינאַנצן האָט נאַפּאָלעאָן פאָרגעזעצט די אַרבעטן פון דער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג און האָט באַדייטנדיק אויסגעברייטערט און אַנטוויקלט די עקאָנאָמישע אינטערעסן, — און דוקא דאָסזעלבע האָט באַשטימט נאַפּאָלעאָנס גורל: דורך אַ פאַרוואַלטונג־טעכנישן רעגולירן האָט ער געוואָלט ברענגען די אינדוסטריע צו אַן אויפשוואונג, — האָט עס גראָדע געפירט צום ווידעראויפלעבן פון דער אַריסטאָקראַטיע. אַ צווייטע סבה, וואָס האָט באַשטימט נאַפּאָלעאָנס גורל איז געווען זיין דעספּאָטיזם און מלחמה־נייגונגען, — די בורזשואַזיע האָט זיך געקענט אַנטוויקלען אויסשליסלעך אין די באַדינגונגען פון שלום און פרייהייט, האָט זיך אין פּאַריז גלייך געפונען אַן „אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט גע?דאַרשט נאָך שלום”: דאָס זיינען געווען די באַנקירן, וואָס האָבן געטרוימט וועגן הלוואות; פאַבריקאַנטן, סוחרים און בכלל די אַלע עלעמענטן, וואָס האָבן געלעבט און געמאַכט אַ לעבן פונם קאַמף צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך. אָט די אַלע עלעמענטן האָבן מיטגעהאָלפן, אַז פאַרן אויסערלעכן שונא זאָלן זיך עפענען די טויערן פון פּאַריז.

די סבות פון נאַפּאָלעאָנס ירידה דאַרף מען זוכן אין דער אַנטוויק־לונג פון דער בורזשואַזיע. אין 1814־טן יאָר איז די גאַנצע בורזשואַזיע אָן אויסנאַם געווען קעגן נאַפּאָלעאָנען און מיט אַ באַזונדערער פרייד האָבן זיי באַגריסט דאָס אַריינמאַרשירן פון די פאַרייניקטע אַרמייען קיין פראַנקרייך. לכתחלה האָט דיזעלבע בורזשואַזיע געשטיצט נאַפּאָלעאָנען, און מיט דעם האָבן זיי אויסען געווען צו שאַפן אַ פּאָליטישן כוח פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן. די איינציקע שטרעבונג פון דער בורזשואַזיע איז געווען אויס־ציאיבן אַ פּאָליטישן איינפלוס און אַ דאַנק דעם איז די דינאַסטיע פון די בורבאָנעס ווידעראַמאָל געקומען צו דער מאַכט. די בורזשואַזיע האָט גע־

וואָלט שאַפן אַזאַ רעגירונג, וועלכע זאָל זיך אויסשליסלעך שטיצן אויף איר, — אויף דער בורזשואַזיע: צוליב אירע פּערזענלעכע אינטערעסן און פּניות האָט זי באַדאַרפט האָבן אַ הילפס און באַדנלאָזע רעגירונג און אַזעלכע האָט זי געקענט געפונען אין דער בורבאָנישער מאָנאַרכיע. די ירידה פון פראַנקרייך, — דאָס האָט באַ דער בורזשואַזיע געשפּילט די קלענסטע ראָל און זיי האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַרן פאַל מיט פרעמדע כוחות פאַרפעסטיקן די הערשאַפט פון דער אינדוסטריע און אַזוי אַרום פאַרגרעסערן די אייגענע רייכטימער, כאָטש דאָס האָט געבראַכט שאָדן דער מלוכה.

אין משך פון פופצן יאָר האָט די בורזשואַזיע זיך פאַרנומען מיטן פאַרפעסטיקן איר הערשאַפט. זי איז אַריינגעדרונגען אין דער מלוכהטעטיקייט, אויסאַרבעטנדיק אַ וואַל־סיסטעם, וואָס זאָל ברענגען אויסשליסלעך נוצן דער בורזשואַזיע און פונם פּאַרלאַמענט האָט זי געמאַכט אַן אונטערטעניקן זיך געווער, — בכלל האָט די בורזשואַזיע אויסגעאַרבעט אַזאַ מלוכה־סיסטעם, אין וועלכער דאָס קעניגטום זאָל ניט חרוב ווערן, אָבער עס זאָל זיין אָפּהענגיק פון איר, — פון דער בורזשואַזיע. דערפאַר זיינען די פופצן יאָר, דאָס הייסט, דער משך צווישן 1815־טן און 1830־טן יאָר, ניט מער, ווי אַ קאַמף צווישן די אידייען פון די פעאָדאַלן און די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע. אָבער דער קאַמף דאַרף ניט באַטראַכט ווערן, ווי אַן איזאָלירטער, כאָטש ער איז געווען אַ זעלבסטשטענדיקער, — ער דאַרף באַטראַכט ווערן, ווי אַ המשך פונם קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1789־טן יאָר און איז שוין דאַן געווען געווענדעט קעגן דעם מאָנאַרכיסטישן פּרינציפּ. אין אַזאַ אופן האָט לוי בלאַנק באַשטימט דעם פּראָצעס פון דער געשיכטע־באַוועגונג און מיט דעם איז ער דער פאָלשטענדיקער יורש פון דער סען־סימאָניסטישער געשיכטע־אויפפאַסונג אָן שום הוספה צו דער לעצטער.

בייגעטראָגן צום אַנאַליז פון סען־סימאָנס געשיכטע־אויפפאַסונג האָט פּרודאָן. אין 1843־טן יאָר איז דערשינען פּרודאָנס ווערק „וועגן שאַפן אַן אָרדנונג צווישן דער מענטשהייט“. אין דעם ווערק האָט פּרודאָן סיסטעמאַטיזירט אַלע ביז אים אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, וואָס שאַפן דעם יסוד

און אבן־פּנה פון דער טעאָריע פונם עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם. פּרודאָן האָט באַפרייט די אַלע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען פון די פאַרשידענע היס־טאָרישע איינצל־באַטראַכטונגען און זיי פאַרוואַנדלט אין טעאָרעטישע רעפלעקסן וועגן כאַראַקטער פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג.

לויט פּרודאָנען ווערט די סאָציאַלע ווירקלעכקייט באַהערשט פון אַ נאַטירלעכער געזעצמעסיקייט, לחלוטין אַ פרייע פון מענטשלעכער ווירקונג. פאַרן יסוד פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג מוז אָנגענומען ווערן דער פּרינציפּ פון אייגנטום. פּרודאָן האָט געהאַלטן, אַז די באַדייטונג פונם אייגנטום איז אַזוי גרויס, אַז אָן דעם איז אויסגעשלאָסן יעדער אינדוס־טריעלער פאָרשריט, אָבער די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און דאָס פאַרפאַלקאָמען זיך פון איר ווערקצייג שטעלן אַוועק פאַרן פאַקט, אַז די צענטראַלע מענטשלעכע טעטיקייט איז די אַרבעט. דער מענטש איז דער יחיד, וואָס אַרבעט און דאָס איז דער יסוד פון זיין דערהויבנקייט איבער דער חיות־וועלט. די אַרבעט גופא האָט פּרודאָן באַטיטלט, ווי „די פּלאַס־טישע פאָרם פון דער געזעלשאַפט; די טיף־אידייע, וואָס דעפינירט די פאַר־שידענע פאַזן פון איר וואוקס און ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זיין אָר־גאַניזם, ווי דעם אינוויניקסטן, אַזוי דעם אויסוויניקסטן”. דערביי האָט זיך פּרודאָן געשטיצט אויף בלאַנקיס „געשיכטע פון דער פּאָליטישער עקאָ־נאָמיע”, וואו בלאַנקי דערווייזט די ווירקונג פון דער אַרבעט אויף דער גע־שטאַלטונג פון די סאָציאַלע פאַרהעלטעניש. לויט בלאַנקיס איבערצייגונג באַזירט זיך דאָס סאָציאַלע סיסטעם מיט אַלע זיינע ניואַנסן, ווי קולט, מלחמה, האַנדל, וויסנשאַפט, קונסט, א. א. וו. אויסשליסלעך אויף דער אַר־בעט, — די אַרבעט, איז די אַקס, אַרום וועלכער עס באַוועגט און דרייט זיך די פּאָליטישע עקאָנאָמיע און צו דעם דאַרף מען אויך צוגעבן, אַז די געזעצן פון דער וויסנשאַפט זיינען די אמתע געזעצן פון דער געשיכטע.

אַזוי אַרום ווערט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע דער איינציקער שליסל צום פאַרשטיין די געשיכטע. מיט פאַרשידענע ביישפּילן האָט פּרודאָן זיך אונטערגענומען צו באַווייזן די ריכטיקייט פון אַזאַ שטאַנדפּונקט: די גע־שיכטע האָט באַדאַרפט פּרודאָנען באַשטעטיקן, אַז די פאַרשידענע געשיכט־לעכע וואַנדלונגען זיינען געווען אַ נויטווענדיקער פּועל-יוצא פון פאַרלעצן

די עקאָנאָמישע געזעצן. גריכנלאנד איז אונטערגעגאנגען, ווייל די גריכן האָבן זיך באצויגן מיט גרינגשעצונג צו דער אינדוסטריעלער טעטיקייט. דערזעלבער גורל האָט אויך געטראָפן רוים, ווייל די רעגירונג, האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט די ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן. דיזעלבע פאר־העלטענישן זיינען געווען אין קארטאגען.

ניט וויניקער האָט פרודאן אויך אפגעשאצט די באדייטונג פונם קלאסנקאמף אינם געשיכטלעכן לעבן. אין דעם פאל האָט ער זיך גע־שטיצט אפן געשיכטע־שרייבער קוזען, וועלכער האָט אויסגעפירט, אַז יעדע פּאָליטישע רעוואָלוציע איז אַ פּראָצעס פון נייע רעאליזירטע אידייען, היות אבער אין דער געזעלשאַפט שפיגלען די אידייען אָפּ די אינטערעסן פון מענטשן, באגעגענען די נייע אידייען אַ ווידערשטאַנד מצד די אלטע אי־דייען, וואָס ווילן ניט ארויסגעשטויסן ווערן פונם געזעלשאַפטלעכן קרייז און ווילן פירן אַ ווייטערדיקע עקזיסטענץ. און אָט דערפאר קען אין אזעל־כע ענינים ניט אנטשיידן דאס אפעלירן צום פאַרשטאַנד, נאָר אַ קאמף צווישן די פארשידענע טרעגער פון די קעגנזועצלעכע אידייען.

דאס אלעס באַשטעטיקט די געשיכטע. די געשיכטע ווייזט, ווי די באַ־פרייאונג פון די אונטערדריקטע שיכטן האָט באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מצד דער אַריסטאָקראַטיע און גייסטלעכקייט, וואָס האָט געפירט צו אַ בירגער־קריג. נאָך אַזאַ קאמף איז אויסגעוואַקסן אַן אבסאלוטיסטישע מאָנאַרכיע, ווי אַ מעכטיקער שונא פונם פאַרלאַמענט און דריטן שטאַנד. ווייטער באַשטעטיקט די געשיכטע, ווי אַזוי לודוויק דער פערצנטער האָט ווידער דערגרייכט די קרוין און געצוואונגען, אַז די גאנצע וועלט זאָל פאַר אים קניען; די קאמפן זיינען אפילו איינגעשטילט געוואָרן, אבער צייט־ווייליק און צוליב דעם, ווייל דארט, וואו די פראַגע איז וועגן גילטיק מאַכן אַנטאגאניסטישע עקאָנאָמישע פרינציפּן, דאָרט ווערט דער קאמף שווערער און געשטערט.

ניט בלויז פראנקרייך, נאָר אויך דייטשלאנד האָט ניט אויסגעמיטן דעמזעלבן צושטאַנד, אבער די ווירקונג פון דער העגעליאנישער פילאזאפיע האָט א לענגערע צייט געשטערט דער אנטוויקלונג פונם רעאליסטישן באַ־טראכטן די געשיכטע. דערפאר איז וויכטיק געניי זיך אפצושטעלן אַפן

מהות פון דער העגעליאנישער פילאזאפיע, ווייל א דאנק דער פילאזאפיע ווערט פארשטענדלעך דער פארשריט, וואָס וואָרצלט אין סען־סימאָנס סאָ־ציאלאגישן געדאַנקען־אויפבוי און אין דערזעלבער פילאזאפיע האָט קאַרל מאַרקס גענומען זיין אינטעלעקטואליסטישן יסוד צום פארמולירן דאָס גע־שיכטע־פילאזאפישע פראבלעם.

העגעל האָט זיך געהאלטן באם דעדוקטיוון מעטאד און די אַלגע־מיינע ווירקלעכקייט האָט ער געוואָלט אַרויספירן פון איין פעסטשטייענ־דיקן פונדאַמענטאַלן אַ־פריאָרי־פרינציפּ. דעם פרינציפּ האָט העגעל גע־גרונט מיטן נאָמען אבסאלוטע אידייע. דער פרימאַרער (ערשטער) מאָ־מענט פונם געשיכטלעכן זיין איז דער גייסט, וואָס ווייזט זיך אין איינצלנע טייל־געביטן פון דער ווירקלעכקייט דורך דער אייגנטימלעכקייט פון זיין אינהאלט און דערזעלבער גייסט האָט אַ גרויסע ווירקונג אפן באַזונדערן געשטאַלטן די ווירקלעכקייט. אין זיין „ענציקלאפעדיע פון די פילאזאפישע וויסנשאַפטן און גרונטריס” שרייבט העגעל, אז די איינציקע באַוועגנדיקע גבה אין דער וועלט איז דער גייסט און וואָס שיך דעם רעכטלעכן, זיט־לעכן און רעליגיעזן געפילן זיינען עס זעלבסטדערפארונגען אין אַן אינהאלט, וואָס נעמט זיין שורש אויסשליסלעך אינם דענקען, — העגעל האָט גע־וואָלט פארגייסטיקן סיי די נאטירלעכע, סיי די סאציאלע ווירקלעכקייטן און די גילטיקייט פון אַזאַ ווירקלעכקייט האָט ער געוואָלט באַווייזן דורך אַ ספּעציעלער פון אים געשאַפענער פאָלי־היסטאָריע.

העגעלס פילאָזאָפיע האָט געשטרעבט פאָרצושטעלן, ווי אזוי די אידייע ווערט אויפגעפאַסט, אַלס איינהייט פון דער סוביעקטיוויטעט און אביעקטיוויטעט, פונם דענקען און זיין. ווי די מאטאפיזישע השערות איז אויך די אידייע א פארהארטעוועטער געבילד אָן שום באַוועגונג אין רוים און צייט. און דאך זיינען פאַראַן סתירות אין זיינע גרונטאנשויאונגען: צום אורפּרינציפּ פון זיין מעטאפיזיק האָט ער באהעפט די באדייטונג פונם געשיכטלעכן לעבנס־עלעמענט אף דעם סמך, וואָס די מאניסטישע באַ־שטימטקייט פון אלע דערשיינונגען, וועלכע ער האָט אַפריאָרי אנגענומען, האָבן געפאָדערט דאס איינגלידערן אין זיין סיסטעם אויך דאס געשיכט־לעכע זיין. לויט העגעלן, לעבט זיך די אידייע קיינמאל ניט אויס ניט

בלויז אין דער נאַטור אַליין, נאָר אויך אין דער וועלט־געשיכטע. די אידייע איז דער ריינער גייסט און דערפאר דארפן די וועלט־געשיכטלעכע געשעענישן באטראכט ווערן פאַר גייסטיקע געשעענישן, ווי אייביקע פאַר־ענדערונגען אפן גייסטיקן באָדן: די וועלט־געשיכטלעכע געשעענישן זיינען די באַוועגונגען פונם גייסט אין זיין פילפארשידענעם ענדערן און זיך אי־בערארבעטן אין סתירה צו דער איינטאָניקער גלייכפארמיקייט פון דער נאַטור.

דער העכסטער ציל פונם פילאזאפישן באטראכטן דעם געשיכטלעכן זיין, איז לויט העגעלס פילאָזאָפיע, דאס שאַפן אן ארדנונג אינם כאַאָס פון די געשיכטלעכע דערשיינונגען, אינם באַגרינדן די אוויגערופענע סודות פון דער השגחה, — אינם אויפדעקן די געטלעכע פּלענער, ווייל העגעל איז געווען איבערצייגט, אַז אין אַלע צייטן הערשט אין דער וועלט דער גייסט און דער אינהאַלט פון זיין הערשן, אָדער, דאס פאַרווירקלעכן פון זיינע פּלענער איז די וועלט־געשיכטע: אַזוי הערשט דער שכל אין אַלע דער־שיינונגען, — דער שכל, ווי אַ קאָנקרעטע פאָרשטעלונג.

העגעל האָט געוואָלט אפּגרענעצן די געשיכטע־פילאָזאָפיע פון יעדן מין געשיכטע־שרייבן, סיי פון דער אורשפּרינגלעכער, אינם אופן, ווי עס האָבן זי אויפגעפאסט הערארָאט, צעזאר און די אנדערע אַלטערטימלעכע שרייבער, סיי ווי עס האָבן אויפגעפאסט די געשיכטע־שרייבער פון מיטל־אַלטער און ווייטערדיקע עפּאָכן. דאָס אורשפּרינגלעכע געשיכטע־שרייבן איז געווען אַ זאַמלונג פון פאַקטן, וואָס האָבן געשילדערט דאס זעלבס־איבערלעבטע, אדער די געשעענישן פון דער צייט. אַזאַ מין געשיכטע־שרייבן האָט בשום אופן ניט געהאַט צוטון מיט די עלעמענטן פונם סוביעקטיוון אויסטייטשן דאס געשיכטלעכע ווערן, און דאסזעלבע איז אויך חל אַף די ווייטערדיקע עפּאָכן און אַף אַלע אנדערע געשיכטע־שרייבער.

אַלעם איז ווירקלעך אַף אַזוי פיל, אַף וויפיל עס פאַרמאַגט אין זיך אַ באַשטימטע אידייע, וואָס קומט צום אויסדרוק, אַזוי, אַז דאָס אויפדעקן די געשיכטלעכע צוזאמענהאנגען דאַרף זיין ניט בלויז אַן אויסגעפּרואווטע אבסטראַקציע, נאָר אויך אַ באַקאַנטשאַפט מיט דער אידייע. אַזוי ווי קעפּלער האָט געמוזט באַזיצן די נויטיקע מאַטעמאַטישע קענטענישן,

אַפן סמך פון וועלכע ער האָט געקאַנט דערווייזן די געזעצן, וואָס זיינען אָנגערופן מיט זיין נאָמען, אַזוי מוז מען פשוט ברושו ורובו זיין אַריינגעטון אינם קרייז, אין וועלכן די געשיכטע־פּרינציפּן באַקומען זייער טויפונג. און אויב דער הויפּט־פּרינציפּ פון דעם אַלעם זאָל זיין דער גייסט, וואָס באַהערשט דאס געשיכטלעכע זיין, — דאַן האָט די מעטאַפיזיק אַלע מעגלעכקייטן צו געבן אויסקונפט וועגן דער נאַטור פונם זעלבן גייסט און דער געשיכטע־שרייבער האָט די התחיבות צוצופּאַסן די ריכטיקייט פון די מעטאַפיזיש־פעסטגעשטעלטע פּרינציפּן צו דער ווירקלעכקייט פון דער געשיכטע. די סובסטאַנץ ווידער איז דער וועזן פונם גייסט, די פרייהייט און דער עקר פון דער וועלט־געשיכטע איז דער פּאָרשריט אינם באַוואוסטזיין פון דער פרייהייט. דער גייסט וויל זיך שאַפן אַן אייגענעם פּאַר זיך באַגריף און דער באַוואוסטזין פונם גייסט איז דער צוועק פון אַלע געשיכטלעכע וואַנדלונגען.

די געשיכטע ווייזט אָן די מיטלען, מיטן כוח פון וועלכע די פרייהייט קען קומען צו איר אויסדרוק. אין די ערשטע רייען גייען די באַדערפעניש, אינטערעסן און לײדנשאַפטן, וואָס באַדינגען דאָס מענטשלעכע זיך אויפפירן. מיט כוח ברעכן מענטשן דורך די פּאַרצוימונגען, וואָס די מאָראַל און רעכט שטעלן אויף און אַ שטאַרקער, שטאַמענדיק פון אַן אומבאַוואוסטן יסוד, ווערט אַ געווער, וואָס ווירקט, דער גייסט זאָל זיך אַלזייטיק צובליען. וואָס דער מענטש זאָל ניט טון, דרינגט עס אַריין פיל טיפער, ווי דער מענטש גופא קאָן זיך פּאָרשטעלן. דעם מענטשנס טון בילדעט אַ כוח פּאַר אַ העכערער מאַכט, דעם מענטשן לחלוטין אַן אומבאַקאַנטע. באַדערפעניש, אינטערעסן, לײדנשאַפטן זיינען די געטרייע דינער פון די אידייען, וואָס אַנטוויקלען זיך אַפן סמך פון אימאַנענטע געזעצן: עס איז אַ מין כיטרעקייט פונם שכל, וואָס דערלאָזט, אַז די לײדנשאַפט זאָל פּאַר אים ווירקן און די גרעסטע געשעענישן אין דער געשיכטע, זיינען פּאָרגעקומען און זיינען אַ רעזולטאַט פון די לײדנשאַפטן. פון דיזעלבע לײדנשאַפטן האָבן זיך געשאַפן העלדן, געטריבענע אין זייערע טאַטן פון אומבאַוואוסטע נייגונגען און אָט דיזעלבע העלדן ווירקן אין דער געשיכטע, ווי „נשמה־פירער", ווערנדיק אויך „די געשעפטס־פירער פונם וועלט־גייסט".

לויטן מאַניסטישן אויפפאַסן געשיכטלעכע דערשיינונגען איז העגעלס געשיכטע־פילאָזאָפיע אַ קולטור־געשיכטע, וואָס וואָרצלט אין ריינער מעטאַפיזיק, — דאָס הייסט, אַז אַלע אויסערלעכע פאָרמען, ווי וויסנשאַפט, קונסט, פּאָליטיק, רעליגיע, ווירטשאַפט געפינען זיך אַלע צווישן זיך אין אַן ענגער פאַרבינדונג, ווי קולטור־פאַקטאָרן, וואָס שטאַמען פון איין מקור. דער יסוד, פון וועלכן עס קוועלט ארויס דאָס געשיכטלעכע לעבן, איז דער פאָלקס־גייסט און דער פאָלקס־גייסט איז די קאָנקרעט־געוואָרענע אידייע, וועלכע האָט, אָפּהענגיק פון קלימאַט און באָדן, אָפּהענגיק פון דער געשיכטלעכער ירושה, אירע ספּעציפישע אייגנטימלעכקייטן, כאַראַקטעריסטישע פאַר יעדער שטופע פון קולטור. יעדע עפּאָכע האָט זיך איר פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ, באַשטימט פונם גייסט; יעדע עפּאָכע שאַפט זיך איר כאַראַקטעריסטיש־באַזונדערן פאָלקס־גייסט, וועלכע דריקט קאָנקרעט אויס זיין גאַנצע ווירקלעכקייט אינם באַוואוסטזיין און ווילן פון מענטשן. אַזוי שאַפט זיך דער פאַראַלגעמיינערטער פּרצוף פון רעליגיע, פּאָליטיק, מאָראַל, רעכט; אַזוי שאַפט זיך דער עפּאָכע־פּרצוף פון דער וויסנשאַפט און קונסט, פונם טעכנישן פּראָגרעס און צוגעפּאַסטקייט.

אויב דער עקר פון דער וועלט־געשיכטע איז פאַרווירקלעכן די פרייהייט, קען די פרייהייט האָבן אַ ממשות נאָר דאַן, ווען עס וועט באַגרענעצט ווערן דער ווילקיר. צוליב דעם ווערט די מלוכה אַ פונדאַמענטאַל־געשיכטלעכע נויטווענדיקייט אָן וועלכער עס קענען זיך ניט אַנטוויקלען קיינע קולטור־פאָרמען. די מלוכה ווערט דער צענטראַלער פּונקט פון אַלע קאָנקרעטע זייטן פונם פאָלקס־גייסט: פון קונסט און רעכט; פון מנהגים און רעליגיע, פון דער וויסנשאַפט און מאָראַל, — בכלל פון דער גאַנצער פרייהייט, וואָס ווערט אַ רעאַלע דערשיינונג. אַ דאַנק די אַלע באַשטימונגען האָט העגעל זיך גענומען דאָס רעכט צו באַהויפּטן, אַז דער צענטער אין וועלכן עס קומען פאַר די פאַרענדערונגען פון די קולטור־היסטאָרישע פּרינציפּן איז די מלוכה, — אין דער מלוכה שפּילן זיך אָפּ אַלע וואַנדלונגען און פאַרוואַנדלונגען פון דער געשיכטע.

ווענדט מען אָן דעם שטאַנדפּונקט פון דער געשיכטספילאָזאָפיע, ווערט קלאָר, ווי אַזוי סען־סימאָן האָט ניט געוואָלט פאַרשטיין די געשיכ־

טע, — דאך איז פאראן א פארבינדונגס־פּאָדים צווישן העגעלס און סען־סימאָנס פאַרשטייַן די געשיכטע. קודם כל, דאס באַזונדערע אונטער־שטרייכן און אויסטיילן די סאָציאַל־פּסיכישע איינהייט פון די פאַרשידענע קולטור־עלעמענטן און דאן אינם איינטיילן די געשיכטע אין קולטור־עפּאָכן, אָפּהענגיק פון דער געשטאַלטונג פון די עלעמענטן און אינם כוח פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג. און דער אונטערשייד צווישן זיי ביידע באַשטייט אין דעם, וואָס סען־סימאָן וויל דערווייזן די סאָציאַל־פּסיכישע איינהייט פון דער וויסנשאַפט, מאָראַל, רעליגיע און פּאָליטיק פונם שטאַנד־פּונקט פונם אינטעלעקטועלן באַטראַכטן די געשיכטע; ער נעמט אָן דעם אינטעלעקטועלן פּאָרשריט פאַר אַ הויפּט־יסוד און קומט צום אויספיר, אַז דער היסטאָרישער פּאָרגאַנג דאַרף באַטראַכט ווערן היפּאָטעטיש. בעת העגעל האַלט, אַז דער איינציקער כוח, וואָס באַוועגט די געשיכטע איז דער וועלט־גייסט, — אַ כוח, וואָס באַהערשט אַלץ און אַלעמען.

פאַרגלייכט מען העגעלס באַטראַכטן די געשיכטע מיט סען־סימאָנס מעטאַדישער מיינונג, ווערט קלאָר, אַז סען־סימאָן האָט אויסגעטייטשט די היסטאָרישע דערשיינונג פּאָזיטיוו, וויסנשאַפטלעך, — בעת באַ העגעלן פאַרנעמט דאָס חשובסטע אָרט דער סוביעקטיווער מאָמענט וואָס פירט די מעטאַפיזישע היפּאָטעזן, וועלכע זיינען ממלא אַפריאָרי דעם זין פונם היסטאָרישן פּראָצעס; אין דעם פאַל טראָגן די היסטאָרישע דערשיינונגען ניט אַ קויזאַלן, סבותדיקן כאַראַקטער, נאָר זיי ווערן דערקלערט פון אַ טעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, אויפגעפאַסט, ווי אַ פאַרגאַנג, וואָס באַקומט זיין ווייטערדיקע אנטוויקלונג אינם איבעראינדיווידועל־פאָרגעשריבענעם צוועק. סען־סימאָן האָט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אַנגעווענדן אויף די עקאָנאָמישע טאַטזאַכן און די פאָרם פון דער מלוכה האָט באַ אים געשפּילט אַ צווייטראַנגיקע באַדייטונג, דאַקעגן פאַר העגעלן איז די מלוכה געווען דער גאַנצער מקור פונם סאָציאַלן כוח, ווייל די מלוכה איז פאַר אים געווען דער באָדן, אויף וועלכן עס שפּראָצט די קולטור, און דערפאַר איז די מלוכה די הויפּט־באַדינגונג פון אַלע מנהגים אין סתירה צו סען־סימאָנס אַנשויאונגען, וועלכע, שילדערן די מיטלען, מיט וועלכע די הערשנדיקע קלאַסן האָבן אונ־טערדריקט די נידעריקע פאָלקס־שיכטן.

די העגעלשע פילאזאפיע האָט געהאט א גרויסע ווירקונג ניט בלויז אפן אנטוויקלונגס-גאַנג פונם געשיכטע־פילאָזאָפישן דענקען, נאָר זי האָט אויך געשאַפן אַ גרונטשטיין פאַר סאָציאַלע און סאָציאַליסטישע טעאָריעס.

לויט קאַרל מאַרקס האָט פאָרמולירט דעם קלאַסנקאַמף, האָט ער פאַר־געוואָרפן די דערפינדער פון די קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע סיס־טעמען, בתוכם אויך סען־סימאָנען, אז אויב זיי האָבן אפילו אנערקענט די קלאַסן־סתירות אינם פאָליטישן קאַמף, האָבן זיי דאָך פאַרזען דעם הויפּט־מאָמענט פונם סאָציאַלן לעבן, וועלכער דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס די עלעמענטן פונם פאָליטישן קאַמף האָבן ארויסגעוויזן איינע די צווייטע אַ ליידנשאַפטלעכן ווידערשטאַנד. קאַרל מאַרקס האָט אנגעוויזן, אַז די אַלע דערפינדער האָבן ניט באַמערקט די געשיכטלעכע זעלבסט־טעטיקייט פונם פּראָלעטאַריאַט און ניט געזען די אייגנטימלעכע פאָרן פּראָלעטאַריאַט פּאָ־ליטישע באַוועגונג. געוויס איז קאַרל מאַרקס אורטייל ריכטיק, אבער ער איז ניט חל אַף סען־סימאָנען. שוין אין די „בריוו פון אַ גענטפער”, וואו סען־סימאָן שטרייכט אונטער דעם קאַמף צווישן די פעאָדאַלן און דער בורזשואַזיע, ווייזט ער גלייכצייטיק אָן אַף אַ צווייטן קאַמף, — אַפן קאַמף צווישן „די, וואָס באַזיצן אייגנטום” און צווישן אַזעלכע, וואָס „באַזיצן ניט קיין אייגנטום”. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז סען־סימאָן האָט ניט קלאָר פאָרמולירט דעם מהות פון אַזאַ קאַמף, ווייל ראשית האָט די עפּאָכע אים ניט געליפערט די נויטיקע מאַטעריאַלן, און צווייטנס האָט ער דעם פּראָ־צעס באַטראַכט פון זיין בהדרגהדיקער אנטוויקלונג, אבער דער כאַראַקטער פונם קאַמף ווערט בולט, ווען סען־סימאָן שרייבט צו דעם פּראָלעטאַריאַט פאָלגנדיקע ווערטער: „איר זענט רייך, מיר זיינען ארים. איר ארבעט מיטן קאָפּ, מיר מיט די הענט. דער פועל־יוצא איז, אז מיר מוזן אייך זיין אונ־טערטעניק”.

און ניט בלויז סען־סימאָן, נאָר אפילו לוי בלאַנק, וועלכער האָט גע־ווירקט פיל שפּעטער פון סען־סימאָנען, האָט זיך אין 1845־טן יאָר גע־ווענדן צו די רייכע וועגן פאַרבעסערן דעם גורל פון די פּראָלעטאַריער. מ׳קען אבער ניט אפּלייקענען, אז סיי סען־סימאָן, סיי לוי בלאַנק און די אנדערע אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן האָבן ניט אויסגעטיילט דעם פּראָ־

לעטאַריאַט, ווי א קלאַס, און ניט זיי זיינען שולדיק אין אזא טעות, — די שולד דאַרף מען זוכן אין דער אַלגעמיינער געשיכטלעכער לאַגע: דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך געהאַלטן ערשט אין אויסקריסטאַליזירן, אַלס קלאַס, ער האָט ערשט אנגעהויבן שאַפן זיין קאנקרעטן אינהאַלט און פונם עמבריאָן האָבן די אוטאָפּיסטן נאָך ניט געקענט אורטיילן וועגן אויסזען פונם קינפטיקן געוויקס, אָבער סען־סימאָן האָט דעם ערשטן פאַרדינסט פאַרן אַנווייזן, אַז אַזאַ קלאַס הויבט אָן וואַקסן און זיך קריסטאַליזירן.

דער פּראָלעטאַריאַט, ווי א געזעלשאַפטלעכער קלאַס, איז דער הויפּט־רעזולטאַט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789־טן יאָר. ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן עקזיסטירט בלויז דריי שטאַנדן: די אַריסטאָקראַטיע, די גייסטלעכע און דער המון אין אַלגעמיין. ערשט די, וואָס האָבן באַפרייט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, מנצח געווען טוליערי; די, וואָס האָבן געבראַכט צום אויסדרוק ראָבעספּיערן און געשאַפן העגריאָטס גוואַרדיע, — אָט די פאַרדינען אנגערופן צו ווערן מיטן נאָמען פּראָלעטאַריער. ערשט מיט זייער אויפטרעטן הויבט זיך אָן דערווירקלעכער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס באַגרייפט באַוואוסטזיניק זיין פּאָטענציעל־אומדערשעפּלעכן גרויסן כוח, שטאַרקן מוט און איינהייט; — ערשט דאַן הויבט אָן דער פּראָלעטאַריאַט צו אנערקענען די מעגלעכקייט פון פאַרווירקלעכן זיינע פּלענער דורך רעוואָלוציעס, — דער פּראָלעטאַריאַט געפינט זיין אנגעצייכנטן אָרט אין דער געשיכטע און ווערט אַ רעוואָלוציאָנערער קלאַס.

דאָס, וואָס נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן זיך מיט אַ שטאַרקער רעליעפקייט אנגעהויבן אויסבילדן די קלאַסנשטאַנדן, דאַרף מען זוכן אין די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן. דער פּראַלעטאַריאַט, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פונם בירגערלעכן טייל פונם פאָלק, — דאָס איז געווען א רעזולטאַט פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, וועלכע האָט נאָך דער רעוואָלוציע אַנגענומען א גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, און קוים האָבן זיך די שטאַנדן דיפערענצירט, האָט זיך אנגעהויבן דער קאַמף צווישן זיי, — צוליב א גאַנץ פּשוטער סבה: די בורזשואַזיע איז אַ פּריווילעגירטער קלאַס, וואָס שטרעבט צו פאַרגרעסערן דאָס אינדיווידועלע אייגנטום. מיט וועמענס כוחות עס

קומט פֿאַר די אנהויפּונג פֿון די אינדיווידועלע רייכטימער איז אויך קלאָר און דערפֿאַר וועט דער פּראָלעטאַריער שטענדיק זען אינם קאַפּיטאַליסט זיין פֿערזענלעכן שונא. מיטן וואוקס פֿונם מאַטעריעלן לעבן האָט זיך בכלל אנגעהויבן אַ שטאַרקע דיפֿערענציאַציע צווישן די ביידע קלאַסן, דערביי קומען צו פֿאַרשידענע אומשטענדן, וואָס אנטוויקלען די באַדייטונג פֿונם מאַטעריעלן לעבן, אָדער אומשטענדן, וואָס פֿאַרמינדערן די באַדייטונג, אַוועקשטעלנדיק דאָס מאַטעריעלע להלוטין אין אַ זייט, — אָבער די אנטוויקלונג גופֿא שטרעבט אומאויפֿהערלעך פֿאָרויס און ווערט דורכגעדרינגען מיט אנטשיידנדיקע, מאַטעריעל־אויסגעבילדעטע און אינערלעך־באַוואוסטע סתירות.

אַזאַ מין פּרעציזירן די איינצלנע פּרינציפּן פֿונם אויפֿפֿאַסן די געשיכטע האָט געשאַפֿן אַ וויכטיקן באַשטאַנדטייל פֿאַרן אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן בנין און אין אַזאַ אופֿן, אַז די גאַנצע עקאָנאָמישע באַטראַכטונג פֿונם סאָציאַלן לעבן און זיינע קאָנסעקווענצן, וועלכע סען־סימאָן האָט אנגעוויזן, האָבן באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג פֿאַרן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, פֿון וועלכן דער שאַפֿער איז געווען קאַרל מאַרקס.

פּרודאָן האָט פֿאָרמולירט, אַז דער אונטערשייד צווישן מענטש און חיה באַשטייט אין דעם, וואָס דער מענטש ווענדט זיך צו אַרבעט. קאַרל מאַרקס איז ניט מסכים געווען מיט אַזאַ פֿאָרמול און האָט אנגעוויזן, אַז דער אויסשליסלעכער יסוד פֿונם מענטשלעכן דאַזיין איז די עקאָנאָמישע פּראָדוקציע. די עקאָנאָמישע פּראָדוקציע איז ניט בלויז אַ פֿאַרבאַדינג פֿון יעדער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט, — נאָר די אייגנאַרטיקייט פֿון דער עקאָנאָמישער פּראָדוקציע פֿאָרמעוועט איבערהויפּט אויס דאָס געשטאַלט פֿונם סאָציאַלן לעבן און אַ דאַנק דעם זיינען דיווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן די סאָציאַלע אור־סבה, דאָס עקאָנאָמישע לעבן איז דער געזעלשאַפֿטלעכער יסוד, וואָס באַשטימט דעם סאַכאַקל פֿונם אַלגעמיינעם געזעלשאַפֿטלעכן זיין.

די סאָציאַלע עקאָנאָמיע איז אַ בנין, וואָס האַלט זיך אין שטענדיקן וואַנדלען. דאָס כאַראַקטעריסטישע פֿון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיע איז איר פֿאַרענדערלעכקייט און אַלע אירע וואַנדלונגען קומען פֿאָר אויף אַ געזעצ־

מעסיקן יסוד. בייטן זיך די פֿאָרמען, בייטן זיך צוזאַמען מיט זיי אַלע סאָציאַלע רייען, אָפּהענגיקע פֿון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיע און אַף אַזאַ אופֿן ווערן די עקאָנאָמישע סבות די אַבסאָלוט־פּרימערע פֿאַקטאָרן, וואָס שאַפֿן דעם רעאַלן יסוד, פֿון וועלכן עס זיינען אָפּהענגיק אַלע איבעריקע פֿאַקטאָרן. ניט בלויז רעכט און פּאָליטיק, — וויסנשאַפֿט, פֿילאָזאָפֿיע, קונסט, רעליגיע און מאָראַל, — אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם די דערשיינונגען זאָלן אינדיווידועל ניט אויפֿטרעטן זיינען זיי אַלץ אָפּשפּיגלונגען פֿון אַ באַשטימטער שטופֿע אינם עקאָנאָמיש־טעכנישן באַשטאַנד. אין אַלע אירע פֿאַרשידענע פֿאָרמען דאַרף די סאָציאַלע אידעאָלאָגיע באַטראַכט ווערן, ווי אַן אָפּקלאַנג פֿונם ווירטשאַפֿטלעכן לעבן: דער ווירטשאַפֿטלעכער פּראָדוקציע־פּראָצעס איז דאָס פֿונדאַמענטאַלסטע און די אינטעלעקטועלע דערשיינונגען זיינען אַ רעפֿלעקס פֿונם פּראָדוקציע־פּראָצעס.

זיין גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט האָט דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם געווענדעט אַף די רעכטלעכע און פּאָליטישע אידייען. אידייען זיינען קיינמאָל ניט געווען אַן ערשטע סבה, אָבער זיי זיינען אַ פּועל יוצא פֿון דער עקאָנאָמיק און דריקן שטענדיק אויס די אינטערעסן פֿון אַ קלאַס, וואָס באַלעבאַטעוועט איבער די פּראָדוקציע־מיטלען. דער עקאָנאָמישער יסוד ווייסט ניט פֿון אַ פֿאַרגליווערונגס־צושטאַנד, — ער לעבט איבער פֿאַרשיידענע וואַריאַציעס, איינשליסנדיק אין זיך דאָס וואַנדלען פֿון די אידייען, די ענדערונגען קומען פֿאַר פֿאַרשידנאַרטיק, אַמאָל לאַנגזאַם און אַמאָל שנעלער, ווערנדיק באַגלייט פֿון צוויי כאַראַקטעריסטישע טאַטזאַכן: סאָציאַלע קאָנפֿליקטן און קלאַסנקאַמף. לויטן אינהאַלט זיינען די סאָציאַלע קאָנפֿליקטן דער אָביעקטיווער רעזולטאַט פֿון די אַנטאַגאָניזמען אין דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג, וועלכע שליסט אין זיך אויך איין די רעכטלעכע אָרדנונג, איבערהויפּט די אייגנטום־פֿאַרהעלטנישן, ווידער דער עקאָנאָמישער באַזיס גופֿא און דער קלאַסנקאַמף זיינען דאָס סוביעקטיווע, פֿון וועלכן עס שטאַמען אַרויס די סתירות, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אינם פּאָליטישן לעבן.

פֿון צייט צו צייט ווערט דער היסטאָרישער פּראָצעס אונטערגעבראָכן פֿון סאָציאַלע רעוואָלוציעס און דער טרייבנדיקער כוח פֿון דעם איז דער

קלאַסנקאַמף, וואָס שטאַמט פונם סאָציאַלן אַנטאַגאַניזם און איז זיך סומך אויפן ווירטשאַפטלעכן יסוד. די גאַנצע געשיכטע איבערהויפּט איז אַ גרויסע קייט פון קלאַסנקאַמפן, אין וועלכע פרייע מענטשן און שקלאַפן, פּאַטריציער און פּלעבייער, פעאָדאַלן און לייבאייגענע, צעך־בירגער און געזעלן, — אַלע באַהערשטע פון סתירותדיקע אינטערעסן, שטייען איינע קעגן די צווייטע, ווי אונטערדריקער און אונטערגעדריקטע און פירן צווישן זיך פאַרמאַכטע און אָפענע קאַמפן. ווי סען־סימאָן און זיין תלמיד באַזאַר, אין דעם, וואָס איין טייל פון דער געזעלשאַפט עקספּלואַטירט דעם צווייטן טייל, האַלט אויך קאַרל מאַרקס, אַז דאָס איז די כאַראַקטעריסטישסטע דערשיינונג פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דעם נעמט זיך דער קאַמף פון די אונטערגע־דריקטע קעגן זייערע אויסנוצער, — אַ קאַמף, וואָס פירט צום אומוואַרפן די גאַנצע געזעלשאַפט און אין וועלכן די פיינטלעכע פּאַרטייען ווערן לחלוטין פאַרשלינגען.

די אַנטשטאַנענע אין רעוואָלוציע בירגערלעכע געזעלשאַפט האָט ניט פאַרווירקלעכט די סאָציאַלע האַרמאָניע. בלי ספק, — דער הערשנדיקער קלאַס האָט פאַרבעסערט זיין סאָציאַלע מאַכט, אָבער מיטן שאַפן אייגענע פּריווילעגיעס. זיינען אַנטשטאַנען נייע באַדינגונגען, וואָס האָבן געשאַפן אַ יסוד פאַר ווייטערדיקע נייע קאַמפן.

די בורזשואַזיע האָט געמוזט דורכמאַכן אַ לאַנגע רייע אַנטוויקלונגען ביז זי האָט דערגרייכט צו איר ריכטיקער סאָציאַלער באַדייטונג. פונם פאַר־קנעכטעטן מענטש האָט זיך אויסגעבילדעט דער עלעמענט, וואָס האָט גע־מוזט וואוינען אויסער דער שטאָט און ניט געניסן פון קיינע רעכט און אָט פון די רייען זיינען אַנטשטאַנען די ערשטע אָנפאַנגער פון דער אינדוסטריע, וועלכע האָבן מיט באַזונדערן אימפּעט אָנגעהויבן שפּרייטן זייער מאַכט לאָרכה ולרחבה. לעגדער, וואָס זיינען געווען פאַלקאָם געשלאָסן פאַר דער ציוויליזאַציע, האָבן זיי דעראָבערט און אַ דאַנק דעם זיינען זיי געוואָרן אַ געפאַר פאַר דער פּריציש־פעאָדאַליסטישער אָרדנונג. די אַנטשטאַנענע אינ־דוסטריע האָט בהדרגהדיק צעבערעקלט די פעאָדאַליסטישע אָרדנונג, ביז דער בנין איז לחלוטין אומגעפאַלן. די מאַכט פונם פעאָדאַליזם איז פאַרשוואונדן און מיט ריזנהאַפטע שריט האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די נייע סאָ־

ציאלע מאכט. די מאנופאקטורן, וואס האבן ארויסגעשטויסן דאס צעכן־סיסטעם, האבן גופא געמוזט אפטרעטן אף א צווייטן פלאן און אף זייער ארט האט זיך אנטוויקלט א גרויסע מאשינטעכנישע אינדוסטריע. דאמף, עלעקטריציטעט און מאשינען האבן רעוואלוציאניזירט די אינדוסטריעלע פראדוקציע און במקום אן אינדוסטריעלן מיטלשטאנד זיינען די מיליאנערן פון דער אינדוסטריע, באלעבאטים איבער גאנצע ארמייען פון דער אינדוסטריע, — עס איז אנטשטאנען די גרויס־קאפיטאליסטישע בורזשואזיע.

די אנטוויקלונג פונם עקאנאמישן פארשריט געפינט זיך שטענדיק אין אן ענגן צוזאמענהאנג מיט די פאליטישע פארהעלטענישן. דאס איז געווען סען־סימאנס אן אנשויאונג און קארל מארקס האט די אנשויאונג פאראפראזירט: לכתחלה האבן די פריצים אונטערדריקט די אינדוסטריעלער, נאכהער הויבט זיך אן די באפרייאונג פון די קאמונעס, אין א צייט ארום ווערן די אינדוסטריעלער די אנגריפער פונם אדל און מיטן נצחון פון די אינדוסטריעלער ווערט געלייגט א יסוד פאר גרויסע מאנארכיעס. די אינדוסטריעלער האבן געשאפן א מלוכה־פארם, וואס זאל דינען זייערע אינטערעסן און אין תוך גענומען איז די מלוכה־מאכט ניט מער, ווי א פארוואלטונג אנצופירן מיט די אלגעמיינע אינטערעסן פונם בורזשואזן קלאס.

א גרויסע צעשטערנדיקע ווירקונג האבן געהאט די סאציאלע און אינטעלעקטועלע פארענדערונגען, וועלכע עס האט מיט זיך מיטגעבראכט דער אויפשטייג פון דער בורזשואזיע. אין די צייטן פון אירע ערשטע אויפשטייגן האט די בורזשואזיע געשפילט א באשטימטע רעוואלוציאנערע ראל אין דער געשיכטע, אומעטום, וואו די בורזשואזיע איז געקומען צו דער הערשאפט האט זי צעשטערט די פעאדאל־פריצישע, פאטריארכאלישע און אידילישע פארהעלטענישן, זי האט אנטגילטיק געמאכט א סוף צו דער פעאדאליסטישער קליקע און האט באוויזן, אז דאס איינציקע, וואס פאראייניקט מענטשן צווישן זיך, — איז דער הוילער אינטערעס. די בורזשואזיע האט אויפגעדעקט די צביעות פון דער פרומקייט און אלעס האט זי דערטרינקען אינם קאלטן אייז פון עגאיסטישע חשבונות. די בורזשואזיע האט אראפגעוואשן אלעס: די מענטשלעכע ווירדע האט זי אנגעהויבן מעסטן לויטן

סכום פון קעשענע־גיטער און אַפֿן אַרט פון דער דערשבערטער אויסגע־קעמפּטער פּריוואַטהייט האָט זי באַפּעסטיקט דעם פּרינציפּ פון אַ געוויסנס־לאָזער האַנדלס־פּרייהייט. מיט איין וואָרט: במקום דעם פריערדיקן אויס־נוצן דעם מענטש, איינגעהילט אין פּאָליטישע און רעליגיעזע אילוזיעס האָט די בורזשואַזיע איינגעפירט אַן אָפענע, דירעקטע, אומפאַרשעמטע און אומ־באַרמהערציקער אויסנוצונג. די בורזשואַזיע האָט אַראָפּגעריסן די הייליקייטס־שלייערן פון אַלעם און אַלעמען, יעדן מיטגליד פון דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט, — דעם מעדיקער, יוריסט, גייסטלעכן, דיכטער און וויסנשאַפטלער, — האָט זי פאַרוואַנדלט אין לוין-אַרבעטער. דאָסזעלבע האָט די בורזשואַזיע אויך געמאַכט אינם משפחה־לעבן: זי האָט אַרויס־געריסן פונם משפחה־לעבן דעם סענטימענטאַלן אינהאַלט און עס פאַר־וואַנדלט אין אַ פּשוטן געשעפט־אַפּמאַך, אין אַ געשעפט־פאַרהעלטעניש, אין וועלכן עס זיינען פאַרטראַטן צוויי פאַרשידנאַרטיקע צדדים.

די טעכניש־פאַרפאָלקאָמטע אינדוסטריע האָט געמאַכט אַן איבערקע־רעניש אינם אַלגעמיינעם מענטשלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס איז פאַר־שוואונדן די ביז־אינדוסטריעלע סאָציאַלע סטאַביליטעט. דאָס סאָציאַלע לעבן גופא איז געוואָרן אומשטאַנדהאַפטיק און דאָס האָט געפירט אַז אויסגערעכנט־קאַלטבלוטיק זאָלן זיך מענטשן שטעלן איינע קעגן די צווייטע, אַלץ, — ווייל עס פעלט די איינהייטלעכע אידייע, וואָס זאָל צענויפ־נעמען, באַהעפטן און באַהערשן די מענטשן. און דאָס האָט זיך אויסגע־שפּרייט ניט אויף אַ באַגרענעצטן שטח, נאָר די גאַנצע וועלט איז געוואָרן אַנגעשטעקט פון אַזאַ צושטאַנד, ווייל פעלקער און לענדער זיינען צווישן זיך פאַרבינדן און דער איינהייטלעכקייט פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויק־לונג אַנטשפּרעכן די רעזולטירנדיקע סאָציאַלע און אינטעלעקטועלע דער־שיינונגען.

סען־סימאָן האָט באַזונדערס באַטאָנט, אַז די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט געפירט צו אַ סאָציאַלן קריזיס, — עס האָט געפעלט דער פאָדים, וואָס זאָל די מענטשן צווישן זיך פאַרבינדן און אַנשטאָט פאַרבינדלעכקייט הערשט אַנאַרכיע. אָבער דאָס האָט באַדאַרפט באַטראַכט ווערן, ווי אַ צייטווייליקער צושטאַנד, ווי אַן איבערגאַנגס־עפּאָכע, וואָס

וועט פירן צו א סאָציאַלער פעסטקייט און דיזעלבע כוחות, וואָס האָבן ארויסגערופן די אנארכיע, וועלן פון זיך אויסטיילן א כוח, וואָס וועט רע־גולירן די עקאָנאָמישע פּראָדוקציע. דאס קינפטיקע סאָציאַלע סיסטעם וועט זיך אויסדריקן אין א העכערער געזעלשאַפטלעכער פאָרמאַציע און די יסודות פאַרן נייעם סאָציאַלן סיסטעם וועלן אויסוואקסן אינם קאַפּיטאַ־ליזם גופא, — דאָסזעלבע, ווי דער קאַפּיטאַליזם איז אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן אינם פעאָדאַליסטיש־פּריצישן סיסטעם. ווי צווישן דעם פעאָדא־ליסטישן באַגריף וועגן אייגנטום און אייגנטום־פאַרהעלטענישן און די אינ־דוסטריעלע פּראָדוקציע־כוחות האָט זיך געשאַפן אַן אומדורכגענגלעכע סתירה, — אזוי מוז אויך פאָרקומען אַן ענדערונג אין דער רעכטלעכער ארדנונג, וואָס שטייט אין סתירה צו די עקאָנאָמישע יסודות, ווייל די עקאָנאָמישע פּראָדוקציע איז דער כוח, וואָס לעגיטימירט די סאָציאַלע אנארכיע, כדי צו באהערשן די פּאָטענץ־ווירקנדיקע פּראָדוקציע־כוחות אַף אַזאַ אופן, אז זיי זאָלן דינען לטובת דעם כלל.

און געבויט איז עס נישט אַף השערות, — נאר אַף די ריכטיקע פאקטן פון דער געשיכטע. די געשיכטע פון דער אינדוסטריע און האנדל איז א געשיכטע, ווי אזוי די פּראָדוקציע ־ כוחות גרייפן אַן די פּראָדוקציע־פאַרהעלטעניש, דאָס אייגנטום, וואָס איז דער הויפּט־נערוו און די איינציקע לעבנס־עקזיסטענץ פון דער בורזשואַזיע און איר הערשאַפט. מיט אַ געוויסער אויסגערעכנטקייט קומען פאַר פּעריאָדיש עקאָנאָמישע קריזיסן אינם האַנדל פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט און אַ דאַנק דעם גייען פיל עקאָנאָמישע כוחות לאיבוד. עס הערשט א שטענדיקע איבערפּראָדוקציע, אַן איבער־פלוס פון פּראָדוקטן אַן פאַרווענדונג, און אין דערזעלבער צייט לעבן די מאסן אין ארימקייט און דחקות. דער האנדל ווערט פּאַראַליזירט, די פּראָ־דוקציע אָפּגעשוואַכט און די בירגערלעכע געזעלשאַפט איז נית ביכולת צו פאַרווערטן די רייכטימער, וועלכע זי גופא האָט געשאַפן. און אָט אין דעם איז דער סכסוך צווישן דער רעכטלעכער ארדנונג און די עקאָנאָמישע יסודות, וואָס זיינען דער גורם פון אַלע מיסשטענדן: די סאָציאַליזירנדיקע פּראָדוקציע האַרמאָניזירט נית מער מיט די אייגנטום ־ פאַרהעלטנישן, אויפגעשטעלטע אַפן אינדיווידועלן באַזיס, — פאָדערט די צעשטערטע

הארמאָניע, אז דער סכסוך זאָל מעגלעכסט געלייזט און אנטשיידן ווערן.

אבער לייזן און אנטשיידן דעם סכסוך קען אויסשליסלעך נאָר דער קלאַס וואס ליידט אממערסטן פון דער קאפיטאליסטיש -ווירטשאפטלעכער ארדנונג, — דער פּראָלעטאַריאַט. פונם פּראָלעטאַריאַט האָט מען געמאַכט אַ פּראָדוקט, וואס איז אין זיין ווערט אפהענגיק פון דער מארק-קאָניונקטור. די ארבעט האָט פארלוירן יעדן כוח - המושך און מיט איר איינטאָניקייט און איינפארמקייט רואינירט זי דעם פּראָלעטאַריער פיזיש און גייסטיק, אפילו פרויען און קינדער ווערן אומרחמנותדיק עקספּלואַטירט און זיינען אַ געפאַר, אז דורך זיי זאָלן די מענער ארויסגעשטופּט ווערן פון דער ארבעט. אָבער גלייך, דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אויסגעפורעמט אין אַ קלאַס, האָבן זיך באַלד באוויזן די סתירות: לכתחלה איינצלנע ארבעטער, נאָכהער ארבעטער פון אַ גאַנצער פאבריק ביז דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט הויבט זיך אָן אָרגאַניזירן אין קאַמף קעגן זיינע אונטערדריקער. דער קאַמף נעמט אָן שרעקלעכע פארמען: מ׳צעשלאָגט די מאַשינען, מ׳פארברענט פאַבריקן, מ׳פארניכטעט סחורות. אָבער אזעלכע פארמען פון קאַמף האַלטן לאַנג ניט אָן, — זיי נעמען מיט דער צייט אָן אַ גאַנץ אנדערן כאַראַקטער. וואס מעכטיקער דער פּראָלעטאַריאַט וואַקסט, אַלץ דיסציפּלינירטער ווערן זיינע רייען. אַ צונויפגעפּרעסטער אין די פאבריקן פון די גרויסע שטעט, אַנטוויקלט זיך אינם פּראָלעטאַריאַט דער באוואוסטזיין פון צוגעהעריקייט צו אַ באַשטימטן קלאַס. די פּראָלעטאַריער דערפאַרן די אַלגעמיינהייט פון זייערע אינטערעסן און פון דעם הויבט זיך אָן דער אָרגאַניזירטער קאַמף פונם אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, אַ דאַנק וואס די לאַגע פונם ארבעטער ווערט בהדרגהדיק פארבעסערט. אָבער ניט דאַס איז נאָך ביכולת אויסצוווארצלען דעם סאָציאַלן איבל. די עמאַנציפּאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט גייט פאָרווערטס און ממשות קען זי באַקומען נאָר דאַן, ווען עס וועט זיך אנטגילטיק ענדערן די סאָציאַלע ארדנונג און אין אזא אופן, אַז די גאַנצע פּראָדוקציע זאָל זיין קאָנצענטרירט אין אַסאָציאַציעס. איז די פראַגע, ווי אזוי און מיט וועלכע מיטלען זאָל די אַסאָציאַציע באַשאַפן ווערן? פרידריך ענגעלס האָט אָנגעוויזן, אַז די אַסאָציאַציע קען געשאַפן ווערן נאָר אין דעם פאַל, ווען עס זאָל אנערקענט ווערן די געזעלשאַפטלעכע נאַטור פון די מאָדערנע

פּראָדוקציע ־ כוחות, אדער אנדערש געזאָגט — ווען דער סדר פון דער פּראָדוקציע, אייגנטום און פּראָדוקטן ־ אויסטויש זאָלן זיך האַרמאָניזירן מיטן געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון די פּראָדוקציע ־ מיטלען און געשען קען עס נאָר דאַן, ווען די געזעלשאַפט גופא וועט איבערנעמען אין איר רשות דאָס אָנפירן מיט די אויסגעוואַקסענע און צעבליטע כוחות. זאָל מען זיך דערביי באַנוצן מיט סען־סימאָנס אַן אויסדרוק וועט עס הייסן, אַז דאָס אָרט פון דער אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע וועט פאַרנעמען אַן אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, וואָס וועט רעגולירן די פּראָדוקציע אויף אַ פּלאַנמעסיקן אופן. אַזאַ וועלטגעשיכטלעכע אַקציע וועט זיין דאָס ווערק פונם פּראָלעטאַריאַט, וואָס קעמפט פאַר זיין פרייהייט, אין אַן אָפענער רעוואָלוציע וועט דער פּראָלעטאַריאַט איבערנעמען אין זיין רשות די פּראָדוקציע ־ מיטלען, צענטראַליזירנדיק זיי און ווייט־מעגלעך, וועט ער אַנטוויקלען דעם אינדוסטריעלן פאָרשריט. אויב די מאָדערנע מלוכה איז אויפגעבויט אויף דער סתירה פון קלאַסן און דער הערשנדיקער קלאַס פירט אָן אַ סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע, — וועט אַזאַ מלוכה, ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט איבערנעמען די מאַכט, אָפּגעשאַפט ווערן און די קלאַסן־סתירות, וועלכע קענען האָבן אַ קיום בלויז אין דער בירגערלעכער אָרדנונג, וועלן לחלוטין פאַרשוואונדן. עס וועט מער ניט זיין אַ רעגירונג פון פערזאָנען, — עס וועט זיין אַ פאַרוואַלטונג איבער זאַכן און אַן אָנפירונג מיטן פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע. די געזעצן פונם געזעלשאַפטלעכן טון, ווי די נאַטור געזעצן וועלן אַנגעווענדן ווערן מיט זאַך־פאַרשטענדעניש און דורך דעם וועלן דיזעלבע געזעצן אויך באַהערשט ווערן. די פאַרגעזעלשאַפטונג פונם מענטשן, וועלכע איז באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ געצוואונגענע זאַך פון דער נאַטור און מענטשן, וועט ווערן אַ פרייע טאַט פון מענטשן. די אָביעקטיווע, פרעמדע מאַכטן, וואָס האָבן באַהערשט די געשיכטע, וועלן זיך געפינען אונטערן קאָנטראָל פון די מענטשן גופא און דאַן וועלן די מענטשן אין זייער פולן באַוואוסטזיין שאַפן און מאַכן זייער אייגענע געשיכטע. פון קרייז פון נויטווענדיקייט וועט די מענטשהייט אַריבער אין איר מלוכה פון פרייהייט.

קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס האָבן פונם סאָציאַליזם געמאַכט אַ

וויסנשאפטלעכע דאקטרין און דאָס שיידט אָפּ זייער סאציאליזם פונם סאָ־ציאליזם פון א סען-סימאָן, שארל פוריע, ראָבערט אָווען און קאַבע. די אוטאָפּיסטישע סאציאליסטן האָבן געשטרעבט צו ענדערן דאָס סאציאַלע סיסטעם דורך אַ מין פאַנטאַסטישער מלוכה פון פילאַנטראָפּן און דערפאר האָבן זיי געמוזט געווינען פאר זייערע צוועקן די רייכע שיכטן און מענטשן. זיי האָבן גערעכנט, אז דאָס איז די ריכטיקע רפואה פארן סאָציאַלן גליק פונם מענטשן, און דערפאר האָבן זיי זיך געהאַלטן פאר די נביאים פונם אמת. דער זשעני פונם מענטשן האָט אנטדעקט די מלוכה פונם שכל, און דער שכל דאַרף פירן צום שאפן א נייע וועלט. צו דעם צוועק דאַרף מען גרינדן קאמוניסטישע קאָלאָניעס, ווי עס האָט געוואָלט ראבערט אָווען, אדער מ׳זאָל שאַפן פּאַלאַנגעס, ווי שארל פוריע האָט פארגעשלאָגן און וועט עס נאר געשען, וועט דער מארגנרויט פונם גליק באַשיינען די גאנצע מענטשהייט און א גלאַנץ פון א נייעם סאציאַלן לעבן וועט זיך אויסשפּרייטן איבער דער גאנצער וועלט.

קאַרל מאַרקס האָט געקרוינט די סאציאַלע אוטאָפּיעס מיטן נאָמען „שפּאַנישע שלעסער", ווייל די אַלע אוטאָפּיעס שוועבן אין דער לופט. די אוטאָפּיסטן האָבן אפּעלירט צום געוויסן פון די פארמעגלעכע מענטשן און צו די נידריקע שיכטן האָבן זיי זיך באַצויגן מיסטעריעז. זיי, די אוטאָ־פּיסטן, האָבן ניט געוואָלט אנערקענען דעם קאַמף פון די אונטערדריקטע שיכטן קעגן זייערע אונטערדריקער און וואָס שטאַרקער דער קאַמף האָט זיך אַנטוויקלט, האָבן די אוטאפּיסטן אַלץ שטאַרקער געפּריידיקט דעם שלום־בית, — זיי האָבן גערופן צו אַ מין פאַנטאַסטישן דערהויבן זיך איבערן קאַמף, און אין דעם איז באַשטאַנען זייער קארדינאַלער טעות; זיי האָבן זיך ניט קלאר אריענטירט אין די הערשנדיקע געזעצן פונם היסטארישן לעבן, און דערפאר האָבן זיי נישט תופס געווען דעם תמצית פונם קאַמף און פון דער היסטארישער אנטוויקלונג, וואָס פאַראורזאַכט צום סאציאַלן פּאָרשריט און אויפשטייג פון נייע סאציאַל־פּאָליטישע קלאַסן, באַרופענע צו ווערן אינספּירער פון נייע אידייען, צום געשטאַלטן אַ נייע טאַטזאַכלעכקייט און פירן די געשיכטע אַף די וועגן, אז ניט זי זאָל כלומרשט דעפינירן די ווירק־לעכקייט פון דער געזעלשאפט, נאר די געזעלשאפט גופא זאָל באַשטימען איר אינהאַלט, תמצית און אַנטוויקלונג.

קאַפּיטל צוויי

סען-סימאָן און קאַרל מאַרקס

עס איז אויסער שום ספק און קלאָר פאַרשטענדלעך, אַז קאַרל מאַרקס סאָציאַלע טעאָריע איז אויסגעוואַקסן אויף די יסודות פונעם סאָציאַלן גהינום, פון די טיפע סאָציאַלע וואַנדלונגען, וואָס זיינען געקומען ווי אַ פּועל־יוצא פונעם אינדוסטריעלן פאָרשריט. אָבער עס איז אויך ריכטיק, אַז קאַרל מאַרקס איז אָנגערעגט געוואָרן צו אַזאַ פאָרשן און טעאָרעטיזירן אונטערן איינפלוס פון זיינע אוטאָפּיסטישע פאָרלויפער; דער איינפלוס פון די פאָרלויפער איז געוואָרן דער מיטבאַשטימענדיקער מאָמענט פאַר די קאָנצעפּציעס פון זיינע אידייען און קלערט מען זיך אַנאַליטיש אַריין אין קאַרל מאַרקס לייסטונגען און פאַרגלייך מיט די לייסטונגען פון זיינע פאָרלויפער געפינט מען צווישן זיי אַן אונטערשיד פון אַ טיפּישער באַזונדערקייט.

ווייל מען באַגרייפן קאַרל מאַרקס סאָציאַלאָגישע טעאָריע אין איר ווירקלעכער באַדייטונג, איז ווייניק נעמען אין באַטראַכט בלויז די אוטאָפּיסטן, — מ׳מוז זיך אויך ווענדן צו דער פילאָזאָפיע פון שפּינאָזאַ, קאַנט און העגעל. בײַ אַלע דריי, — סיי בײַ שפּינאָזאָן, בײַ קאַנטן און העגעלן האָט קאַרל מאַרקס גענומען פאַרן שאַפן זיין גראַנדיעזן בנין, אָבער אַמערסטן האָט העגעלס פילאָזאָפיע באַאיינפלוסט קאַרל מאַרקסן און געהאַט די גרעסטע ווירקונג אויף דער אויסקריסטאַליזירונג פון דער מאַרקס־ענגעלסישער סאָציאַליסטישער טעאָריע. העגעל און מאַרקס באַגעגענען זיך קעגנזייטיק אין דעם, וואָס ביידע האָבן זיי זיך באַנוצט מיטן דיאַלעקטישן מעטאָד, ווי מיט אַ הילפסמיטל צום קענען אויסגעפינען די איינצלנע פאַרמען אינעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט. נאָך אַ גרעסערער צוזאַמענהאַנג איז פאַראַן צווישן העגעלן און מאַרקס אין דעם, וואָס ביידע האָבן זיי זיך געהאַלטן באַם אוניווערסאַלן שטאַנדפּונקט פון לייזן די היסטאָרישע פּראָבלעמען.

די העגעלשע געשיכטע־פילאָזאָפיע האָט אָנגעהאַלטן דעם מעטאָד פונעם מאָניסטישן אויסטייטשן די היסטאָרישע געשעענישן. אויך מאַרל מאַרקס

טעאָריע האָט אנגעווענדן דעם אופן פונם איינהייטלעכן דערקלערן די היס־טאָרישע טאַטזאַכן און דעמזעלבן שטאַנדפּונקט האָט קאַרל מאַרקס איבער־געטראָגן אויף אַלע אידייען: אויף רעכט, פּאָליטיק, מאָראַל, פילאָזאָפיע, וועלכע ער האָט עקאָנאָמיש פונדאַמענטירט. און גראַדע אויף דעם געביט האָט קאַרל מאַרקס ניט געמאַכט קיינע נייע אנטפּלעקונגען, ווייל ביז אים איז דאָסזעלבע אין אַ גענוגנדיקער מאָס שוין באַוואוסט געוואָרן. וועגן די אייגנטום־פאַרהעלטענישן אינם סאָציאַלן לעבן און זייער טויש זיך אין דער וואַנדלונג פון די צייטן, די סבה פונם פּאָליטישן פאָרשריט אונטער דער ווירקונג פון די טעכנאָלאָגישע דערפינדונגען און איבערהויפּט דאָס אָפּהענגיקייט פון די אידייען, פון די איינצלנע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן, די באַדייטונג פונם קלאַסן־קאַמף פאַר דער סאָ־ציאַלער עוואָלוציע, די באַזונדערע קלאַסן־דיפערענצירונג אין די איינצלנע עפּאָכן פון דער געשיכטע, די אוממעגלעכקייט באַקליידן מיט אנטשפּרע־כנדיקע פאָרמען די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, ניט־וויסנדיק זייערע אנטוויקלונגס־טענדענצן, — וועגן דעם אַלעם איז געזאָגט געוואָרן ביז קאַרל מאַרקסן. אָבער ביז אים האָט דאָס אַלעם ארויסגעזאָגטע אויף די געביטן גע־טראָגן אַ כאַראַקטער פון אנגעוואָרפענע, ניט־סכעמאַטיזירטע רעפלעקסן, — האָט קאַרל מאַרקס פון די רעפלעקסן אראָפּגענומען דאָס אַבסטראַקטע הייטל, צוזאַמענגעפּאַסט זיי און צוזאַמענגעבונדן אין איין גאַנצקייט און פון דעם געשאַפן זיין אומשטערבלעכן בנין, — דעם היסטאָרישן מאַטעריא־ליזם, און דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם איז עפּעס מער פונם געזאָגטן: דער מאַרקסישער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם איז די טעאָריע פונם אַב־סאָלוט־איינהייטלעכן באַגרייפן דאָס געזעלשאַפטלעכע געבילד, וועלכעס איז אנטשטאַנען פון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיע, — אַ טעאָריע, וועלכע איז אַ פּועל־יוצא פון קאַרל מאַרקס פּאָליטישער שטעלונג צו העגעלן.

בײַ העגעלן האָט קאַרל מאַרקס גענומען די אוניווערסאַלקייט פונם פּראָבלעם, דעם דיאַלעקטישן מעטאָד, מאַרקס ווידער האָט אויף סמך פון געשיכטע־פאָרשונגען מיט אַ סיסטעמאַטישער אַלזייטיקייט און טיפן שאַרפזין פאַרייניקט דאָס פּראָבלעם אין אוניווערסאַלן גרויס און מיט דעם גופא שטייגט איבער קאַרל מאַרקס סאָציאַלע פילאָזאָפיע סען־סימאָנס

עקאָנאָמישע אויסטייטשונג פֿון די געשיכטלעכע דערשיינונגען, אָבער אין איין זאַך זיינען זיי עקוויוואַלענט איינער דעם צווייטן: אַף איין אופֿן טייטשן אויס סיי קאַרל מאַרקס, סיי סען־סימאָן די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פֿונם שטאַרבנדיקן מיטלאַלטער.

פֿאָלגנדיקער פֿאַרגלייך באַשטעטיקט די ארויסגעזאָגטע מיינונג: סיי סען־סימאָן, סיי קאַרל מאַרקס האָבן געשטרעבט צום וויסנשאַפֿטלעכן דערקענען די געשיכטלעכע דערשיינונגען און זייער אויפֿגאַבע איז געווען, אַז די בילדנדיקע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרמאַציעס פֿון דער צוקונפֿט זאָלן זיין אונטערגעוואָרפֿן אַ געוויסער אויסרעכנונג אַפֿן סמך פֿון פֿעסטשטעלן די באַהערשנדיקע געזעצן פֿונם היסטאָרישן לעבן, — און ביידע האָבן זיי באַטאַנט איינע און דיזעלבע ווירקונג פֿון די געשיכטלעכע און נאַטירלעכע געזעצן. דערפֿאַר טאַקע זיינען זייערע סכעמעס ניט קיין אוטאָפּיעס, נישט קיין ווילקירלעכער אידעאַל, ארויסגערופֿן דורך סוביעקטיווע נייגונגען, — זייערע סכעמעס זיינען אַ נויטווענדיקייט, וואָס נעמט אירע יסודות און ציט יניקה אין דער אַנטוויקלונג פֿונם סאָציאַלן לעבן. סען־סימאָן האָט אָנגעוויזן, כדי די פֿאַרשריטלעך־ווירקנדיקע כוחות זאָלן זיך באַפֿרייען פֿונם כאַאָס פֿון די סאָציאַלע טאַטזאַכן, כדי די שוין־געגעבענע אידייען און אינטערעסן זאָלן ווערן בולטער פֿאַלט אַפֿן סאָציאַל־פֿילאָזאָף די אויפֿגאַבע אויפֿצוקלערן די סאָציאַלע פּאָסטולאַטן, וואָס ליגן פֿאַרבאָרגן אין די אינטערעסן און אידייען און געבן וויניקסטנס די קאָנטורן פֿון די באַדינגונגען פֿאַר אַ נייער קינפֿטיקער אָרדנונג. דאָס אַלעס האָט סען־סימאָן ארויסגעבראַכט מיט אַזאַ קלאָרער שאַרפֿקייט, ווי קאַרל מאַרקס, אָנצייכנדיק זייער געלינגען די אייגנאַרטיקייט פֿון די פּאָסטולאַטן. אפֿילו דאָס אויפֿקלערן די אַנטוויקלונגס־טענדענצן, וואָס באַהערשן די עפּאָכן און צייטן האָבן סיי באַ סען־סימאָנען, סיי באַ קאַרל מאַרקסן ענלעכע ליניעס. ווי קאַרל מאַרקס, האָט אויך סען־סימאָן באַטראַכט דעם פֿאַרשריט פֿון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיע פֿאַרן איינציקן באַוועגנדיקן כוח פֿונם געשיכטלעכן וועזן און די פּאָליטישע שטרעבונגען האָט ער געמאַכט אָפּהענגיק פֿונם וואַנדל פֿון די עקאָנאָמישע דערשיינונגען. באַ סען־סימאָנען האָבן זיך די אינדוסטריעלער באַנוצט מיטן קלאַסן־קאַמף, ווי מיט אַ מיטל צו דערגרייכן די פּאָליטישע מאַכט, — און

דאסזעלבע האָט קאַרל מאַרקס אַריבערגעטראָגן אפן בירגערטום. אויך זיינען זיי ביידע געווען איינשטימיק אין דער מיינונג, אַז די פראַנצויזישע רע־וואָלוציע איז א רעזולטאַט פונם פּאָליטישן קאַמף פונם בירגערטום. דער רעוואָלוציאָנערער כוח פון דער אינדוסטריע האָט צושטערט דאָס פעאָדאַלע סיסטעם, און דאס אַרט פונם פעאָדאַלן סיסטעם האָט פאַרנומען אַן אומ־באַשטימטע ליבעראַלע סיסטעם. אַזוי האָט געמיינט סען־סימאָן, און קאַרל מאַרקס האָט עס דעפינירט אַלס דאָס קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטס־סיסטעם. און גראָדע איז עס געווען א היסטאָרישע נויטווענדיקייט, א רע־זולטאַט פון ווירקנדיקע טאַטזאַכן און ניט, ווי די אוטאָפּיסטן, האָבן גע־האַלטן, אַז דאָס איז בלויז א שכל־ווירדיקע זאַך. אף אַזא אופן איז דאָס גע־זעלשאַפטלעכע סיסטעם, וואָס איז געקומען נאָך דער פעאָדאַלער אָרדנונג ניט מער, ווי א צווישנסטאַדיע, אַן אָפּגעלאָפענע געזעלשאַפטס־שטופע, וואָס וואַרט אף דער אויסבילדונג פון אַ נייער אָרדנונג. די אָרדנונג פון די סאָציאַלע פאַרהעלטעניש, אין וועלכער עס זיינען איינגלאַקירט אַלע סאָ־ציאַלע כוחות און פאַרבינדן אַלע סאָציאַליזירנדיקע פאַדים, דאַרפן ערשט ווערן אָרגאַניזירט און די נייע אָרגאַניזאַציע וועט אַ דאַנק דער גלייכאַרטי־קייט פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג אין אַלע ציוויליזירטע לענדער דורכבערעכן די נאַציאָנאַלע ראַמען, — די נייע אָרגאַניזאַציע וועט טראָגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. סען־סימאָן האָט די נייע אָרגאַניזאַציע געקרוינט מיטן נאָמען אינדוסטריעלע אַסאָציאַציעס, ווידער באַ קאַרל מאַרקס איז עס די קאָנצענטראַציע פון דער גאַנצער פּראָדוקציע אין די הענט פון אַסאָציאירטע אינדיווידואומס. ערשט אַזאַ אַסאָציאַציע וועט פאַרווירקלעכן די פרייהייט, — די ריכטיקע סאָציאַלע פרייהייט, וואָס האָט ניט קיין געמיינזאַמעס מיט דער בירגערלעכער פרייהייט. עס וועט באַ־זייטיקט ווערן יעדער קלאַסן־הערשאַפט און אַפן אָרט פון מענטשן־הערשאַפט וועט זיך שאַפן אַ פאַרוואַלטונג איבער זאַכן און אַ דאַנק דעם, וואָס די מענטשן וועלן קענען די באַוועגונגס־געזעצן פונם סאָציאַלן לעבן, וועלן זיי זיך באַפרייען פון דער הערשנדיקער דעספּאָטיע פון די בלינד־ווירקנדיקע געזעלשאַפטס־מאַכטן, — די מענטשן וועלן זיך מאַכן אונטער־טעניק די געזעלשאַפטס־מאַכטן און זיי אויסנוצן פאַר נוצלעכע צוועקן.

געווים דאַרף מען ניט איבערשאַצן די ענלעכקייט אינם גערדאַנקנבוי פון די ביידע דענקער, ווייל ניט ווייניקער גרוים זיינע די דיפערענצן צווישן זיי. סען־סימאָן האָט געהאַלטן, אַז די אונטערנעמער, איבערהויפּט די מערפעאיקע זיינען די אויסדערוויילטע צום פאַרווירקלעכן די גרויסע וועלט־געשיכטלעכע אויפגאַבע פון אינטערנאַציאָנאַלן אויפבויען די געזעלשאַפט. די ברייטע מאַסן האָט סען־סימאָן אויסגעשלאָסן פונם פּאָליטישן לעבן, — סיי די פּאָליטישע, סיי די סאָציאַלע מאַכט דאַרף זיך געפינען אויסשליסלעך אין די הענט פון די אַזוי־גערופענע אינדוסטריע־שעפן. מ׳קען אפילו געפינען אַ זכות־אבות אף סען־סימאָנען פאַר אַזאַ מין אויסשאַלטן די מאַסן פונם אַלגעמיינעם קרייז פון פּאָליטישע אונטערנעמונגען, — אין דער עפּאָכע, אין וועלכער סען־סימאָן האָט געלעבט איז דער טרעגער פון דער פּאָליטישער הערשאַפט געווען דאָס בירגערטום, דאָס בירגערטום איז אויך געווען דער מער־פּאָרגעשריטענער און פּראָדוקטיוו־בויענדיקער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט און מעגלעך, אַז דאָס האָט געשטערט סען־סימאָנען צום פאָרמולירן קלאָרע סאָציאַליסטישע פּאָסטולאַטן, — און דאָך איז זיין טעאָריע דורכגעזאַפּט און דורכגעדרינגען מיט סאָציאַליסטישע טעאָריעס, וואָס האָבן באַדאַרפט באַקומען זייער ווייטערדיקן תיקון. זיין טעאָריע וועגן אייגנטום, ווי אַ סאָציאַלער אַנטוויקלונגס־פּראָדוקט, זיינע געדאַנקען וועגן אָפּשאַפן קלאַסנהערשאַפט, — דאָס אַלעס האָט איינגעהילט סען־סימאָנס דענקען אין אַ טענדענץ, וואָס פירט צום וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

קאַרל מאַרקס האָט געלעבט אין אַ שפּעטערדיקער צייט פון אַ מער אַנטוויקלטן ווירטשאַפטלעכן לעבן. סיי אין פראַנקרייך, סיי אין ענגלאַנד האָט די בורזשואַזיע באַפעסטיקט איר מאַכט און מיט אַ ברוטאַלער קלאַסן־הערשאַפט אונטערדריקט דעם פּראָלעטאַריאַט און אָט אין דעם וויכטיקן מאָמענט איז געלעגן סען־סימאָנס טעות: ער האָט זיך אָפּגענאַרט אין זיינע האָפנונגען אף דער גוטהאַרציקייט פון די אונטערנעמער. סען־סימאָן האָט ניט דערפאַרן דעם אמת, אַז די געשיכטע ווייסט ניט פון קיין איין פאַל, ווען די בורזשואַזיע זאָל מוותר זיין אף אירע פּריווילעגיעס און רעכט, מקריב זיין איר אייגענעם וואויל לטובת די מאַסן, לטובת די אַרבעטנדיקע

שיכטן. די יולי־רעוואָלוציע אין פראַנקרייך האָט געבראַכט די בורזשואַזיע צו דער מאַכט, אָבער די בורזשואַזיע האָט ניט בלויז ניט געזאָרגט פאַר אַ סאָציאַלער געזעצגעבונג צום פאַרבעסערן די לאַגע פונם אַרבעטער־קלאַס, נאָר זי האָט נאָך באַרויבט די אַרבעטערשאַפט סיי פּאָליטיש, סיי סאָציאַל. די בורזשואַזיע האָט פאַרוואַנדלט די אַרבעטערשאַפט אין אַ רעכט־לאָזן קלאַס און אויף אַ נאַטירלעכן אופן האָט עס געמוזט פירן, אַז דער אַר־בעטערקלאַס זאָל אַנהויבן פאַרטיידיקן זיינע רעכט, קאַנסטיטואירן און זיך אָרגאַניזירן אין אַ זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי, דאָס אַנטשטיין פון וועלכער סען־סימאָן האָט פאַרויסגעזען און פאַרויסגעזאָגט. אין ענגלאַנד האָט צווישן דער אַרבעטערשאַפט געהערשט אַן אומבאַשרייבלעכער עלנט, און אין דעם עלנט האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוקריסטאַליזירן דער קראַפט־באַוואוסטער גייסט פונם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט מיט זיין זעלבסטשטענ־דיקן קאַמף פאַר פרייהייט. צום גרויסן באַוואונדערן פון דער גאַנצער וועלט איז אין די דרייסיקער יאָרן פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט אַנטשטאַנען אין ענגלאַנד די טשאַרטיסטן־באַוועגונג, און כאָטש זי האָט ניט געטראָגן קיין סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, דאָך איז זי דורכאויס געווען דורכגעדרינגען מיט פּראָלעטאַרישע שטרעמונגען, פון וועלכע עס האָט זיך אַנטוויקלט דער ענג־לישער טרעד־יוניאָניזם, — די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג פון די ענגלישע אַרבעטער.

אַ דאַנק זיין טיפן בליק אויף דער נויטווענדיקייט פון אַ סאָציאַלער עמאַנציפּאַציע, איז סען־סימאָן אין די צייטן פון דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע געוואָרן דער וואָרטפירער פונם אויפשטייגנדיקן פראַנצויזישן בירגערטום און אינם זעלבן אופן איז קאַרל מאַרקס געוואָרן דער וואָרט־זאָגער און וואָרטפירער פון דער פּראָלעטאַרישער זאַך: נאָר אין קאַמף וועט דער פּראָלעטאַריאַט דעראַבערן די אָוועקגערויבטע באַ אים רעכט און פרייהייט און זיך באַפרייען פון די קייטן, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. דער סאָציאַלער אידעאַל, וועלכן קאַרל מאַרקס האָט איבערגעליפערט דעם פּראָלעטאַריאַט, איז שטאַרק פאַרשידן פון סען־סימאָנס אידעאַלן: דער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס קאַרל מאַרקס האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט צו פאַרגעזעלשאַפטלעכן די פּראָ-

דוקציע־מיטלען, וואָס וועט פאַרווירקלעכט ווערן אויסשליסלעך אינם קאַמף פונם פּאָליטיש־רייף געוואָרענעם פּראָלעטאַריאַט.

פאַרשידן זיינען די מיינונגען וועגן די פּאָרגענגער, וואָס האָבן גע־ליפערט קאַרל מאַרקסן שטאָף פאַר זיינע אומשטערבלעכע סכעמעס. ווי שוין געזאָגט, פיגורירן אממערסטן צווישן די פאַרגענגער שאַרל פוריע און ראָבערט אווען, — אָבער עס איז פיל ריכטיקער אָנצוגעבן, אַז דער ערשטער צווישן די פּאָרגענגער איז געווען סען־סימאָן. און מיט פּאָלקאָ־מענעם רעכט קען מען זאָגן: אויב קאַרל מאַרקס איז געוואָרן די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט פון אַ צואיילנדיקן פּראָלעטאַריאַט, וועלכן עס איז אָנגעטרויט די שליחות צו באַפרייען די וועלט פון עלנט און נויט און אָן אונטערשייד פון קלאַסן פירן די מענטשהייט צו אומבאַגרענעצטער פריי־הייט און אַבסאָלוטן גליק, איז סען־סימאָן געווען די פּאָליטישע זעלבסט־שטענדיקייט פון אַ צואיילנדיקן בירגערטום, אַפן שוים פון וועלכן דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין אַ קלאַס און געוואָרן דער טרעגער פון אַזעלכע סאָציאַל־פּאָליטישע אידייען און פון אַזאַ גע־שיכטלעכן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, וואָס וועט ענדלעך די אוטאָפּיע פון אומבאַגרענעצטער פרייהייט און אַבסאָלוטן גליק פאַרוואַנדלען אין אַ ממשותדיקער דערשיינונג און אַנסופּעדיקער ווירקלעכקייט.

ס ו ף.

VI

ביבליאָגראַפיע

באַנוצטע ביכער און מאַטעריאַלן

סען-סימאָנס ווערק אין פאַרשידענע אויפלאַגעס:

1. Adresse aux philanthropes par H. St. Simon, extraite de son ouvrage sur le systéme industriel, avec cette épigraphe: „Dieu a dit: aimez-vouz et secoures vous les uns les autres.'' 1821.
2. Des Bourbons et des Stuarts 1822.
3. Catechisme des industriels. Trois cahiers 1823 — 1824.
4. Catechisme des industriels. Quartieme Cahier 1824.
5. Noveau christianisme. 1825.
6. Premiére circulaire. A toutes les personnes occupés des traveaux utiles et independents. A toutes celles qui desirent franchements la prosperité de l'industrie. Juillet 1817.
7. Une seconde circulaire donne la liste des personnes qui aux souscrit.
8. Circulaire relative a L'Organiastion, troisiéme livraison 26 Mars 1820.

9. Considerations sur les mesures á prendre pour terminer la revolution présentées du Roi ainsi qu'a messieurs les agriculteurs, negociants, manufacturiens et autres industriels, qui sont membres de la chambre des députés. 1820.
10. Lettre á messieurs les cultivateurs, fabricants, negociants, banquiers. 1820.
11. Considerations relatives d'une petition pour demander d'addition d'on article á la loi de finances. 1819.
12. Du contrat social, — suite des travaux ayant pour objet de fondes le systéme industriel. 14 Avril 1822.
13. Correspondance entre M. de St.Simon et M. de Rederer 1807 — 1811.
14. Nouvelle encyclopédie. Premiere livraison servant de prospectus. 1810.
15. Esquisse d'une nouvelle encyclopédie ou instruction á la philosophie du XIX siecle, ouvrage dédié aux penseurs. 1819.
16. Extraits de l'Organisteurs. Novembre 1819.
17. Quelques idées soumises par M. de St. Simons a l'assemblée générale de la société d'instruction primaire 1816.
18. L'industrie litéraire et scientifique lignée avec l'industrie commerciale et manufacturiére, ou opinions sur les finances, la politique, la morale et la philosophie, dans l'interet de tous les hommes livrées á des travaux utiles et indépendants. Tome I — 1816. T. 2 — 1817, T. 3 — 1817.
19. Sur les intéréts politiques de producteurs. 1822.
20. Deux lettres a MM. les électeurs du départament de la Seine qui sont producteurs. 1822.

21. Lettres d'un habitant de Génève á ses contemporains 1303.
22. Memoire de la gravitation. 1811.
23. Memoire sur la sciénce de l'homme. 1813.
24. Naissance du christianisme. 1818 — 1819.
25. Opinion sur les mesures á orendre contre la coalition de 1815 (par St. Simon et A. Thierry).
26. Premiére opinion politique des industriels 1821.
27. L'Organisateur. Prospectus et deux livraison. 1819 — 1820.
28. Le parti national ou industriel comparé au parti anti-national 1819.
29. De la reorganisation de la societé européenne par St. Simon et A. Thierry. 1814).
30. Du systéme industriel. 18211.
31. Vie de St.-Simon, écrite par lui-méme. 1824.
32. Doctrine de St.-Simon. Exposition prem. aunée 1828 — 1829, troisiéme édition. 1831. Preface: sur la vie et la charactere de St.-Simon.
33. Ouvres complétes de St. Simon, publié's par Olinde Rodrigues. Paris 1832.

    (1)Lettres d'un habitant de Génève á ses contemporains 1302; 2) Parabole politique. 1819; 3) Nouveau christianisme. 1825; 4) Catéchisme politique des industriels. 1824; 5) Vues sur la prospriéte et la legislation 1818; 6) Du sistéme industriels. 1821.).
34. Doctrine de St.-Simon. Exposit. prém, aunée 1828-1829, troisieme edition, revue et corrigée. Paris.

ווערק פון אנדערע מחברים וועגן סען-סימאָנען.

35. **Dupuis.** — De l'origine de tons les cultes ou religion universelle. 1869.

36. **August Comte.** — Sociologie. 1833.

37. **Condorcet.** — Esquise d'un tableau historique des progrés de l'Esprit humain. 1795.

38. **D'Alembert.** — Discours preliminaire. 1820.

39. **D'Alembert.** — Eléments de la philosophie. 1759.

40. **Turgot.** — Discours en Sorbonne sur les progrés succesifes de l'Esprit humain. 1808 - 1811.

41. **Cabanis.** — Le raport de physique et du moral. 1384.

42. **Picavet. — Les ideologues. 1891.**

43. **Janet.** — Histoire de la science politique. 1883.

44. **Condillac.** — Traité des sensations. 1754.

45. **Sismondi.** — Etudes sur l'economie politique. 1837.

46. **Duering.** — Kritische Geschichte der National-oekonomie und Sozialismus. 1875.

47. **Vico.** — Grundzuege einer neuer Wissenschaft ueber die gemeinschaftliche Natur der Voelker. 1822.

48. **Ruusseau.** — Abhandlung ueber den Ursprung und ueber den grund der Ungleichheit unter den Menschen. 1758.

49. **J. Taine.** — Die Entstehung des modernen Frankreich. 1902.

50. **Burke.** — Betrachtungen ueber die franzoesische Revotion. 1793.

51. **W. Sombart.** — Sozialismus und soziale Bewegung. 1897.

52. **W. Sombart .** — Der proletarische Sozialismus. 1925.

53. **Andler.** — Le manifeste communiste. 1901.
54. **Bazard.** — Exposition de la doctrine Saint-Simonenne. 1829.
55. **E. Tourniere.** — Les theories socialistes de Babeuf a Proudhon. 1904.
56. **L. Blank.** — L'Histoire de dix aus. 1830 - 1840; — 1841/1844.
57. **Proudhon.** — De la creation de l'ordre dans l'humanité. 1843.
58. **K. Marx.** — Zur Kritik der pol. Oekonomie, Herausg. v. Kautsky. 1903.
59. **Hegel.** — Die philosophie der Geschichte. 1832.
60. **Hegel.** — Encyclopedie der philosophischen Wissenschaften in Grundrisse. 1817.
61. **Lorenz Stein.** — Der Sozialismus und Communismus im heutigen Frankreich. 1848.
64. **Lous Blanc.** — L'Organisation du travail. 1848.
65. **K. Marx u. Fr. Engels.** — Das Kommunistische Manifest. 1860.
66. **Fr. Engels.** — Die Entwicklung des Sozialismus von der Utopie zur Wissenschaft. 1882.
67. **Karl Gruen.** — Die soziale Bewegung in Frankreich u. Belgien. 1847.
68. **A. Dumas.** — Psychologie de deux Messies positivistes Saint-Simon et A. Comte. 1905.
69. **Weil.** — Saint Simon et sou oeuvre. 1894.
70. **Olinde Rodrigues.** — Parable politique. 1832.
71. **Halevy.** — Les idées economistes de St.-Simon (Revue de Mai-Decembre 1907).

72. **Aftalion.** — L'Oeuvre economique de Simon de de Sismondi. 1899.
73. **Charlety.** — Histoire de St.-Simonisme. 1896.
74. **Weil.** — Histoire de Saint-Simonisme. 1896.
75. **Louis Reybaud.** — Estudes sur les reformateurs contemporains ou socialistes modernes: St.-Simon Charles Fouriers, Robert Owen. 1864.
76. **G. Hubaar.** — Saint-Simon, sa vie et ses travaux. 1857.
77. **E. Faguet.** — Le Comte de St.-Simon (Revue de deux Mondes 15 Juin 1894).
78. **Ferraz.** — Socialisme, Naturalisme, positivisme. 1877.
79. **Flint.** — Philosophie de l'histoire en France. 1878.
80. **Arthur Boot.** — Saint-Simon et le Saint-Simonisme. 1871.
81. **Boissier.** — Saint-Simon. 1892.
82. **Jules Simon.** — Notices sur Michel Chevelaier, Louis Reibaud, Eduard Charton. 1891.
83. **Wassergruen.** — Die sozialwissenschaftliche Ideen St.-Simons. 1905.
84. **Coeussier.** — Ein huldiger des mystischen Sozialismus.
85. **P. Hanet.** — Le Fondateur du socialisme moderne St.-Simon. Revue de deux Mondes 15 Avril 1876).
86. **P. Janet.** — Les origines de la philosophie d'Auguste Comte et St.-Simon. (Revue de deux Mondes. I-er Août 1887.
87. **P. Janet.** — Saint-Simon et le Saint-Simonisme. 1878.
88. **Bauer Stephan.** — Saint-Simon (Archiw fuer Geschichte des Sozialismus und Arbeiterbewegung. B. 12).
89. **Ch. Gide u. Rist.** — Geschichte der Volkswirtschaftlichen Lehrmeinungen. 1923.

90. **Neue Monatschrift** fuer Deutschland, historisch-politischen Inhalts, herausgegeben von Buchholz Bd. 21, 22, 34,35. 1834.

91. **Г. В. Плеханов** (В. Бельтов). — К вопросу о развитии монистическаго взгляда на историю. 1919.

92. **René Gounard.** — Histoire des doctrines economiques. 1930.

אינהאַלט:

I

סען-סימאָן — די פּערזענלעכקייט — — — — — פון 5 ביז 15

II

סען-סימאָן — דער פילאָזאָף — — — — — — — — „ 19 „ 42
קאַפּיטל איינס: „בריוו פון אַ גענפער" — — — — — — „ 19
„ צוויי: סען־סימאָן און די פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע „ 23
„ דריי: סען־סימאָן און די געשיכטע־אויפפאַסונג „ 29
„ פיר: סען־סימאָן און זיינע פאָרלויפער — — — — — „ 36

III

פונם פילאָזאָף צום סאָציאַל־פילאָזאָפישן רעפאָר־
מאַטאָר — — — — — — — — — — „ 42 „ 57
סען־סימאָן און אויגוסט טיערי: „וועגן רעאָרגאַניזירן די
מענטשלעכע געזעלשאַפט — — — — — — — — „ 45

IV

סען-סימאָן — דער סאָציאָלאָג (דאָס אידוסטריעלע
סיסטעם) — — — — — — — — — „ 57 „ 124
קאַפּיטל איינס: דער געזעלשאַפטלעכער יסוד — — — — „ 57
„ צוויי: דער אופן פונם אינטעלעקטואַליסטישן
אויפפאַסן די געשיכטע — — — — — — — „ 67
„ דריי: דאָס עקאָנאָמישע אויפפאַסן די געשיכטע „ 74
„ פיר: דאָס אָפּשאַצן די צייט־שטרעמונגען — — „ 82
„ פינף: סען-סימאָן און די אוטאָפּיסטישע געזעל. „ 97
„ זעקס: די אידייע וועגן עקאָנאָמישע אַסאָציאַציעס „ 105
„ זיבן: אוטאָפּיסטישע און סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָ־
רישע עלעמענטן אין סען־סימאָנס אידייען — „ 117

V

סען-סימאָן און דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם „ 127 „ 159
קאַפּיטל איינס: סען־סימאָנס איינפלוס אויף קאַרל מאַרקס
מאַטעריאַליסטישן אויפפאַסן די געשיכטע — „ 127
„ צוויי: סען־סימאָן און קאַרל מאַרקס — — — — „ 153

VI

ביבליאָגראַפיע (באַנוצטע ביכער און מאַטעריאַלן) — „ 161 „ 168
1) סען־סימאָנס ווערק אין פאַרשידענע אויפלאַגעס „ 161
2) ווערק פון אנדערע מחברים וועגן סען־סימאָנען „ 164